STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11008

MOTL PEYSI DEM KHAZNS YINGL

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11008-6

9780657110086T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

·שול- און-יוגנט-ביבליאטעק № 1

שאָלעם אַלײַכעם

מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל

קסאָווים פון אַ ייִנגל אַ יאָסעם.

מלוכע-פארלאג. קיעוו.
·1921

געדרוקט מיט פאַרקירצונגען
אונטער דער רעדאַקציע
פון דער שולסעקציע
ביי „קולטורליגע".

צוגעגרייט דורכן פאַרלאַג
„קולטורליגע".

1-טע יידישע ראַטן-דרוקעריי, קרעשטשאַטיק 14. באַשט. 885 — 5000 עקז.
(ע. מ. צ. קיעוו.)

1.

איך און דאָס קעלבל

א.

איך גיי מיט אייך אין געוועט אף וויפל איר ווילט, אז קיינער אין דער וועלט איז נישט געוועז אזוי צופרידן מיטן וואַרימען ליכטיקן נאָך פייסעך, ווי איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, מאָטל, און דעם שאָכנס קעלבל, וואָס מע רופט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם א נאָמען געגעבן „מעני").

ביידע גלייך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער וואַרימער זון אינם ערשטן וואַרימען נאָך פייסעכדיקן טאָג, ביידע גלייך האָבן מיר דערשמעקט דעם רייאַך פונם ערשטן גרינעם גרעזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט אַרויס פון דער נאָר וואָס אויפגעדעקטער ערד, און ביידע גלייך זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון דער פינסטערער איינגעשאָפט צו מקבל פּאָנים זיין דעם ערשטן זיסן, ליכטיקן און וואַרימען פרילינגס מאָרגן. איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, מאָטל, בין אַרויס פון א טוואָן, פון א קאַלטן נאַסליכן קעלער, וואָס שמעקט מיט זויערטייג און מיט רפוּעס פון דער אַפּטייק; און מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָך פון אַן ערגערן איפּעש: פון א קליין, פינסטער, בלאָטיק, פאַרפאַסקודיקט שטעלעכל מיט אויסגעקרימטע צעפליקטע ווענט, וואָס ווינטער בלאָזט אַריין אַהין דער שניי און זומער שמייסט אַריין דער רעגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אף גאָטס פרייַער ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, אויס דאַנקבאַרקייט צו דער נאַטור, זיך גענומען אויסדריקן אונזער צופרידנקייט. איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרייע וואַרימע לופט אַזוי פיל, וויפל איך האָב געקאָנט,—און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הייך, און ס'ציט מיך אַרויף-אַרויף אין דער טיפער בלויער יאַרמולקע אַריין, דאָרט וואו די שיטערע רויכיקע, וואָלקנס שוועבן, דאָרט וואו די ווייסע פויגלען טוקן זיך, באַוויַיזן זיך און ווערן פאַרשוואונדן מיט א קוויטש און מיט א צוויטשער, און עס רייסט זיך אַרויס פון מייַן אָנגעפילטער

ברוסט און מיין וויסן א מין געזאנג נאך שענער ווי יאנטעוו מיטן טאטן ביים אמעד, א געזאנג אן ווערטער, און א שום מאטיוו, א מין נאטור־געזאנג פון א וואסערפאל, א געטליכע היספיילעס, א הימלשע באגייסטערונג.

אט אזוי האט ארויסבאוויזן זיין צופרידנקייט מיטן ערשטן פריילינגס־טאג פייסי דעם כאזנס יינגל. גאנץ אנדערש האט דאס אויסגעדרוקט מעני, דעם שאכנס קעלבל.

מעני, דעם שאכנס קעלבל, האט קודעם ארייגעשטעקט די שווארצע נאסע מארדע אין מיסט אריין, אשאר געטאן מיטן פעדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך א מאל דריי, פארריסן דעם עק, אויפגעשפרונגען נאכדעם אף אלע פיר, און ארויסגעלאזט א טומפיקן „מע“. דער „מע“ האט מיר אויסגעוויזן אזוי קאמיש, אז איך האב זיך געמוזט צעלאכן און נאכמאכן פונקט דעם אייגענעם „מע“ מיטן זעלביקן נוסעך, וואס מעני; מענין איז דאס, ווייוס אויס, געפעלן, ווארן ס'האט לאנג נישט גענומען, האט דאס קעלבל איבערגעכאזערט דאס אייגענע נאך א מאל, מיטן זעלביקן נוסעך, און מיטן זעלביקן שפרונג. זעלבסטפארשטענדליך, אז איך האב דאס באלד נאכגעטאן מיט אלע פישטשעווקעס מיטן קאפ און מיטן שפרונג. אזוי עטליכע מאל: איך א שפרונג, דאס קעלבל א שפרונג; דאס קעלבל א „מע“, איך א „מע“, ווער וויסט ביז וואנען די שפיל וואלט זיך אזוי געצויגן, ווען ניט א שנייד פון אונטן אין האלדז אריין פון מיין עלטערן ברודער עליאהו מיט אלע זיינע פינף פינגער:

—איינגעזונקען זאלסטו ווערן! א באכערל פון פינף יאר שטעלט זיך אוועק כאפצן מיט א קעלבל!... אין שטוב אריין גיי, דו הולטייאיינער!... דער טאטע וועט דיר שוין געבן!...

ב.

בלאטע! דער טאטע וועט מיר ניט „געבן“ גארנישט. דער טאטע איז קראנק. ער דאוונט שוין ניט פארן אמעד פון סימכאסטוירע אן. גאנצע נעכט הוסט ער. עס גייט צו אונז דער שווארצער דאקטאר, א גראבער מיט שווארצע וואנסן און מיט לאכנדיקע אויגן—א פריילעכער דאקטאר, מיך רופט ער, „פיפיק“ און שנעלט מיר מיט די פינגער אין בייכל אריין. ער זאגט אן אלע מאל דער מאמען, מ'זאל מיך ניט שטאפן מיט קיין קארטאפעלעס, און דעם קראנקן זאל מען געבן נאר בוליאן און מילך, מילך און בוליאן... די מאמע הערט אים אויס, און אז ער גייט אוועק, באהאלט זי דאס פאנים אין פאטוך און די אקסלען טרייסלען זיך ביי איר... נאך דעם ווישט זי אויס די אויגן, רופט צו

מײַן ברודער עליאָהו אַף אַ זײַט און מע סוירעט זיך שטילערהייד. וואָס זיי רעדן, ווייס איך ניט, נאָר מיר דאַכט, זיי קריגן זיך, די מאַמע שיקט אים ערגעץ, ער וויל ניט גיין, ער זאָגט צו איר:

— איידער אָנקומען צו זיי, וועל איך דיר בעסער גיין אין דער ערד אַרײַן!... איך וועל בעסער שטאַרבן הײַנטיקן טאָג!...

— בײַס דיר אָפּ די צונג, משומעד איינער, וואָס רעדסטו?

אַזוי ענטפערט אים די מאַמע שטיל, ציפּעט צונויף די ציין, מאַכט צו אים מיט די הענט, איז גרייט אים דוירעס זײַן; זי ווערט אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו אים:

— וואָס זאָל איך טון, מײַן זון, אַ ראַכמאָנעס אָפּן טאַטן... מע מוז דאָך אים ראַטעווען!...

— פאַרקויפט מען עפּעס — זאָגט מײַן ברודער עליאָהו און כאַפּט אַ קוק אַף דער גלעזערנער שאַפע, און די מאַמע קוקט אויך אַף דער זעלבער שאַפע, ווישט די אויגן און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איך פאַרקויפן? די נשאָמע? שוין נישטאָ וואָס צו פאַרקויפן, סײַדן די ליידיקע שאַפע?

— פאַרוואָס ניט? — זאָגט איר מײַן ברודער עליאָהו.

— רויצייאָך! — ענטפערט אים די מאַמע מיט רויטע אויגן — פון וואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען אַזעלכע ראָצכים קינדער?!

די מאַמע פײַערט און קאָכט, ווײַנט זיך אויס, ווישט אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די ספאָרים, מיט דער זילבערנער אַטאַרע פונם טאַליס, מיט די צוויי געגילטע בעכערלאַך, מיט איר זײַדן מאַלבעש, און מיט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן איינציקווייז און אַלע מאָל אָן אַנדער קוינע.

די ספאָרים האָט אָוועקגעקויפט מיכל דער פאַטענטרעגער. מײַן ברודער עליאָהו איז, נעבעך, געגאַנגען צו אים דריי מאָל, איידער ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך מעכײַע געווען, אַז זי האָט אים דערזעהן און באַוויזן אים מיטן פינגער, ער זאָל רעדן שטיל, ביכדיי דער טאַטע זאָל נישט הערן. מיכל האָט פאַרשטאַנען, פאַרויסן דעם קאָפּ אַרויף אַף דער פאַליצע און אַ זאָג געטאָן:

— אַ'נו, ווייזט, וואָס האָט איר דאָרטן?

מיט אַ וואונק האָט מיר די מאַמע באַוויזן, איך זאָל אַרויף אָפן טיש און דערלאַנגען די ספאָרים. צוויי מאָל איבערכאַזערן איז נישט געווען נויטיק. איך בין מיט איין שפּרונג אַרויף מיט אַזאַ גדולע, אַז איך האָב מיך אויסגעצויגן איבערן טיש און נאָך געכאַפּט אַ

צוגאָב פֿון מיין ברודער עליאָהו, איך זאָל ניט שפּרינגען ווי אַ משוגענער. מיין ברודער עליאָהו האָט זיך אַליין מאַטריאָך געווען אָפּן טיש און האָט דערלאַנגט מיכלען אַלע ספֿאָרים. מיכל האָט געבלעטערט די ספֿאָרים און געזאָגט כּיסרוינעס. יעדער סייפֿער האָט זיין כיסאָרן: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט; ביי דעם איז דער ריקן שטאַרק צעגעסן; דאָ איז דער סייפֿער אַליין קיין סייפֿער ניט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבערגעקוקט אַלע ספֿאָרים, מיט אַלע בונדן, מיט אַלע רוקנס, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין בערדל:

— ס'זאָל זיין מישנייעסן אַ גאַנצער גאַנג, וואָלט איך זיי עפּשער אָוועקגעקויפֿט.

די מאַמע איז געוואָרן טויט, ווי די וואַנט, און מיין ברודער עליאָהו איז, פֿאַרקערט, געוואָרן רויט, ווי פֿייער; ער איז אָנגעפֿאַלן אָפּן פֿאַקנטרעגער:

— האָט איר דאָך לכאַטכילע געקאָנט זאָגן, אַז איר קויפֿט גאָר מישנייעסן! וואָס זיינט איר געקומען דולן אַ ספּאָדיק און דרייען אַ מויאָך?

— לאָז זיין שטיל, — בעט זיך ביי אים די מאַמע, און ס'הערט זיך אַ הייזעריקע שטים פֿונם צווייטן אַלקער, וואו דער טאַטע ליגט;

— ווער איז דאָרטן?

קיינער ניט – ענטפֿערט אים די מאַמע און שיקט אָפּ מיין ברודער עליאָהו צום קראַנקן און אַליין האַנדלט זי מיט מיכל דעם פֿאַקנטרעגער, פֿאַרהאַנדלט אים די ספֿאָרים, אָפּאָנים פֿאַר זעהר ווינציק געלט, וואָרן אַז מיין ברודער עליאָהו קומט אַרויס פֿון מיין טאַטנס אַלקער און פֿרעגט זי: „וויפֿל"? שטופּט זי אים אָפּ און זאָגט אים „ס'איז ניט דיין אייסעק"!.. און מיכל כאַפּט די ספֿאָרים גיך-גיך, פּאַקט זיי איין אין אַ זאַק אַריין און מאַכט פּלייטע.

ג.

פֿון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויסגעפֿאַרקויפֿט פֿון שטוב, האָט מיר קיינס פֿון זיי ניט צוגעשטעלט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן, ווי די גלעזערנע שאַפֿע.

ערשטענס, וואָס הייסט מ'וועט צונעמען? מיר האָט זיך טאָמיר געדאַכט, אַז אונזער גלעזערנע שאַפֿע איז צונויפֿגעוואַקסן מיט דער וואַנט, ווי אַזוי וועט מען זי נעמען? צווייטנס — ווי וועט די מאַמע פֿאַרשליסן דאָס ברויט מיט דער כאַלע, מיט די טעלער, מיט די

בלעכענע לעפל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפל און איין גאָפּל אַ זילבערנעם האָבן מיר געהאַט, האָט די מאַמע שוין לאַנג פאַרקויפט) און וואו וועלן מיר האַלטן פּייסאַך די מאַצע? די געדאַנקען זייַנען מיר געקומען אַפן קאָפּ, בשאַס דער סטאָליער איז געשטאַנען און געמאָסטן די שאַפע מיט זייַן גרויסן רויטן נאָגל פונם גראָבן פינגער פון דער אויסגעשמירטער האַנט. ער האָט אַלץ געדרוגגען, אַז די שאַפע וועט ניט אַרויס פון דער טיר. אַ סימען — אָט האָט איר אייך די ברייט פון דער שאַפע און אָט האָט איר די טיר — אָסער, אויב זי וועט אַרויס!

— ווי אַזוי-זשע איז זי אַריין? — פרעגט אים מייַן ברודער עליאָהו.

— גיי פרעג זי! — ענטפערט אים נאָכמען מיט קאַאַס — איך וויס, ווי אַזוי זי איז אַריין? מ׳האָט זי אַרייַנגעטראָגן, איז זי אַריין!...

איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס איך האָב מוירע געהאַט פאַר דער שאַפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלייבט פאַר אונז. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, און נאָכמען דער סטאָליער איז געקומען מיט זייַנע צוויי באָגים, אויך סטאָליאַרעס, און מ׳האָט געגעבן אַ נעם אונזער גלעזערנע שאַפע, ווי דער רואַך דעם מעלאָמער: פריער איז געגאַנגען נאָכמען, נאָכדעם ביידע באָנים, הינטן — איך. דער פאָטער האָט געקאָמאַנדעוועט: קאָפּל, אָן אַ זייט! מענדל, רעכטס! קאָפּל, ניט לויף! מענדל, האַלט!.. איך האָב זיי געהאָלפן נאָכטאַנצן. די מאַמע און מייַן ברודער עליאָהו האָבן ניט געוואָלט העלפן. זיי זייַנען געשטאַנען, געקוקט אַף דער ליידיקער וואַנט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שפּינוועבס, און האָבן געוויינט... אַן אַקציע מיט די צוויי—נאָר זיי וויינען!.. פלוצים—טררראַך! סאַמע ביי דער טיר האָט געפּלאַצט דאָס גלאָז, און דער סטאָליער מיט די באָנים האָבן גענומען זידלען זיך, אַרויפלייגן איינס אַף דאָס אַנדערע די באַד: „אַ ריר פון אַ בלייַענעם פויגל!".. „בערישע פיסו!" „דער רואַך כאַפּט אים אַוועק!". „ברעך דעם קאָפּ, צון אַל׳די שוואַרצע יאָר"...

— וואָס איז דאָרטן? — הערט זיך אַ הייזעריק קאָל פונם קראַנקן אַלקער.

— גאָרנישט! — ענפערט די מאַמע און, ווישט די אויגן.

ד.

— וואָס טוט מען ווייטער?

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מייַן ברודער עליאָהו איין מאָל אין אַ פרימאָרגן און באַטראַכט מיט אַ געקניייטשטן שטערן די ליידיקע פיר ווענט. איך און מייַן ברודער עליאָהו העלפן איר באַקוקן די פיר

ווענט. מיין ברודער עליאָהו קוקט אָף מיר פאַרזאָרגט און מיט ראכמאָנעס.

— גיי אין דרויסן! — מאַכט ער צו מיר שטרייננג — מיר דאַרפן דאָ עפּעס רעדן...

אָף איין פוס שפּרינג איך אַרויס אין דרויסן אַרויס, און, פאַרשכיים זיך, גלייך צום שאָכנס קעלבל.

די לעצטע צייט האָט זיך מעני געגעבן אַ הויב אָף די פיסלאַך, קיין אַאין האָרע אויסגעוואַקסן, געוואָרן שיין, דאָס שוואַרצע מאָרדעלע כיינעוודיק, די קיילעכדיקע אויגן — קלוג, מיט פאַרשטאַנד, ווי להאַוודל, א מענטש, אַ באַרדאַאָס, קוקט אַרויס. מ׳זאָל דעם עפּעס געבן אין מויל אַריין, האָט ליב, אַז מ׳קראַצט דעם אונטערן העלדל.

— שוין? דו האָסט זיך שוין ווידער צונויפגעסקאָמפּאַניעט מיטן קעלבל? קאָנסט זיך גאָר נישט צעשיידן מיט דיין טייערן כאַווער?

אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער עליאָהו שוין אָן קלאָלעס און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און זאָגט, אַז ער גייט מיט מיר צו הערש-בער דעם כאַזן. ביי הערש-בער דעם כאַזן, זאָגט ער, וועט מיר זיין גוט. ערשטענס, זאָגט ער, וועל איך האָבן וואָס צו עסן, אין דע׳ היים איז ניט גוט, זאָגט ער, דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מ׳דאַרף אים, זאָגט ער, ראַטעווען. מיר ראַטעווען אים, זאָגט ער, ווי ווייט מיר קאָנען. און מיין ברודער עליאָהו צעשפּיליעט די קאַפּאָטע און ווייזט מיר אָף זיין זשילעט:

— אָט האָב איך געהאָט אַ זייגער, אַ מאַטאָנע פון מיין מכיטן, האָב איך אים פאַרקויפט. דער מכוטן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטאָן כוישען! די וועלט וואָלט זיך געקערט!...

איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זיין מכוטן ווייסט ניט פונם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך ניט איבער. ווייז ווייז וועז, כאָלירע, די שאָ זאָל גאָר ניט זיין, ס׳קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמאָלט זיין מיט מעניןן, מיטן שאָכנס קעלבל? אַ שטומע צונג!...

— אָט זיינען מיר געקומען! — מאַכט צו מיר מיין ברודער עליאָהו, וואָס ווערט צו מיר אַלע מינוט מער צוגעלאָזט און פריינדליך.

הערש-בער דער כאַזן איז אַ ייד אַ „מנאַגן". דאָס הייסט, ער אַליין קאָן ניט זינגען; ער האָט, נעביך, קיין קאָל ניט. אַזוי האָב איך געהערט פון טאַטן. נאָר ער פאַרשטייט נגינע, און זינגערלאַך האָט ער אַ שטיקלאַך פופצן און איז אַ גייוער מענטש — סאַקאָנעס! ער פאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג אים א „מאָגן-אָוויס" מיט אַ „דריידל", ער גלעט מיך און זאָגט צו מיין ברודער, אַז איך האָב אַ „סאָפּראַנאָ". מיין ברודער זאָגט, אַז ניט נאָר אַ סאָפּראַנאָ, נאָר אַ סאָפּראַנאָ שבעסאָפּראַנאָ!...

מיין ברודער עליאָהו דינגט זיך מיט אים, נעמט אָן אויפגאָב אין

זאָגט מיר, אַז איך בלייב שוין דאָ, ביי רעב הערש-בער דעם כאַזן. איך זאָל אים פאָלגן, זאָגט ער, און איך זאָל ניט בייַנקען!...

אים איז גרינג צו זאָגן, איך זאָל נישט בייַנקען! ווי אַזוי זאָל איך ניט בייַנקען זומער-לעבן? די זון באַקט, דער הימל איז ווי אַ קרישטאָל, די בלאָטע האָט שוין לאַנג אויסגעטריקנט. אין דרויסן ביי אונז נעבן שטוב ליגן קלעצער; נישט אונזערע, דאָס איז יאָסי דעם נאָגידס קלעצער, ער קלייבט זיך בויען אַ שטוב, האָט ער צוגעגרייט קלעצער, האָט ער ניט וואו זיי אָפּצולייגן, האָט ער זיי אָפּגעוואָרפן נעבן אונז. לאַנג לעבן זאָל ער, יאָסי דער נאָגיד! וואָרן פון די קלעצער קאָן איך מיר מאַכן אַ „קרעפּאָסט“, און צווישן די קלעצער וואַקסן שטעכלקעס מיט קריגעלאַך. די שטעכלקעס זיינען גוט אַף צו שטעכן און די קריגעלאַך בלאָזט מען אָן און מ'טוט זיי אַ קנאַק אָן שטערן— פּלאַצן זיי.

מיר איז גוט. מענין, אונזער שאָכנס קעלבל, איז אויך גוט. איך און מעני זיינען די איינציקע באַלעבאַטים אָט דאָ „אינעווייניק אין דרויסן“, און ווי אַזוי זאָל איך ניט בייַנקען נאָך מענין, אונזער שאָכנס קעלבל...

ה.

ס'איז שוין בעַלד דריי וואָכן, ווי איך בין ביי הערש-בער דעם כאַזן, און זינגען זינג איך קימאַט גאָרניט, איך האָב אַן אַנדער אַרבעט: איך טראָג מיך אַרום מיט זיין דאָבציִן. דאָבצי איז אַ קינד אַ הויקער, קיין צוויי יאָר אַלט, און פונדעסטוועגן איז זי קיין אַיין האָרע אַ שווערע־ריקע, שווערער פון מיר. איך רייס מיר איין דאָס געזונט, זי טראָגנ־דיק. דאָבצי האָט מיך ליב. זי כאַפּט מיך אַרום מיט אירע דאָרע הענט־לאַך און טשעפּעט זיך אָן מיט די דינע פינגערלאַך. זי רופט מיך „קיקאָ“ וואָס עפּעס קיקאָ, ווייס איך ניט. דאָבצי האָט מיך ליב, לאָזט מיך ניט שלאָפן גאַנצע נעכט. „קיקאָ, קי!“ — דאָס הייסט, איך זאָל זי וויגן. דאָבצי האָט מיך ליב; אַז איך עס, רייסט זי ביי מיר פונעם מויל: „קיקאָ, פּי!“ — דאָס הייסט גיב עס מיר!... ס'ציט מיך אַהיים... דאָס עסן איז דאָ אויך ניט איי-איי-איי... יאָנטעוו שוואַרצס אַף זעַרנאַכט. ס'ווילט זיך גיין אין דרויסן זעהן, ווי דער הימל שפּאָלט זיך. דאָבצי לאָזט ניט. דאָבצי האָט מיך ליב: „קיקאָ, קי“ — איך זאָל זי וויגן. איך וויג זי און וויג זי און ווער אַנטשלאָפן, און ס'קומט צו מיר אַ גאַסט — מעני, דעם שאָכנס קעלבל, קוקט אַף מיר מיט אויגן ווי אַ באָרדאָאַס, און זאָגט מיר: קום! און מיר לאָזן זיך גיין באַרג אַראָפּ צום טייך. נישט לאַנג געטראַכט, פאַרקאַטשע איך די הויזלאַך: האָפּ! איך

בין שוין אין טייך. איך שווים און מײַני שווימט מיר נאָך. אף יענער זייט איז גיט. ניטאָ קיין כאַזן, ניטאָ קיין דאָפּצי, ניטאָ קיין קראַנקער טאַטע... איך כאַפּ זיך אויף — ס'איז גאָר אַ כאָלעם... אַנטלויפן! אנט-לויפן! אַנטלויפן! ווי אזוי אַנטלויפט מען? וואוהין? אַהיים געווײַנטלין. הערש-בער דער כאַזן איז שוין אָבער אויפגעשטאַנען פריער פון מיר. ער האָט אַ גרויסן קאָמערטאָן, פּרואווט אים מיט די ציין, טראָגט צו צום אויער. ער הייסט מיר אָנטאָן זיך אף גיך און גיין מיט אים אין שול. מ'וועט הייגט צו מוסעף זאָגן אַן „אויסגעשטעלטע זאַן". אין שול זעה איך מײַן ברודער עליאָהו. ווי קומט ער אַהער? ער דאַוונט דאָך גאָר ביי די קאַצאָווים, דאָרט וואו דער טאַטע איז כאַזן!... וואָס באַטייט עס?... מײַן ברודער עליאָהו רעדט עפּעס מיט הע״ש-בער דעם כאַזן הערש-בער איז ניט צופרידן. ער זאָגט:

— געדײַנק-זשע, למאַן-האַשעם, טייקעף, נאָכן עס!...

— קום! וועסט זיך זעהן מיכן טאַטן! — אזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער עליאָהו און מיר גייען אַהיים אין צווייען. ער גייט און איך שפּרינג, איך ליף, איך פלי.

— האָב צייט! וואָס פליסטו אזוי? — זאָגט צו מיר מײַן ברו-דער עליאָהו און האַלט מיך צו אים ווילט זיך, אַפּאָנים, מיט מיר אַ ביסל רעדן.

— דו ווייסט? דער טאַטע איז קראַנק, זעהר-זעהר קראַנק!... גאָט ווייכט, וואָס ס'וועט זײַן מיט אים... מ'דאַרף אים ראַטעווען, ניטאָ מיט וואָס, קיינער וויל ניט העלפן... אין „הצקדעש" וויל די מאַמע אים נישט לאָזן בשום אויפן! זי וועט פריער שטאַרבן, זאָגט זי, איידער לאָזן אים אין העקדעש! שאַ, אָט גייט די מאַמע.

·1

מיט אויסגעשטרעקטע הענט גייט אונז די מאַמע אנטקעגן, פאַלט מיר אַפן האַלדז און איך פיל אף מײַנע באַקן אַ פרעמדע טרער. מײַן ברודער עליאָהו גייט צום קראַנקן טאַטן, און איך מיט דער מאַמען בלײַבן שטיין אין דרויסן. מ'האָט אונז ארומגעשטעלט פון אַלע זייטן, אונזער שאָכנס ווײַב פעטי די גראָבע און איר טאָכטער מינדל און איר שנור פערל און נאָך אַ צוויי ווײַבלאַך.

— איר האָט אַ גאַסט אף שוואָאַייס? גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט! — די מאַמע לאָזט אַראָפּ די אַנגעשוואָלענע אויגן.

— אַ גאַסט, משטיינס געזאָגט, אַ קינד, געקומען געוואָרן דעם קראַנקן טאַטן. פאָרט אַ קינד...

אַזוי זאָגט די מאַמע צו דער גאַנצער קגופּיע ווייבער, און צום שאָכנס ווייב, צו פּעסין, זאָגט זי עקסטרע, שטילערהייד, בשעת פּעסי שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ שטאָט! עמיצער זאָל זיך אַפּילע אַרומקוקן... דריי און צוואַנציק יאָר אָפּגעקלאַפּט ביים אָמעד... דאָס געווינט אַוועקגעלייגט... איך וואָלט אים עפּשער ראַטעווען — נישטאָ מיט וואָס... אַלץ, באָרוך האַשעם, פאַרקויפט... דאָס לעצטע קישעלע... דאָס קינד באַשטעלט ביי אַ כאַזן... אַלץ צוליב אים... אַלץ צוליבן קראַנקן...

אַזוי באַקלאָגט זיך די מאַמע פאַר איר שכיינע פּעסי, שטייענדיק אין דרויסן. איך דריי דעם קאָפּ אַף אַלע זייטן.

— וועמען זוכסטו? — מאַכט צו מיר די מאַמע.

— וועמען זוכט אַ קונדעס? דאָס קעלבל מיסטאַמע...

אַזוי זאָגט פּעסי אונזער שכיינע און מאַכט צו מיר מיט אַ מאָדנע פּריינטשאַפט:

— ע, ייִנגעלע! נישטאָ קיין קעלבל! געמווט פאַרקויפן דאָס דעם קאַצעוו. אַ ברייִרע האָט מען? גענוג, אַז מ'דאַרף האָרעווען איין סקאַטינע, נאָך צוויי סקאַטינעס טראָגן אַפן קאָפּ!...

איז שוין ביי איר דאָס קעלבעלע, דאַנקען גאָט, אויך געוואָרן אַ סקאָטינע?...

אַ מאָדנע ייִדענע אָט די פּעסי. אומעטום שטופּט זי אַריין איר נאָז. זי דאַרף וויסן, צי האָבן מיר אַ מילכיקע סאָודע?

— אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? — פרעגט ביי איר די מאַמע.

— גלאַט אַזוי — זאָגט פּעסי, הייבט אויף די שאַל און שטופּט דער מאַמען אַ טעפּל מיט סמעטענע. די מאַמע שטופּט אָפּ דאָס טעפּל מיט ביידע הענט.

— גאָט איז מיט אייך, פּעסי! וואָס טוט איר דאָס? וואָס זיינען מיר, כאָלילע, עפּעס וויס איך ווער? איר קאָנט מיך נישט?

— אַדראַבע, — פאַרענפערט זיך פּעסי — טאַקע, ווייל איך קען אייך. דאָס בהיימעלע, קיין אַיִן האָרע ניט, האָט זיך די לעצטע צייט פאַררירכט... פאַראַן, קיין אַיִן האָרע, קעז און פּוטער... איך ליי אייך אויס... איר וועט מיר, אים אירצע האַשעם, אָפּגעבן...

און פּעסי די שכיינע רעדט נאָך לאַנג מיט דער מאַמען און מיר ציט דאָס האַרץ צו די קלעצער, צום קעלבל, צום קעלבל, צום קעלבל!.. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט...

— אַז דער טאַטע וועט דיך פרעגן, זאָלסטו זאָגן: אַ דאַנק גאָט

אַזוי זאָגט מיר אָן די מאַמע, און מיין ברודער עליאָהו גיט מיר צו פאַרשטיין אַ ביסל ברייטער:

— זאָלסט זיך ניט באַקלאָגן, ניט דערציילן קיין פּיזמענעס, נעבכטיקע טעג. זאָלסט נאָר זאָגן: אַ דאַנק גאָט. דו הערסט, וואָס מ'רעדט צו דיר?

און מיין ברודער עליאָהו פירט מיך אַריין אין קראַנקן ביידער. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלעשלאַך, פידעלאַך, באַנקעלאַך. ס'שמעקט אַפּטייק, דאָס פענסטער איז צוגעמאַכט. לקאָוועד שוואַייס האָט מען אים צוגעקליבן דעם ביידער מיט גרינס, צוקאָפּנס איבערן בעטל האָט מען אים איינגעהאָנגען אַ מאָגן דאָוויד פון „ליובּיסטיק", דאָס איז מיין ברודער עליאָהוס אַרבעט, אָף דער ערד איז אויסגעשפּריים שמעקעדיקע גראָז. דער טאַטע דערזעהט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיטן אַ לאַנגן דאַרן פינגער. מיין ברודער עליאָהו שטופּט מיך אונטער. איך גיי צו צים טאַטן. איך האָב אים קוים דערקענט. דאָס פּאָנים, ווי ליים, די גראָווע האָר גלאַנצן, כמאַרטשען איינציקווייז, ווי אַריינגעשטרייכטע, פרעמדע האָר. די שוואַרצע אויגן זיצן טיף, ווי אַריינגעפּאַסטע פרעמדע אויגן. די ציין זעהען אויס, ווי אַריינגעזעצטע פרעמדע ציין. דער האַלדז איז אַזוי דין, אַז קוים וואָס דער קאָפּ האַלט זיך אַף אים. אַ גליק, וואָס ער קען ניט זיצן... מיט די ליפּן מאַכט ער עפּעס מאָדנע, ווי אַ מענטש בשאַאַס ער שווימט — מ-פ-פו!.. ער לייגט אַרויף אַף מיין פּאָנים אַ הייסע האַנט מיט ביינעריקע פינגער, דאָס פּאָנים מאַכט אַ קרומען שמייכל, ווי אַ מעס.

אין דעם קומט אָן די מאַמע. נאָך איר דער דאָקטאָר, דער פרייליכער שוואַרצער דאָקטאָר מיט די גרויסע וואָנצן. ער באַגעגנט מיך ווי אַן אַלטן גוטן ברודער. ער איז מיך מכאַבעד מיט אַ שנעל אין בייכל און זאָגט צום טאַטן פרייליך:

— איר האָט אַ גאַסט אַף שוואַייס? גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט!

— אַ דאַנק! — זאָגט די מאַמע און ווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל באַטראַכטן דעם כוילע און זאָל אים עפּעס פאַרשרייבן. דער שוואַרצער דאָקטאָר עפנט דאָס פענסטער מיט אַ ראַאַש און בייזערט זיך אַף מיין ברודער עליאָהו, וואָס מ'האַלט דאָס פענסטער צו.

— איך האָב אייך טויזנט מאָל געזאָגט, אַז אַ פענסטער האָט ליב, אַז מ'האַלט אים אָפן.

מיין ברודער עליאָהו ווינקט אַף דער מאַמען, אַז דאָס איז די מאַמע שולדיק: זי לאָזט ניט עפענען קיין פענסטער, האָט מוירע

פאַרן טאַטן, ער זאָל זיך, כאָלילע, נישט פאַרקילן. די מאַמע וווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל שוין באַטראַכטן גיכער דעם כוילע און זאָל אים עפּעס פאַרשרייבן... דער שוואַרצער דאָקטאָר נעמט אַרויס דעם זייגער, אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער. מיין ברודער עליאָהו קוקט זיך איין מיט ביידע אויגן אינעם דאָקטאָרס זייגער. דער דאָקטאָר באַמערקט דאָס.

— איר ווילט וויסן, וואו האַלט דער זייגער? אָן פיר האַלב עלף. וויפל איז ביי אייך?

— מיין זייגער שטייט — ענטפערט אים מיין ברודער עליאָהו, און ווערט מאָדנע רויט פונעם שפּיץ נאָז ביז אַף יענער זייט אויערן.

די מאַמע רוט ניט. זי וואָלט געוואָלט, מ'זאָל שוין באַטראַכטן דעם כוילע און אים עפּעס פאַרשרייבן... דער דאָקטאָר האָט אָבער צייט. ער פרעגט זיך אויס ביי דער טאַטן זייטיקע איניאָנים: ווען איז מיין ברודערס כאַסענע? און וואָס זאָגט הערש-בער דער כאַזן אַף מיין שטים? ביי מיר דאַרף זיין, זאָגט ער, אַ גוטע שכים. אַ שכים, זאָגט ער, גייט בייערושע. די מאַמע עקט זיך! מיט אַמאָל טוט זיך דער דאָקטאָר אַ דריי אויס מיטן ביינקל צום קראַנקן טאַטן, נעמט אים אָן ביי דער טרוקענער הייסער האַנט:

— נו, כאַזן! ווי אַזוי דאַוונט מען עפּעס ביי אונז היינטיקן שוואואייס?

— אַ דאַנק גאָט! — ענטפערט אים דער טאַטע מיט אַ שמייכל פון אַ מעס.

— דהיינו? ווינציקער געהוסט? גוט געשלאָפן? — פרעגט אים דער דאָקטאָר און בויגט זיך איין צו אים גאַנץ נאָהענט.

— ניין! — ענטפערט אים דער טאַטע, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם — אַדראַבע... הוסטן הוסט מען... און שלאָפן שלאָפט מען דאַווקע ניט... נאָר דאַנקען גאָט... ס'איז יאָוואואייס... אַזאַ כאַג... מקאַבל געווען די טוירע... היינט אַ גאַסט... אַ גאַסט אַף שוואואייס...

אַלעמענס אויגן קוקן אַפן „גאַסט", און דער „גאַסט" קוקט אַראָפּ אַף דער ערד און דער קאָפּ איז אים איין דרויסן, ערגעץ ביי די קלעצער, ביי די שטעכלקעס, וואָס שטעכן, ביי די קריגעלאַך, וואָס קנאַקן, ביים שאַכנס קעלבל דעם בערדראַס, וואָס איז שוין געוואָרן אַ „סקאָטינע", ביים טייכל, וואָס רוישט דאָרט באַרג אַראָפּ, אָדער גאָר אין דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יאַרמולקע, וואָס מ'רופט דאָס הימל...

2.

מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם.

א.

פון זינט איך בין צו מיין כייכל געקומען, געדיינק איך ניט. איך זאָל זיין אזאַ מיוכעס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער ייכעס? מיין טאַטע, פייסי דער האַזן, ווייסט איר דאָך, איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שוואואייס, און איך בין געבליבן אַ יאָסעם.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך שוואואייס האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קאַדיש — איך און מיין ברודער עליאָהו. ער טאַקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן קאַדיש.

מיין ברודער עליאָהו איז א געטרייער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רעבי, ער איז אַ קייסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפנט אַ סידער און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר שטודירן.

—„יתגדל ויתקדש שמיה רבה“... ער וויל, אַז איך זאָל שוין קאָנען אויסנווייניק. ער כאַזערט איבער מיט מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פון אָנהויב ביזן סאָף און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער ס'גייט ניט.

דערגאַנגט ער מיר מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר, אַפּאָנים, ערגעץ אין דרויסן (גלייך ווי געטראָפן) אָדער ערגעץ ביים קעלבל (גלייך ווי ער איז געווען דערביי)... ער פוילט זיך ניט און כאַזערט איין מיט מיר נאָך אַ מאָל, איך האָב מיך קוים דערשלאָגן „לעילא ולעילאָ מן כל ברכתא“ און ווייטער נישט אַ טראָט! ער נעמט מיך אָן פאַרן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטיין און זעהן, וואָס פאַר אַ זון ער האָט!

— וואָלט איך פאַרשפּאָרט זאָגן קאַדיש...

אַזוי זאָג איך צו מיין ברודער עליאָהו און כאַפּ פון אים אַ געשמאַקן פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אריין. דערהערט די די מאַמע און גיט אים אַ פּסאַק, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרן איך בין אַ יאָסעם.

— גאָט איז מיט דיר! וואס טוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פאַרגעסן, אַפּאָנים, אַז דאָס קינד איז אַ יאָסעם?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינם טאַטנס בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל אין שטוב, די קאָלדרע גיט זי אָפּ קימאַט איינגאַנצן מיר.

— דעק דיך איין, — זאָגט זי צו מיר, — און ווער אַנטשלאָפן, מיין טייערער יאָסעם, עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך מיך איין, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט; איך כאַזער מיר דעם קאַדיש, אַף אויסנווייניק. אין כיידער גיי איך ניט, לערנען לערן איך ניט, דאַווענען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט, פּאַטער פון אַלצדינג.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

ב.

מאַזלטאָוו! איך קאָן שוין גאַנץ קאַדיש אַף אויסנווייניק. ראַבאַנען קאַדיש אויך. אין שול שטיי איך אַף אַ באַנק און קלאַפּ דעם קאַדיש ווי אַ מאַזיק. אַ קויל נגינע האָב איך אויך, ב'יערושע פון מיין טאַטן, אַן עמעסן סאָפּראַנאָ. אַלע יינגלאַך שטעלן זיך אויס אַרום מיר און זיינען מיר מקאַנע. ווייבער וויינען. באַלעבאַטים שיינקען מיר אַ קאָפּי־קע. יאָסי דעם נאָגידס יינגל, הענאָך מיטן אויגל (ער איז אַ מוירעדי־קער ניטפאַרגינער), אַז ס'קומט צו ראַבאַנען קאַדיש, שטעלט ער מיר אַרויס אַ צונג, — ער וויל, ער גייט אויס, ער כאַלעשט, איך זאָל מיר צעלאַכן. אים אַף צולאָכעס וועל איך ניט לאַכן! האָט דערזעהן אַרן דער שאַמעש, האָט ער אים גענומען פאַר אַן אויער, און האָט אים צו־געפירט צו דער טיר. אַ מיצווע אַף אים. מאַכמעס איך זאָג קאַדיש איני־דערפרי און אַפּדערנאַכט, גיי איך שוין מער נישט צו הערש־בער דעם כאַזן און טראָג מיך ניט אום מיט זיין דאָבצין. איך בין פריי. אַ גאַנצן טאָג געפין איך מיך ביים טייך, אָדער איך כאַפּ פיש אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז אירווילט קאָן איך אייך אויך אויסלערנען. מע טוט אויס דאָס העמד און מע פאַרקניפּט דעם אַרבל און מ'גייט פּאַוואָלי ביזן האַלדז אין וואַסער מ'דאַרף גיין לאַנג־לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימען, אַז ס'איז פול, גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פאַרפּלאָנטעט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלאַך, וואַרפט זיי אַריין צו־ריק אין וואַסער אַריין, ס'אַ צאַאַרבאַלייכאַאים. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איר אַמאָל געפינען אַ פּיאַוקע. פּיאַוקעס איז געלט, פאַר אַ צענדלינק פּיאַוקעס קאָנט איר באַקומען דריי גראָשן. אָנדערהאַלבן קאָפּיקעס. עס גייט ניט צופוס... קיין פיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פיש אויך. היינט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן עס זאָל כאָטש זיין פּיאַוקעס. ניט אַלע מאָל איז דאָ פּיאַוקעס, היינטיקן זומער איז ניט געווען איין פּיאַוקע! פון

וואַנען האָט זיך דערוואוקס מיין ברודער עליאָהו, אַז איך כאַפּ פיש— ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש, אַ גליק וואָס פּעסי די גראָבע, אונזער שכיינע, האָט דערזעהן. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט איינשטעלן פאַר איר קינד.

— אָט אַזוי שלאָגט מען אַ יאָסעם? מיין ברודער עליאָהו האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזט דעם אויער. אַלע שעלן זיך איין פאַר מיר, מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

ג.

אונזער שכיינע פּעסי די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, ווי אַ קלעשטש, איך זאָל דערווייל זיין ביי איר, ביי פּעסין, הייסט עס.

— וואָס ווערט אייך אָרן? — האָט זי געטענעט — עס גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זיין אַ דרייצנטער. ביי דער מאַמען האָט זי קוים געפּועלט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מיין ברודער עליאָהו.

— ווער וועט אָף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדיש?

— איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדיש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרניט?

פּעסי איז נישט קיין גווירנטע. איר מאַן איז אַן איינבינדער און הייסט מוישע. ער האָט אַ שעם פאַרן בעסטן באַלמלאָכע, דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מ'דאַרף נאָך האָבן מאַזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסי צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל. פאַר אַ סימען נעמט זי מיך, אָט בין איך אַ יאָסעם און אַלע ווילן מיך. פאַראַן באַלאָנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אף שטענדיק, נאָר ווי לאַנג קריינקען אירע סאָנים. ווי לאַנג זי וועט מיך אָוועקגעבן אָף שטענדיק! אַזוי זאָגט די באָמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן אייצע מיט מיין ברודער עליאָהו.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זיין דערווייל ביי פּעסין?

מיין ברודער עליאָהו איז שוין אַ גרויסער. אַ'גיט וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין אייצע. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריינע גאָך ניט באַוואָקסענע פּאָנים, גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער.

— מהייכיטייסע, אָבי ער זאָל נאָר ניט זיין קיין שייגעץ.

און עס בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונזער שכיינע פּעסי, נאָר ביטנאַי, איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהייבנדיק דער קאַץ אַ פּאַפּיר אפן עק זי זאָל זיך דריי-

— הייסט בײַ זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פֿונעם גאַלאַכס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפֿלויפֿן — הייסט בײַ זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן בײַ לייבקע דעם וואַסערפֿירער דעם צאַפּן פֿון דער פֿאַס, ס'זאָל אויסלויפֿן העכער האַלב וואַסער — הייסט בײַ זיי אַ שייגעץ.

— דײַן גליק, וואָס דו ביזט אַ יאָסעם! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסערפֿירער. — אַ'ניט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פֿוס! מעגסט מיר גלויבן אויף נעמאָנעס. איך גלויב אים אויף נעמאָנעס. איך ווייס, אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנרירן, ווײַל איך בין אַ יאָסעם.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

ד.

אונזער שכנטע פּעסי, זאָל מיר מוחל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען צו איר טיש. לויט מײַן רעכענונג בין איך דער פֿערצענטער. אַפֿאַנים זי האָט פֿאַרגעסן אַרײַנרעכענען דעם בלינדן פֿעטער באַרוך. און עפּשער האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפֿאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין ניט אויף צו קײַען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן, קײַען קאָן ער נישט, דערפֿאַר אָבער שלינגט ער, ווי אַ גאַנז, און כאַפּט, אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז כּמעט לדערעך האַטעווע. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך, מיט די פֿיס אונטערן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פֿון אַלע שלאָגט זיך וואַשטי, וואַשטי איז אַ רויצייאָך. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר מאַכמעס ער האָט אַ גולי אויפֿן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „וואַשטי“. אַלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמענס: „קלעצל“, „קאַפּער“, „טשערנאָהוז“, „בופּלאַקס“, „פּעטעלעלע“, „גיב מיר נאָך“.

האָט קיין יסורים ניט, יעדער נאָמען האָט זיך זײַן שוירעש. פּיני הייסט „קלעצל“ דערפֿאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק, ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופֿט מען אים „קאָטער“. כאַיִם איז אַ בופּלאַקס, הייסט ער „בופּלאַקס“. מענדל האָט אַ שפּיצעכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָהוז“. „פּעטעלעלע“ האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּייטלען דערפֿאַר, ווײַל ער קאָן ניט רעדן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מ'גיט אים ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך“. קורץ, ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האָט אַ צונעמעניש. וואָס דאַרפֿט איר מער — די קאַץ, שוין גאָר אַ שטומע צונג, שוין געוויס גאָט די נשאָמע שולדיק, הייסט זי בײַ זיי: „פּייגע־לייע די גאַבעטע“. איר ווייסט פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ גראָבע, און פּייגע־לייע נעכמען דעם גאַבעס ווײַב איז

איך אַ גראָבע. ווייל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלן ניט רופן קיין קאַץ מיט אַ מענטשליכן נאָמען? ווי אַן ארבעס אין וואַנט! האָבן זיי געגעבן עמיצן אַ צונעמעניש, איז פאַרפאַלן!

ה.

מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אַזוי? „מאָטל מיט די לעפצן"... לעפצן איז אַ דייטש וואָרט. אַף אונזער לאָשן הייסט דאָס „ליפּן". אַפּאָניס, זיי איז ניט געפעלן מיינע ליפּן. זיי זאָגן, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּן. איך וואָלט וועלן זעהן יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאַכן מיט די ליפּן! איך בין גיט פון די האָנאָריסטע, וואָס מ'טאָר זיי גישט אָנרירן זייער קאָוועד. נאָר איך ווייס נישט פאַרוואָס, מיר איז דער צונעמעניש שטאַרק נישט געפעלן! און ווייל ס'איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דאַווקע אַזוי. איינגעגעסענע ברואים — איר האָט נאָך אַזעלכע ניט געזעהן! פריער האָב איך ביי זיי געהייסן: „מאָטל מיט די לעפצן", נאָכדעם גלאַט: „מיט די לעפצן", שפּעטער:

—„די לעפצן", גאָר שפּעטער: לעפצן".

— לעפצן! וואו זיינט איר געווען?

— לעפצן! ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך און איך וויין, דערזעהט דער פאָטער זייערער, פעסיס מאַן, מוישע דער איינבינדער, איינמאָל, אַז איך וויין, פרעגט ער מיך, וואָס וויין איך? זאָג איך אים, ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך הייס מאָטל און מע רופט מיך „לעפצן". פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „וואַשטי". וויל ער שלאָגן וואַשטין, זאָגט וואַשטי: ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצל". וויל ער שלאָגן „קלעצלען", זאָגט קלעצל: סאיז ניט איך, ס'איז „קאָטער".

איינער אפן אַנדערן, דער אַנדערער אַפן דריטן — אַ מייסע אָן אַן עק. איז זיך מיאַשעוו דער פאָטער, מוישע דער איינבינדער, און לייגט זיי אַוועק אַלע איינציקווייז און שמייסט זיי אָפּ מיט אַ טאָוול פון אַ „קרבן מנחה" און זאָגט זיי:

— מאַמזיירים! איך וועל איך ווייזן ווי אַזוי צו לעצעווען פון אַ יאָסעם!

אָט אַזוי. יעדער נעמט זיך אָן מיין קריוודע, אַלע, אַלע שטעלן זיך איין פאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

.3

וואָס וועט זיין פון מיר ?

א.

אַ'נו, טרעפט, וואו איז דער גאַניידן? איר וועט ניט טרעפן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ביי איטליכן איז ער אף אַן אַנדער אָרט. למשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גאַניידן איז דאָרטן, וואו מיין טאַטע, פּייסי דער כאַזן, געפינט זיך. דאָרטן, זאָגט זי, געפינען זיך אַלע ערליכע נשאָמעס, וואָס זיינען, נעבּיך, אָפּגעקומען אף דער וועלט; דערפאַר וואָס זיי האָבּן ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, דער בעסטער באַווייז איז טאַקע דער טאַטע מיינער. וואָרן, וואו דען זאָל ער זיין, אַז ניט אין גאַניידן? קאָרג האָט ער זיך אָנגעמוטשעט אף דער וועלט?... אַזוי זאָגט די מאַמע מיינע אוןווישט זיך בשאַאַס מייסע די אויגן, ווי איר שטייגער איז, אַז זי רעדט פונם טאַטן. פרעגט-זשע אָבער ביי מיינע כאַוויי״רים, וועלן זיי אייך דערציילן מייסעס, אַז דער גאַניידן געפינט זיך ערגעץ אף אַ באַרג פון סאַמע קרישטאָל, הויך ביזן הימל. ייִנגלאַך לויפן דאָרט אַרום פראַנק און פריי, לערנען לערנט מען ניט, נאָר מ'באָדט זיך גאַנצע טעג אין מילך און מע עסט האָניק מיט פולע הויפנס. זיינט איר שוין פאַרטיק? קומט צו גיין אַ ייד אַן איינבּינדער און טוט זיך אַ זאָג, אַז „דער עמעסער גאַניידן איז נאָר פרייטאָג אין באָד“. איך האָב עס אַליין געהערט פון אונזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם איינבּינדער, איך זאָל אַזוי הערן אַל'דאָס גוטס! היינט גייט דערגייט אַן עק! מ'זאָל, אַ שטייגער, פרעגן מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גאַניידן — דאָס איז מנאַשע דעם רויפעס גאָרטן, זינט איר לעבּט, האָט איר נאָך אַזאַ גאָרטן ניט געזעהן. דאָס איז דער איינציקער גאָרטן ניט נאָר אף אונזער גאַס, ניט נאָר ביי אונז אין שטאָט. איך האָב מוירע, אַז אַף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ נאָך אַזאַ גאָרטן. נישט געוועז און ס'וועט ניט זיין! דאָס וועלן אייך אַלע זאָגן... וואָס ווילט איר, זאָל איך אייך באַשרייבּן פריער: מנאַשע דעם רויפע מיט זיין ווייב מנאַשעכע די רויפעטע? צי איך זאָל אייך מאָלן פריער דעם גאַניידן, מיין איך, דעם גאָרטן זייערן? איך רעכן, אַז פריער פון אַלץ זאָל איך אייך דערציילן פון מנאַשען מיט מנאַשעכען; זיי זיינען דאָך די באַלעבּאַטים, קומט זיי פריער דער קאָוועד.

ב.

מנאַשע דער רויפע טראָגט סיי ווינטער, סיי זומער אַ היינגקאָלבער. ער טוט נאָך דעם שוואַרצן דאָקטאָר. אייז אויג האָט ער אַ בלייעם

און דאָס מויל איז אים, ניט אין מיין מאָס, אַ ביסל אָף אַ זייט. דאָס הייסט, ניט אַ ביסל, נאָר אַ סאַך, טאַקע גאָר אַ סאַך, פון אַ ווינטל איז דאָס אים געקומען. אַזוי זאָגט מנאַשע דער רופע אַליין. איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי ווערט דאָס פון אַ ווינטל דאָס גאַנצע מויל אָף אַ זייט? וויפיל ווינטן גרויסע און קליינע בין איך, אַ שטייגער, אויסגעשטאַנען אין מיין לעבן! דער גאַנצער קאָפּ וואָלט שוין אַצינד באַדאַרפט זיין ביי מיר פון יענער זייט פּלייצעס. איך רעכן, אַז ס'איז נאָר אַ רעגילעס, ווי אַזוי מע געוויינט זיך איין. אָט, למשל, פאַראַן ביי מיר אַ כאַווער בערל, פּינטעלט ער מיט די אויגן. נאָך אַ כאַווער האָב איך, וועלוול, זופּט ער לאָקשן מיט יויך, ווען ער רעדט. אַלצדינג אָף דער וועלט איז אַ רעגילעס. און כאָטש דאָס מויל איז אים אָף אַ זייט, פונדעסטוועגן מאַכט מנאַשע בעסער פון אַלע דאָקטוירים. ערשטענס, איז ער ביי זיך ניט אַזאַ פּאַריץ, ווי אַנדערע דאָקטוירים! אַז מע רופט אים, קומט ער באַלד צו לויפן אַ פאַרשוויצטער. און, צווייטנס איז ביי אים ניט קיין מאָדע שרייבן רעצעפּטן, רפואיס מאַכט ער אַליין. אַנומעלטן האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אַ מין שטעכעניש מיט אַ קעלט מיט אַ ציטערניש (אַפּאַנים פון צופיל ליגן אין טייך), איז די מאַמע באַלד אַוועקגעלאָפן און האָט אַראָפּגעבראַכט מנאַשע דעם רופע.

נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ בלוי פלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלאַך פּאַפּיר עפּעס אַ ווייסע זאַך. דאָס ווערט אָנגערופן „פּראָשקעס“, איין פּראָשעק הייסט ער מיר, איך זאָל איינעמען באַלד. דריי איך מיך און קנייטש מיך אָף אַלע זייטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס דאַרף זיין ביטער, ווי דער טויט. קאַכאַווע, איך האָב דאָך טאַקע געטראָפן! ביטער צו ביטער איז ניט גלייך. פרישע קאָרע פון קליינע בוימעלאַך האָט איר אַמאָל פאַרזוכט? אָט אַזאַ טאַם האָבן זיינע פּראָשקעס. איר זאָלט האָבן אַ קלאַל: וויבאַלד פּראָשקעס, מוזן זיי זיין ביטער. ס'האָט מיר ניט געהאָלפן קיין שום ריבוינוי שעל אוילעם. איך האָב דעם פּראָשעק איינגענומען און געזעהן זיך מיטן טויט... די איבעריקע פינף פּראָשקעס האָט ער אָנגעזאָגט דער מאַמען, איך זאָל זיי איינעמען אַלע צוויי שאָ אַ פּראָשעק. געפונען אַ באַלן אָף איינעמען גאַל! די מאַמע האָט זיך נאָר אָפּגעקערעוועט אָף אַ מינוט, געגאַנגען אָנזאָגן מיין ברודער עליאָהו, אַז איך בין קראַנק, האָב איך אַלע פינף פּראָשקעס אויסגעשאָטן אין פּאָמעניצע און אָנגעשאָטן אין די פּאַפּירלאַך אַ ביסל מעל. אַ גוט שטיקל אַרבעט האָט אָף זיך געהאַט די מאַמע: אַלע צוויי שאָ האָט זי געמוזט לויפן צו אונזער שכיינע פּעסי קוקן אָפן זייגער. נאָך יעדן פּראָשעק, וואָס איך האָב איינגענומען, האָט זי באַמערקט, אַז עס ווערט מיר בעסער. נאָך דעם זעקסטן פּראָשעק בין איך אויפגעשטאַנען אַ געזונטער מענטש.

— אָט דאָס הייסט אַ דאָקטאָר! — האָט זי געזאָגט און נישט געלאָזט מיך גיין אין כיידער, געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און געגעבן מיר זיסן טיי מיט ווייסער בולקע.

— מנאַשע איז מער דאָקטאָר פון אַלע דאָקטוירים, געבן זאָל אים גאָט געזונט און אַ סאַך יאָרן! ער האָט אַזעלכע פּראָשקעס, וואָס זיינען מכייץ־מייסים, מאַכן פון טויט לעבעדיק...

אַזוי האָט זיך די מאַמע נאָכדעם באַרימט פאַר דער גאַנצער וועלט, בשאַאס מייסע זיך געווישט די אויגן, ווי איר שטייגער איז.

ג.

מנאַשע דעם רויפעס ווייב רופט מען אָף איר מאַנס נאָמען: „מנאַשעכע די רויפעטע.“ זי איז אַ טרייפע יידענע. אַזוי זאָגן אַלע. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל זי איז אַ ראָשעטע. אָפּאָנים האָט זי ווי אָף צו לאָכעס אַ מאַנסבילשן, אַ קאָפּ פון אַ מאַנסבל, טראָגט מאַנסבילשע שטיוול, און אַז זי רעדט, דאַכט זיך אויס, אַז זי בייזערט זיך. זי האָט אַ שיינעם שעם אָף דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קיין אָרימאַן ביי איר קיין שטיקל ברויט ניט אויפגעגעסן, און אַ שטוב איז ביי איר פון קאָל טווו. ביי איר קאָנט איר געפינען איינגעמאַכטסן פון פאַראַיאָרן, פון פאַר דריי יאָרן און פון פאַר צען יאָרן. וואָס דאַרף זי, קמאָשל, אַזוי פיל איינגעמאַכטס? פרעגט זי, אַ שטייגער. ווייסט זי אַליין ניט. אָט אַזאַ מעווע איז ביי איר. אַ פאַרפאַלענע זאַך, איר וועט זי שוין ניט איבערמאַכן. זי ווייסט, אַז עס קומט דער זומער, האַלט זי אין איין פרעגלען איינגעמאַכטס. איר מיינט, זי פרעגלט אָף קוילן? ווער־וואָס? זי קאָן באַשטיין אָף שטעכלקעס, שישקעס, אָפּגעפאַלענע בלעטלאַך. זי מאַכט אָן אַזאַ רויך אָף דער גאַנצער גאַס, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן. טאָמער וועט זיך אייך מאַכן אַמאָל קומען צו אונז זומער־צייט און איר וועט דערפילן אַ רויך פון „סמאַלינע“, זאָלט איר זיך ניט שרעקן, ס'איז ניט קיין סרייפע; דאָס פרעגלט מנאַשעכע די רויפעטע איינגעמאַכטס, אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, פון אירע אייגענע פיירעס, אין איר אייגענעם גאָרטן. און אָט אַזוי קומען מיר צו צום גאָרטן, וואָס כ'האָב אייך צוגעזאָגט.

ד.

וואָס פאַר אַ פיירעס געפינט איר ניט אין דעם דאָזיקן גאָרטן? עפּל, און באַרן, און ווייגשל, און פלוימען, און קאַרשן, און אַגרעסן, און ווימפּערלאַך, און פערשקעס, און שפּאָנקעס, און מאַרעלן, און מאַלינעס, און אָזשעניצעס, און שאַלקאָוויצעס, און וואָס ניט? וואָס דאַרפט

איך מער? אפילו ווייַנטרויבן ערעב ראָשהאַשאָנע אָף „שהחיינו" וואו קריגט מען? — ביי איר, ביי מנאַשעכען דער רויפּעטע עמעס, די ווייַנטרויבן, אַז מע פאַרזוכט, דערזעהט מען קראַקע מיט לעמבערג. אזוי שטאַרק זויער זייַנען זיי! פונדעסטוועגן נעמט זי אָפּ פּאַר זיי גוטע געלט! פון אַלצדינג מאַכט זי געלט. אַפילע פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אייך היטן, איר זאָלט ביי איר בעטן ארויסרייסן אַ סאָנישניק! זי וועט אייך ניט געבן! א צאָן זיך ארויסרייסן פונם מויל איז ביי איר גרינגער, ווי אויסרייסן אַ סאָנישניק ביי איר פונם גאָרטן. הייַנט, ווער רעדט פון אן עפּל, אַ באַר, אַ ווייַנשל, אַ פלוים? כייעס ניט זיכער! איך בין באַקאַנט מיטן דאָזיקן גאָרטן, ווי אַ ייד אין „אשרי." איך ווייס אפילע וואו איטליכעס בוימעלע געפינט זיך און וואָס עס וואַקסט אָף דעם און צי ס'איז הייַנטיקעס יאָר געראָטן, אָדער ניט אַזוי געראָטן. פון וואַנעט ווייס איך דאָס? שרעקט אייך ניט, איך בין דאָרטן נאָך קיינמאָל ניט געוועזן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זייַן, אַז דער גאָרטן איז ארומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן, איבערגעדעקט מיט מוירעדיקע שטעכלקעס. זייַנט איר שוין פאַרטיק? איז איבעווייניק דאָ אַ הונט, נישט קיין הונט, נאָר אַ וואָלף! אָף אַ לאַנגער שטריק שטייט ער צוגעבונדן — אָט דער קעלעוו שבעקלאָווים, און, אַ'נו, לאָז נאָר עמיצער דורכגיין פאַרביי, אָדער לאָז זיך אים דאַכטן, אַז עמיצער גייט פאַרביי, הויבט ער אָן צו רייסן זיך, שפּרינגען און בילן מיט אַזאַ קאַאַס, גלייך ווי דער רואַך כאַפּט אים אַוועק! פרעגט זיך אַ קאַשיע: ווינאַלד אַזוי, ווי קום איך אין גאָרטן אריין? הערט־זשע, וועל איך אייך דערציילן.

ה.

מענדל דעם שויכעטס קענט איר, צי ניין? קענט איר, דאָך, מענדל דעם שויכעטס דירע אַוודע נישט. זי איז די אנדערע פון מנאַשע דעם רויפעס און קוקט גלייך צו אים אין גאָרטן אריין. ביי מענדל דעם שויכעטס, אַז מע זיצט אפן דאַך, קאָן מען זעהן אַלצדינג, וואָס ביי מנאַשע דעם רויפע אין גאָרטן טוט זיך. דער גאַנצער קונץ איז, ווי אַזוי קלעטערט מען ארויף צו מענדל דעם שויכעטס אָפן דאַך? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל מענדל דעם שויכעטס דירע איז די אנדערע פון אונז און איז אַ סאַך נידעריקער פון אונזער דירע. אַז מע דראַפּעט זיך ארויף צו אונז אָפן בוידעם (איך טו דאָס אָן אַ לייטער. איך וועל אייך, עפּשער, אַמאָל זאָגן ווי אַזוי) און שטעלט איר ארויס אַ פוס פונם קליינעם פענסטערל, אַזוי זייַנט איר שוין ביי מענדל דעם שויכעטס אפן דאַך. דאָרטן לייגט איר זיך אַוועק, ווי אַזוי איר ווילט: אָדער מיטן פּנים ארויף, אָדער מיטן פּנים אראָפּ. יעדנפאַלס לייגן זיך מוזט איר, אַ'ניט קאָן מען אייך, כאָלילע, דערזעהן: —

וואָס טוט איר בײַ מענדל דעם שויכעטס אין דאָך? איך האָב אויסגע־קליבן טאָמיד אַ צייט פאַרנאַכטליך, צווישן מינכע און מאַאַריוו, ווען איך בין געגאַנגען אין שול אַריין קאַדיש זאָגן. דעמאָלט איז ניט טאָג און ניט נאַכט, די בעסטע צײַט. פון דאָרטן אַראָפּגעקוקט אין גאָרטן אַריין, שווער איך אײַך, אַז ס'איז אַ גאַניידן שבעגאַניידן!...

אַז דער זומער הויבט זיך אָן און די ביימער הויבן אָן צו בלי־ען, זיך באַדעקן מיט ווייסע פעדערלאַך, קאָנט איר האָפן, אַז ניט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיך באַווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקע בוי־מעלאַך גרינע אגרעסן. דאָס איז די ערשטע פּיירע, וואָס עס גלוסט זיך אײַך פאַרזוכן. פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן ביז די אגרעסן ווערן רויט. נאַראָנים! איך זאָל האָבן די בראָכעס, וואָס גרינערהייד זײַנען זיי אַ סאַך מער באַטאַאַמט און געשמאַק. איר וועט זאָגן, זיי זײַנען זויער? עס ווערט פון זיי אײַליק די ציין? נ', וואָס זשע איז? אַ וויערס קוויקט דאָס האַרץ און צו די אײַליקע ציין איז דאָ אַ סגולע: זאַלץ. מע שיט אַרויף זאַלץ אַף די ציין און מע האַלט אָפן דאָס מויל אַנטקעגן אַ האַלבער שאָ, קאָן מען נאָכרעם עסן ווידער־אַמאָל די זעלבע אַגרעסן. נאָך די אגרעסן קומען אויף די ווײַנפּערלאַך. רויטינקע מיט שוואַרצע פּיסקעלאַך, מיט געלע קערלאַך, און צענדליגער־צענדליגער אַף איין צווײַגעלע. אַז איר פּירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר אַ פולע מויל מיט ווײַנפּערלאַך, אײַניקע שמעקנדיקע, מכאַיע נפאשעס! אַז זיי קומען אויף, קויפט מיר די מאַמע פּאַר אַ גראָשן אַ קווערטעלע ווײַנפּערלאַך אַף „שהחיינו” — עס איך זיי מיט ברויט. בײַ מנאַשעכע דער רופעטע אין גאָרטן זײַנען דאָ צוויי רייהעס קליינע בוימעלאַך, האַרט בײַ דער ערד, אָנגעזעצט מיט ווײַנפּערלאַך. אַף דער זון ברענען זיי און פינקלען־אָפּ, און עס גלוסט זיך כאָטש איין צווײַגעלע, כאָטש איין ווײַנפּערל מיט צוויי פינגער געבן אַ רײַס אָפּ און גלײַך אין מויל אַרײַן! איר וועט זיך גלויבן? אַז איך רעד פון גרינע אגרעסן מיט רויטע ווײַנפּערלאַך, ווערט מיר שוין אײַליק די ציין, לאָמיר בעסער רעדן פון ווײַנשל. ווײַנשל האַלטן זיך ניט לאַנג גרין. ווײַנשל ווערן גיך פאַרטיק. איך קאָן אײַך שווערן בײַ וואָס איר ווילט, אַז איך אַליין האָב באַמערקט, ליגנדיק בײַ מענדל דעם שויכעטס אַפן דאָך, עטליכע ווײַנשעלאַך זײַנען אינדערפרי געווען גרין, אַזוי ווי גראָז. איך האָב זיי גוט באַמערקט, געמאַכט אַף זיי אַ סימען. בײַטאָג האָבן זיי פון דער זון באַקומען רויטע בעקלאַך. דעם זעלבן טאָג פאַר־נאַכט זײַנען זיי שוין געווען רויט, ווי פייער! ווײַנשל פלעגט מיר אויך די מאַמע ברענגען אַף „שהחיינו”. אָבער וויפל ווײַנשל? פינף שטיק אַף אַ פּאָדיט. וואָס טוט מען מיט פינף ווײַנשל? מע שפּילט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מע ווייסט ניט וואו זיי זײַנען אַהינגעקומען.

ו.

וויפל שטערן אין הימל — אַזוי פיל ווייַנשל בײַ מנאַשע דעם רויפע אין גאָרטן. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז איך בין אַ באַאַלן געווען אַף איין צווייגעלע איבערציילן די ווייַנשל, האָב איך געציילט, און נישט געקאָנט איבערציילן... ווייַנשל האָבן אַ טעווע, זיי האַלטן זיך שטאַרק אַף די ריטלאַך, זעלטן-זעלטן, ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ ווייַנשל אַף דער ערד, ער מוז שוין זיין איבערצייטיק, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פלוים. זעהט איר, פערשקעס — די פאַלן אָפּ, וויבאַלד נאָר זיי ווערן רעכט געל. אַך, פערשקעס! פערשקעס! איך האָב זיי ליב מער פון אַלע פּיירעס. איך האָב אַף מיין לעבן געגעסן נישט מער ווי איין פערשקע, ליגט זי מיר נאָך אין טאַם. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר פריער, איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף יאָר. מיין טאַטע האָט נאָך געלעבט און אין שטוב איז נאָך געווען בײַ אונז אַלצדינג: די גרעזערנע שאַפע, מיט דער קאַנאַפּקע, מיט די ספאָרים, מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט. קומט צו גיין איינמאָל דער טאַטע פון שול אַהיים און מאַכט צו מיר און צו מיין ברודער עליאָהו און לייגט אַריין די האַנט אין דער אונטערשטער קעשענע, דאָרט וואו מע האַלט די נאָז-פאַטשיילע.

— קינדער! פערשקעס וועט איר עסן? איך האָב אייך געבראַכט פערשקעס. אַ פּאָר פערשקעס.

און ער נעמט אַרויס די האַנט פון דער אונטערשטער קעשענע און טראָגט אונז אונטער, מיר און מיין ברודער עליאָהו, צוויי גרויטע געלע קיילעכיקע שמעקנדיקע פּיירעס. מיין ברודער עליאָהו האָט קיין צייט ניט. ער מאַכט אַ בראָכע, הויך אַף אַ קאָל „בורא פרי העץ“ און כאַפּט אַריין די גאַנצע פּיירע אין מויל אַריין. איך קאָן באַשטיין פריער זיך אָנשפּילן, זיך אָנשמעקן, אָנשפּיגלען און נאָכדעם שוין וועל איך זי עסן, און דאָס נישט אַף איין מאָל, נאָר שטיקלאַכווייז און מיט ברויט. פערשקעס זיינען גוט מיט ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מער קיין פערשקעס ניט פאַרזוכט, נאָר דעם טאַם פון יענער ערשטער פערשקע קאָן איך ניט פאַרגעסן. איצטער שטייט פאַר מיר אַ גאַנצער בוים מיט פערשקעס און איך ליג בײַ מענדל דעם שייכעטס אַפן דאַך און קוק און זעה, ווי עס פאַלט אַ פערשקע נאָך אַ פערשקע. איינע אַ געלע, אַזש אַ רויטליכע, האָט זיך פאַרשפּאָלטן און געעפנט. עס זעהט זיך אַרויס פון איר דאָס בייכיקע קערל. וואָס וועט זי טון, די רויפעטע, מיט אַזוי פיל פערשקעס? זי וועט זיי אָפּטרייסלען, מיכטאַמע, און וועט פרעגלען פון זיי איינגעמאַכטס. דעם איינגעמאַכטס וועט זי פאַררוקן ווייט אין דער הרובע. ווינטער וועט זי אים אָוועק-

שמעלן אין קעלער אַריין און דאָרטן וועט ער שטיין אַזוי לאַנג, ביז ער וועט ווערן געצוקערט און כאַפּן אַ שימל.

נאָך די פּערשקעס קומען אויף פלוימען. נישט אַלע פלוימען מיט אַמאָל. איך האָב צוויי סאָרטן פלוימען ביי מנאַשע דעם רויפע אין גאָרטן. איין בוים האָב איך מיט „טשערקיבעס”! דאָס איז אַ מין קיילעכיקע, זיסע, האַרטע, שוואַרצע פלוים. דער אַנדערער בוים איז אַ בוים פון פּראָסטע פלוימען. דאָס איז אַ מין פלוים, וואָס מע רופט זיי „עמער-פלוימען”. מע פּאַרקויפט זיי אויפן עמער. זיי האָבן אַ דין הייטל, זיינען גליטשיק אין קלעפּעדיק און וואַסערדיק אויפן טאַם. אונדערסטוועגן זיינען זיי נים אַזוי שלעכט, ווי איר מיינט. האַלוויי וואָלט מען זיי נאָר וועלן געבן. מנאַשעכע די רויפעטע איז אָבער נים פון די איבעריקע געבערקעס. זי מאַכט בעסער פון די פלוימען פּאָווידלע אויפן ווינטער. ווען וועט זי אויפעסן אַזוי פיל פּאָווידלע?

ז.

אַראָפּגעפאַלערט די ווינשל מיט די פּערשקעס מיט די פלוימען, הויבט זיך אָן פּאַר מיר אַ סעדרע עפּל. עפּל, דאַרפט איר וויסן, איז נים קיין באַרן. באַרן, זיי מעגן זיין די בעסטע באַרן אין דער וועלט („פּערגאַמאָטן”!). וויבאַלד זיי זיינען נים פּאַרטיק, קאָנט איר מיט זיי גאַרנים מאַכן. גיים קיים האַלץ! עפּל מעגן זיין ווי גרין, די קערלאַך מעגן זיין ווי ווייס, האָבן זיי שוין אַ טאַם פון עפּל. איר שטעקט אַריין די ציין אין אַ גרינעם עפּל, ווערט אייך זויער אין מויל. ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך וועל אייך נים אָוועקגעבן קיין האַלבן גרינעם עפּל פאַר צוויי ציימיקע. אָף ציימיקע דאַרף מען וואַרטן ביז העט-העט, און גרינע עפּל קאָנט איר האָבן טייקעף נאָך דעם, ווי דאָס בוימעלע האָט אָפּגעבליט. עס ווענדט זיך נאָר אין דער גרייס, וואָס ווייטער אַן עפּל וואַקסט, ווערט ער גרעסער! ווי, להאַוורל, אַ מענטש... ס'איז נים קיין רייע, אַז אַ גרויסער עפּל דאַרף זיין גוט. אַמאָל מאַכט זיך אַ קליין עפּעלע זאָל זיין בעסער פונם גרעסטן עפּל. למאָשל, נעמט „ערעץ-איסראַאייל-עפּלאַך”. זיי זיינען ווייניק, אָבער געשמאַק, צי, אַ שטייגער, קיסלי-צעס, אָדער קוואַס-עפּלאַך, וואָס גיים זיי אָפּ? הייַנטיקן זומער איז אָף זיי אַ מוירעדיק געוועסעניש, עס וועט זיין אַזוי פיל, אַז מע וועט פירן מיט וואָגנס. אזוי האָב איך געהערט פון מנאַשעכע דער רויפעטעס מויל. זי האָט דאָס געזאָגט צו „ראַוון דעם עפּל-ייד”, בשאַס די עפּל זיינען נאָך געווען אין רעכטן בליען. ראַוון דער עפּל-ייד

איז געקומען צו גיין אָנקוקן דעם גאָרטן. ער האָט געוואָלט אָפּהאַנדלען ביי איר די עפּל מיט די בערן אויפן בוים. אויף עפּל און אויף בערן איז רואוון שוין איין מאָל אַ מיווין. ער, אַז ער טוט אַ קוק מיט איין אויג אויף אַ בוים, וועט ער אייך באַלד זאָגן וויפל פּאַרנאָסע דער בוים קאָן געבן. ער וועט אייך קיינמאָל נישט האָבן קיין טאָעס אויף אַ אַזוי פיל. סיידן, ס'וועלן זיין גרויסע ווינטן און די עפּל וועלן אָפּפאַלן פאַר דער צייט, אָדער אַ וואָרם וועט זיך אַריינכאַפּן, אַ „גוסעניצע" וועט זיך זעצן. דאָס איז אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ מענטש קאָן ניט וויסן. אַ ווינט איז דאָך פון גאָט, און „גוסעניצעס" אויך... רואוון זאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט נישט מער פון אַ בוים ווי אַ שטיקל ברויט. ער האָט, זאָגט ער, אַ ווייב און קינדער און זוכט פאַר זיי אַ שטיקל ברויט. מנאַשעכע זאָגט אים צו נישט נאָר אַ שטיקל ברויט, נאָר ברויט מיט פליישׁ. זי ווינשט זיך אַזאַ מאַזל, וואָס פאַר אַ בוימער זי גיט אים. ס'איז דען בוימער? כ'איז גאָלד, ניט קיין בוימער.

— איר ווייסט, אַז איך בין אייך, כאָלילע, נישט קיין סוינעטע — זאָגט אים מנאַשעכע, — וואָס איך ווינש אייך, מעג עס מיר אָנקומען!

— אָמיין, — מאַכט צו איר רואוון מיט אַ שמייכעלע אויף זיין גוט רויט פּאָנים, וואָס ס'שיילט זיך פון דער זון — איר גיט מיר אַרויס אַ קסאַוו פאַר ווינטן, ווערים און גוסעניצעס, גיב איך אייך נאָך מער וויפל איר ווילט.

מנאַשעכע טוט אויף אים אַ מאָדנעם קוק פון אונטן אַרויף און מאַכט צו אים מיט איר מאָנסבילשער שטים.

— גיט מיר אַרויס אַ קסאַוו, אַז איר גייט אַוועק פון דאַנען און גליטשט זיך ניט אויס אויפן גלייכן וועג און ברעכט זיך ניט אויס אַ פוס.

— פון אויסגליטשן זיך און אויסברעכן זיך אַ פוס איז קיינער ניט באַוואָרנט! — זאָגט רואוון און קוקט אויף איר מיט זיינע גיטע שמייכלענדיקע אויגן — דאָס קאָן זיך טרעפן מיט אַ נאָגיד נאָך גיכער, ווי מיט אַן אָרימאַן, וויל אַ נאָגיד האָט מיט וואָס צו קריינקען.

— איר זייט אַ ייד אַ כאָכעם, — ענפערט אים מנאַשעכע מאָליי גאַזלען — נאָר אַ מענטש, וואָס ווינשט דעם אַנדערן זיך אויסברעכן אַ פוס, קאָן אים אָפּדאַרן די צונג אַזוי, אַז ער זאָל גאָר ניט וויסן, פון וואַנען ס'איז צו אים געקומען.

— פאַרוואָס ניט? — זאָגט זיך רואוון אַלץ מיטן זעלבן שמיי-כעלע — פאַר גויט איז אַ צונג אויך נישקאָשע. אַבי נישט, כאָלילע ביים קאַבצן...

ח.

אָן אַוויירע, וואָס דער גאָרטן איז ניט אַריבער צו רואיזן דעם עפּל-ייד אין רשוס אַריין. מיר וואָלט דאָס געווען אַ סאַך מער ניכע, ווי ביי דער מכאַשייפעטע. איר האָט נאָך אַזאַ באָרע ניט געזעהן, לאָז אַראָפּפאַלן אַן עפּלע אַ ווערימדיקס, אַן איינגעדאַרטס, אַן איינגעקנייטשטס, ווי ביי אַן אַלטער באָבעצי דאָס פּאָנים, וועט זי זיך ניט פוילן זיך אָנבויגן, אויפהויבן, אַריינלייגן איך פאַרטוך אַריין און אַוועקטראָגן. וואַהין טראָגט זי זיי? אַפּאָנים אַפן בוידים. און עפשער אין קעלער, סווייזט אויס, אַז אין קעלער. מאַכמעס איך האָב געהערט דערציילן, אַז פאַראַיאָרן איז ביי איר פאַרפוילט געוואָרן אַ קעלער מיט עפּל. איז נישט אַ מיצווע, מזאָל ביי איר רייסן עפּל? יאָ, אָבער ווי אַזוי רייסט מען זיי? אַריינכאַפּן זיך אין גאָרטן ביידערנאַכט, ווען אַלע שלאָפן און אָנשטופן פולע קעשענעס, וואָלט אַוואדע געווען אַ סייכל. וואָס זשע וועט אָבער זאָגן דער קעלעוו? און ווי אַף צולאָכעס וואַקסן היינטיקן זומער עפּל איינס אין איינס, זיי בעטן זיך. זיי כאַלעשן, מ׳זאָל זיי אָפּרייסן! וואָס טוט מען? ס׳זאָל זיין אַזאַ שטרוך, אַ מין קישעף, די עפּל זאָלן גיין צו מיר!... איך קלער אַזוי לאַנג, ביז איך דערקלער. נישט קיין שטרוך און ניט קיין קישעף, נאָר אַן אַנדער — זאַך, אַ שטעקן, אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ צוויאָך ביים שפּיץ. מיט דעם שטעקן, אַבי איר טרעפט נאָר מיטן צוויאָך ביים הייגערל פונם עפּל און טוט אַ צי צו זיך — איז דער עפּל אייערער. איר דאַרפט נאָר זעהן האַלטן דעם שטעקן אַזוי, אַז דער עפּל זאָל, כאָלילע, ניט אַראָפּפאַלן אַף דער ערד. און טאָמער פאַלט דער עפּל אַראָפּ, איז אויך אָן אָן אומגליק. זי וועט מיינען, אַז דאָס האָט אים דער ווינט אַראָפּגעשליידערט. פאַרשטייט זיך, איר דאַרפט דעם עפּל ניט אָנרירן מיטן צוויאָך, זי זאָל זיך ניט שטויסן... איך שווער אייך בנעעמאָנעס, אַז איך האָב איין עפּל ניט צעשלאָגן. און אַראָפּגעפאַלן איז ביי מיר אויך נישט. ביי מיר פאַלן ניט קיין עפּל. איך ווייס ווי אַזוי מ׳דאַרף האַלטן אַ שטעקן, אַז מע רייסט עפּל. דער איקער איז, מ׳זאָל זיך ניט כאַפּן. וואָס האָט איר קיין צייט ניט? איר האָט דערטאַפּט אַן עפּל? עסט אים אויף שטילערהייד, רוט זיך אָפּ אַ ביסל און רייסט ווייטער. איך בין אייך אָרעוו, אַז קיין פויגל וועט נישט וויסן!

גייט זייט אַ נאָווי, אַז די מכאַשייפע וועט גאָר וויסן דעם כעשבן פון די עפּל נאָך אפן בוים! אַפּאָנים זי האָט זיי איבערגעציילט בייטאָג און האָט זיך געכאַפּט אַף מאָרגן, אַז עס פעלן איר עטליכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטן ביי זיך אפן בוידים און גענומען אונטערקוקן זיך. טאָמער וועט איר געראָטן כאַפּן דעם גאַנעוו. אַזוי דיינק איך. מאַכמעס פון וואַנען דען האָט זי געקאָנט דערוויסן זיך, אַז איך ליג ביי מענדל

דעם שייכעטס אפֿן דאך און אַרבעט מיטן שטעקן? נעבאַך וואָלט זי מיך כאַטש געכאַפּט אַליין אָן איידעס, וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן ביי איר. פאָרט אַ יאָסעם — טאָמער וועט זי האָבן אויף מיר ראַכמאָנעס. איז זי זיך אָבער מיאַשעוו און גייט אַוועק צו מיין מאַמען און צו אונזער שכיינע פּעסי און צו דער שויכעטקע און נעמט זיי אַלע דריי מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרויף צו אונז אויפֿן בוידים (אַ מכאַשייפע קאָן!). פֿונעם בוידים איז זיי שוין געווען ניט שווער צו זעהן דורכן פענסטערל, ווי אַזוי איך אַרבעט מיטן שטעקן.

— ני, וואָס זאָגט איר אויף אייער טאַכשיט? אַצינד גלויבט איר שוין?

די ווערטער האָבן געהערט צו דער רויפעטע. איך האָב דערקענט איר מאַנסבילשע שטים. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בוידים און האָב דערזעהן אַלע פיר ווייבער. איך האָב דעם שטעקן מיטן עפּל ניט אַוועקגעוואָרפן. זיי זיינען אַליין אַרויסגעפאַלן. אַ גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך געהאַלטן אויף די פיס. איך האָב נישט געקאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַריין. דער הונט זאָל ניט ליגן אין גאָרטן, וואָלט איך זיך דערהאַרגעט פאַר ביזויען. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרערן. זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַווייגען מיך:

— ווייי איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט! איך האָב געמיינט, אַז מיין יאָסעם גייט אין שול אַריין זאָגן קאַדיש נאָכן טאַטן, צום סוף ליגט ער גאָר אויף אַ בוידים, אַ דונער איז מיר, און רייסט עפּל פון אַ פרעמדן גאָרטן!...

און די מכאַשייפע שטייט איבער איר און לייגט צו מיט איר מאַנסבילשער שטים:

— שמייסן דאַרף מען אים, אָט אַזאַ משומעד! קאַטעוועז! גנאַטעווען, בלוט זאָל גיין! אַ ייִנגל זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל ווי אַזוי צו זיין אַ ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „גאַנעוו". — ער איז אַ יאָסעם! נעבעך אַ יאָסעם!—טייַנעט די מאַמע צו דער רויפעטע און קושט איר אין די הענט אַריין און בעט ביי איר, אַז זי זאָל מיר מויכל זיין, אַז מער וועט דאָס שוין ניט זיין, זי שווערט איר מיט קאָל האַשוואָוועס שבעאוילעם, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אַניט זאָל זי אָדער אַליין שטאַרבן, אָדער זי זאָל, כאַלילע, מיך באַגראָבן!...

— לאָז ער שווערן, אַז ער וועט שוין מער אַפילע ניט אַריינקוקן צו מיר אין גאָרטן אַריין! — פאָרערט די רויפעטע מיט איר מאַנסבילשער שטים אָן אַ קאַפּ ראַכמאָנעס צו אַ יאָסעם.

— לאָז מיר אָתדאַרן די הענט! לאָז מיר אַרויס די אויגן! — זאָג איך און גיי מיט דער מאַמען אַהיים און הער אויס איר מוסער מיט איר וויינען און צעוויין מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

— איך פרעג דיך נאָר, וואָס וועט פון דיר זיין? — פרעגט מיך די מאַמע מיט טרערן, און שטעלט מיר צו א ביינקעלע פאַר מיין ברו-דער עליאָהו. מיין ברודער עליאָהו הערט אויס די מייסע מיט די עפּל און ווערט בלאַס, אַפּאָנים, פאַר קאַאַס. די מאַמע דערזעהט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מוירע, אַז ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי רוימט אים איין אַ סאָד, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרן איך בין אַ יאָסעם.

— ווער טשעפּעט אים? — זאָגט מיין ברודער עליאָהו. — איך בין נאָר אַ באַאַלן צו וויסן, וואָס וועט זיין פון אים? וואָס וועט זיין פון אים?!!

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און קריצט מיט די ציין און קוקט אַף מיר, איך זאָל אים זאָגן, וואָס וועט זיין פון מיר? איך וויים, וואָס וועט זיין פון מיר? עפּשער ווייסט איר, וואָס וועט זיין פון מיר?

4.

מיין ברודער עליאָהו האָט כאַסענע.

א.

מאַזלטאָוו. איר ווייכט? מיין ברודער עליאָהו האָט כאַסענע!

וויי-וויי, וואָס סע טוט זיך! עס קאָכט די שטאָט. די וועלט וויגט זיך! אַזוי זאָגט אונזער שכיינע פּעסי די גראָבע, זי זאָגט, אַז עס וועט זיין אַ געהויבענע כאַסענע. אַזאַ כאַסענע, זאָגט זי, איז שוין לאַנג ניט געוועזן ביי אונז אין שטאָט!

וואָס איז די מייסע? נאָר מיצאַד ראַכמאָנעס. מאַכמעס, די מאַמע איז אַן אַלמאָנע און דער כאָסן איז אַ יאָסעם. און אַ ביסל איז טאַקע צוליב זכוס אָוועס, דעם טאַטנס נאָמען! דער טאַטע, אָלאָוו האַשאָלעם, האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם נאָמען. איך הער, וואָס מענטשן זאָגן דער מאַ-מע מיינער. זיי זאָגן איר, אַז דער מכוטן איז ניט קראַנק צו נעמען אַף זיך אַלע הויצאָעס און נאָך עפּעס צוצאָלן אויך. ער טאָר ניט פאַר-געסן, זאָגן זיי, אַז ער נעמט פּייסי דעם כאַזנס זון פאַר אַ כאָסן! מיין ברודער עליאָהו הערט דאָס. ער פאַרשעמט זיך, גלעט זיך דאָס בערדל ווי אַ גרויסער, ווי אַ מאַנסביל, ער איז שוין אַ מאַנסבל. ערשט אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך אים אָנגעהויבן שיסן אַ בערדל. געוויס איז

דאָס אים געקומען פון רויכערן. פון זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגעהויבן רויכערן. די ערשטע צייט האָט ער זיך געמוטשעט, פלעגט זיך פאַרהוסטן; איצט פאַרציט ער זיך שוין און קאָן אַרויסלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז. אַ טייערע מציע! איר מיינט, אַז איך קאָן דאָס ניט? די גאַנצע צאָרע, וואָס איך האָב ניט קיין טיטון! רויכער איך פאַפּיר, רויכער איך שטרוי, רויכער איך דער רואַך ווייסט וואָס! איז געוואָר געוואָרן דערפון מיין ברודער עליאָהו. האָט ער מיר גע־געבן! ער מעג און איך טאָר ניט! ב'אַשער, איך בין נאָך ניט אַלט קיין גאַנצע זעקס יאָר, אים קיין, וואָס בין איך שולדיק? איך האָב אים גע־געבן דאָס וואָרט, אַז אַן עק, מער רויכער איך ניט. ווי מיינט איר, לאַנג האָב איך געהאַלטן וואָרט? איך בעט אייך, ווער רויכערט ניט היינטיקע צייטן?

ב.

באַלד וועט זיך איבערקערן די וועלט. אזוי זאָגט פעסי, אונזער שכיינע. זי איז געקומען צו גיין פונם מכותן אַ צעקאָכטע. ס'איז אַ מיסע מייסע. דער מכותן איז געוואָר געוואָרן, אַז דער כאָסן (מיין ברודער עליאָהו) האָט ניט קיין זייגער. דער זייגער איז געווען אַ גוטער זייגער, אַן עמעסער זילבערנער זייגער. דאָס האָט אים דער מכותן גע־קויפט אַ מאַטאָנע. וואו איז אַהינגעקומען דער זייגער? ער האָט אים, כאָלילע, ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן. ער האָט אים פאַרקויפט. און דאָס געלט אויסגעגעבן אַף דאָקטוירים און רפועס. ער האָט געוואָלט ראַטע־ווען דעם טאַטן — וואָס קומט אים דערפאַר? אַזוי האָט געמיינט פעסי. דער מכותן איז אָבער אַ פּראָסטער ייד. ער פרעגט, וואָס געהער זיך אָן אַ פרעמדער טאַטע צו זיין זייגער? ער איז ניט מכויעוו, זאָגט ער, מיט זיינע זייגערס אויסצוהאַלטן פרעמדע טאַטעס. פונם זייגער איז שוין ביי אים געוואָרן „זייגעריס“ און פינם טאַטן — טאַטעס! פעסי זאָגט, אַז פון אַ כאַזערשן עק קאָן מען קיין שטריימל ניט מאַכן... דאָס מיינט זי אונזער מכותן. ער איז אַ פּראָסטער בעפּעשו! אַ בעקער איז ער און הייסט יוינע דער בייגלבעקער. ער באַקט בייגל. „איר מעגט שוין ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל.“ — אַזוי זאָגט אים פעסי. מיסטאַמע אַף קאַטאָוועס. און עפּשער מיינט זי טאַקע אַפּדערעמעסן. איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי קאָן מען ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל? ווער וועט זיי דאָרטן קויפן?... ער איז אַ ייר אַ נאָגיד, אונזער מכותן. פעסי דרינגט, אַז ער איז אַן אַדירו! זי זאָגט אים אין די אויגן, אַז ווען זי פאַרמאָגט האַלב פון אים, טוט זי מיט אים קיין שידעך ניט. ער מוז אַפּשוויי גן, וואָרן, צו איר, אַז מע פאַלט אַריין, איז דאָס בעסטע

שווייגן. — ער איז שוין מוחל דעם כאַסן דעם זייגער, אַבי לאָז דאָס האָבן אַ סאָף. זאָגט אָבער פּעסי, אַז זי איז ניט מוחל, זי וויל, ער זאָל קויפן דעם כאַסן אַ נייעם זייגער. עס פּאַסט ניט, זאָגט זי, אַ כאַסן זאָל גיין צו דער כופּע אָן אַ זייגער. טײַנעט ער: וואָס פאַר אַ שייכעס האָט זי מיט זיין כאַסן? זאָגט זי: עס האָט אַ שייכעס. דער־פאַר, וואָס דער כאַסן איז פּייסי דעם כאַזנס אַ זון, און ער, יוינע דער בייגלבעקער, איז בײַרע זאַכן: אי אַ נאָגיד אי אַ כאַזער. פאַרדריסט דאָס אים, טוט ער אַ קלאַפּ מיט דער טיר און זאָגט: „לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַריין!“ זאָגט אים פּעסי: „אַף גיין אין דער ערד אַריין זיינט איר בילכער — איר זיינט אַ בעקער!...

די מאַמע האָט שטאַרק מוירע, טאָמער, כאָלילע, שיקט ער אָפּ די טנאָאים. זאָגט איר פּעסי, זי זאָל שלאָפן רוהיק: אַ יאָטעם שיקט מען ניט אָפּ קיין טנאָאים. איר מיינט, ווער האָט אויסגעפירט? מיר! דער מכוטן האָט געקייפט דעם כאָסן (מיין ברודער עליאָהו) אַ נייעם זייגער, אויך אַ זילבערנעם. נאָך אַ בעסערן פון יענעם. דער מכוטן האָט אים אליין געבראַכט צו טראָגן. אוי, ווען איך האָב אַזאַ זייגער! וואָס מיינט איר וואָלט געווען? קוידעם וואָלט איך ארויסגענומען די געדערים און דערגאַנגען דעם סייכל, פאַרוואָס אַ זייגער גייט. און נאָכדעם? און נאָכדעם ווייס איך שוין וואָס עס וואָלט געווען. די מאַמע ווינשעוועט אים, דעם מכוטן, ער זאָל דערלעבן אים קויפן אַ גאָלדע־נעם זייגער. דער מכוטן ווינשעוועט איר אָפּ צוריק, זי זאָל דערלעבן כאַסענע מאַכן דעם מוזיניק. דאָס מיינט מען מיך. איך בין צופרידן. אפילע היינטיקן טאָג, אַבי אַ זייגער. די מאַמע גלעט מיך און זאָגט, אַז ס'וועט נאָך געגוג וואַסער איבערלויפן, און בשאָאס מייסע זיינען איר די אויגן נאַס. איך פאַרשטיי ניט, וואָס דאַרף לויפן אַזוי פיל וואַסער אייידער איך גיי כאַסענע האָבן און וואָס דאַרף מען דערביי וויינען? ווייגען איז ביי איר אַ וואָכעדיקער גאַנג און דאָס מוז זי אַלע טאָג. ווייגען איז ביי איר ווי, למאָשל, ביי אייך דאַווענען, אָדער עסן. דער שניידער האָט אָפּגעבראַכט דעם כאָסן די מאַלבושים, וואָס דער מכוטן האָט באַשטעלט — דאַרף זי וויינען. פּעסי האָט איר אָפּ־געבאַקן לעקאַך צו דער כאַסענע — דאַרף מען וויינען. מאָרגן אין דער צייט איז די כופּע — ווידער געווייגט! איך פאַרשטיי ניט, פון וואַנען נעמען זיך ביי מענטשן אַזוי פיל טרערן?...

ג.

עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ טאָג אַ גאַניידן! אין דרויסן איז כאַצי עלעל און טאָקע כאַצי־עלעלדיק. די זון בראָט ניט אָף צו שוויצן, אַף צו וועלן באָדן זיך. זי וואַרימט און גלעט און קושט אַזוי ווי אַ מאַמע.

דער הימל איז אויסגעצויגן שאָטנדיק. דער גאַנצער אינדרויסן פרייט זיך, וואָס מיין ברודער עליאָהו האָט כאַסענע. גאַנץ פרי האָט זיך אויסגעשנעלט אַ יאַריד אין שטעטל. ווייבאַלד אַ יאַריד, מוז איך דאָרט זיין. איך האָב ליב אַ יאַריד דאָס כאַיעס. יידן לויפן ארום ווי פאַרסאַמטע מייז, שרייען, פילדערן, רייסן די גויאים פאַר די פּאָלעס, גייען אויס לייזן געלט — אַ טעאַטער מיט זיי! און די גויאים האָבן צייט, זיי גייען דאַוויקע פּאַוואָלי, די הינטלען ארויף, קוקן, טאַפּן, קראַצן זיך, דינגען זיך, ווילן האַנדלען מציאָס. איך זאָג אייך, מ'דאַרף ניט קיין טעאַטער. שענער פון אַלץ איז די „קאָנע". ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פערד-מאַרק. דאָרט קויפט מען און מע פאַרקויפט פערד. דאָרט זעהט איר פערד, ציגיינער, דייטשן, יידן, גויאים און פריצים. דער טומל גייט דאָ כוץ לדערעך האַכעווע, מע קאָן טויב ווערן. די ציגיינער שווערן זיך, יידן פאַטשן איבער די הענט, פריצים קנאַקן מיט די בייטשן, און פערדלאַך לויפן אַהין און אַהער פייל אויסן בויגן. איך האָב ליב צו קוקן ווי פערדלאַך לויפן, און ווער שמועסט לאָשעקלאַך! איך גיי אויס, איך שטאַרב נאָך אַ לאָשעקל! און נישט נאָר קליינע לאָשעקלאַך האָב איך ליב — אַלץ, וואָס איז קליין: קליינע הינטעלאַך, קליינע קעצלאַך. איר ווייסט? אפילו אוגערקעלאַך קליינינקע, קאַרטאָפל יונגעטשקע, ציבלקעלאַך, קנאָבעלאַך. אַלץ, וואָס קליין, איז ליב, כוץ כאַזיירימלאַך. כאַזיירים האָב איך פיינט אפילו קליינערהייד... איך קער מיך אום צו די פערדלאַך. די פערד לויפן. די לאָשעקלאַך לויפן נאָך די פערד. איך לויף נאָך די לאָשעקלאַך, אַלע לויפן מיר. אַף לויפן בין איך אַ פייער. איך האָב זעהר גרינגע פיס. דערצו גיי איך באָרוויס און זעהר לייכט אָנגעטאָן: אַ העמדל, איין הויז און פון אויבן אַ סיטצן אַרבעקאַנפסל. אַז איך לויף אַראָפּ אַ באַרג און ס'איז אַ ווינטל און די ציצעס צעלאָזן זיך, מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל און איך פלי.

— מאָטל! גאָט איז מיט דיר! שטיי אַ ווײַלע.

אזוי שרייט צו מיר פעסיס מאַן, מוישע דער איינבינדער. ער לויפט פונם יאַריד אַהיים מיט אַ פּאַק באַבאָלע פּאַפּיר. איך האָב מוירע, ער זאָל מיר ניט צושטעלן אַ ביינקעלע פאַר דער מאַמען און איך זאָל ניט כאַפּן קיין פסאַק פון מיין ברודער עליאָהו. איך הער אויף צו לויפן, גיי צו פּאַמעליך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו אונזער שכיינעס מאַן. ער לייגט אָפּ דאָס פעקל פּאַפּיר, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שוויס און זאָגט מיר מוסער:

— ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ יינגעלע אַ יאָסעם דרייען זיך צווישן ציגיינערס און לויפן משוגענערהייד מיט אַלע פערד? און נאָך אין אַזאַ טאָג! שוין באַלד די כופע ביי דיין ברודער — דאָס ווייסטו? קום אַהיים!

ד.

וואו ביזטו געוועזן? אַ דונער איז מיר!

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע מיט אַ פּליעסק מיט די הענט און באַטראַכט מיין צעריסן הויזל, מיינע צעבלוטיגטע פיס און מיין פאַרפלאָמט, פאַרשוויצט פּנים. לאַנג לעבן זאָל מוישע דער איינבינדער. קיין וואָרט האָט ער ניט דערציילט פאַר קיינעם. די מאַמע וואַשט מיך אָרום, טוט מיר אָן אַ פּאָר נייע הויזלאַך מיט אַ קאַשקעטל צו דער כאַסענע. די הויזלאַך זיינען געמאַכט געוואָרן איך ווייס ניט פון וואָס פאַר אַ מאַטעריע: אַז מע שטעלט זיי אַוועק, שטייען זיי, און אַז מע גייט, שרייען זיי. מאָדנע הויזלאַך!

— אַז דו וועסט צערייסן אָט-אָ-די הויזלאַך, איז שוין עק וועלט!

אַזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אַזוי. אַזעלכע הויזן קאָנען זיך שוין ניט צערייסן, סיידן מ׳זאָל זיי צעברעכן. דאָס קאַשקעטל איז גאָר פון די אנטיקן, און א דאַשעקל האָט דאָס אַ שוואַרצס, אַ גלאַנצעדיקס. אַז עס הערט אויף צו גלאַנצן, באַשפּייט מען דאָס, הויבט עס אָן אויפסניי צו גלאַנצן. די מאַמע קוקט אַף מיר און קוועלט און טרערן קייַקלען זיך אַף אירע געקנייטשטע באַקן. איר ווילט זיך זעהר, אַז איך זאָל אַף דער כאַסענע אויסנעמען. זי זאָגט צום כאַסן:

— עליאָהו! ווי מיינסטו? איך וועל מיט אים ניט פאַרשעמט ווערן? ער גייט אָנגעטאָן, קיין אַאין הָאָרע, ווי אַ מאָנאַרכס אַ קינד.

מיין ברודער עליאָהו באַטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדל און קוקט אַף מיינע פיס. איך ווייס, וואָס באַטייט זיין קוקן. ער קוקט, וואָס דעם „מאָנאַרכס קינד" גייט באָרוויס... די מאַמע פאַרשטייט אויך זיין קוק, נאָר זי מאַכט זיך ניט ווויסנדיק... אַליין גייט זי אָנגעטאָן אין אַ געל מאַלבעש, וואָס איך האָב עס אַף איר קיינמאָל ניט געזעהן. דאָס מאַלבעש איז אַף איר מגושעם ברייט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב עס אַמאָל געזעהן אַף אונזער שכיינע פעסי... דערפאַר טראָגט זי אָפן קאָפּ אַ זיידענע פאַטשיילע, אַ שפּאָגל-נייַע, נאָך מיט אַלע קנייטשן. דעם קאָליר פון פאַטשיילע איז שווער צו באַשרייבן. מ׳קאָן זאָגן וויס, מ׳קאָן זאָגן געל, מ׳קאָן זאָגן ראָז — ס׳ווענדט זיך אָן דער צייט. ביי טאָג איז דאָס העל-ראָז, פאַרנאַכט קומט דאָס אויס געלבליך, און ביינאַכט—וויס. גאַנץ פרי מאָלט זיך עס אויס גרינבליך, און אַמאָל, אַז מע קוקט זיך שטאַרק איין, פאָלט דאָס גאָר אַריין אין „אַנטיק מאַרע". דאָס הייסט, העל רויטליך-בלוי-טונקל-גרין-פּאָפּעליאַטע. זאָגן אַף דער פאַטשיילע אַ כיסאָרן קאָן מען ניט, וואָרן ס׳איז א זעלטענע פאַטשיילע. נישט מער אַף דער מאַמען זעהט זי אויס פרעמד, שטאַרק פרעמד.

עפּעס קלעפּט זיך ניט די פּאַטשיילע צום פּאָנים. די פּאַטשיילע איז פאַר זיך און דאָס פּאָנים איז פאַר זיך. אַ ווייבערשע פּאַטשיילע איז ווי אַ מאַנסבילש היטל. דאָס היטל מיטן פּאָנים דאַרף זיך פּאָרן, זיין ווי צוזאַמענגעוואַקסן. אָט, למשל, מיין ברודער עליאָהו, ער גייט אָנגעטאָן אַ קאַרטוזל, איז דאָס ווי אויסגעוואַקסן ביי אים אויפן קאָפּ. די פּייעס האָט מען אים איינגאַנצן אָפּגעשוירן, און ניט נאָר אָפּגעשוירן, נאָר אָפּגעגאָלט. אַ מאַנישקע האָט ער אָנגעטאָן אַ ווייסע מיט אַ האַרטן קאָלנער, מיט אָפּגעלייגטע שפּיצן, און א שניפּסל האָט ער געקויפט אַ ווייס מיט רויטע, גרינע און בלויע פּינטעלאַך. אַ רייכער שניפּס! שטיוול מיטן גלאַנץ און מיטן סקריפּ און אַף שטאַרק הויכע אָפּצאַסן — ער זאָל אויסזעהן אַ ביסל העכער. עס וועט אים אָבער העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס; ער איז זעהר קליין געוואַקסן. ער איז ניט אַזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאַנסבילדיק און רויט און ראַבעטיגי און א שטים האָט זי אַ מאַנסבילשע. איך רעד פון דער קאַלע, פון יוינע דעם בעקערס טאָכטער. בראָכע הייסט זי. אַ פאַרגעניגן געווען צו זעהן דאָס פּאָרל אונטער דער כופּע. איך האָב קיין צייט ניט צו קוקן אַף כאָסן־קאַלע. איך בין פאַרנומען. איך דאַרף זעהן די קלעזמער. און ניט אַזוי די קלעזמער, ווי זייערע קיילים. מער ווי אַלץ—דעם קאָנטראַבאַס מיטן קעסלפויק. שיינע צוויי קיילים! דער כיסאָרן, וואָס מע קאָן ניט צוגיין נאָהענט אַ פּרוואו טון די קיילים: באַלד עפּעס, געבן זיי איבער די הענט אָדער דרייען אייך אָן אַן אויער. דער רואַך כאַפּט זיי אַוועק, טאָמער רירט איר זיך צו מיט אַ פינגער! איר וועט זיי אָפּבייסן! אַך, ווען די מאַמע זאָל זיין אַ גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר א קלעזמער. איך וויים אָבער, אַז זי וועט דאָס ניט וועלן, ניט מאַכמעס זי איז אַ שלעכטע, נאָר מאַכמעס די וועלט וועט ניט דערלאָזן, אַז פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל זאָל זיין אַ קלעזמער. ניט קיין קלעזמער און ניט קיין באַלמלאָכע. מע האָט שוין גערעדט דערפון ניט איינמאָל, וואָס וועט זיין פון מיר דער טאַכליס. אַלע זאָרגן זיך איבער מיין טאַכליס. די מאַמע, מיין ברודער עליאָהו, אונזער שכיינע פּעסי און איר מאַן מוישע דער איינבינדער. ער האָט כיישעק מיך געמען צו דער אַרבעט, דערלאָזט נישט פּעסי. זי זאָגט, אַז פּייסי דער כאַזן, אָלאָוו האַשאָלעם, האָט ניט פאַרדינט, אַז זיין זון זאָל זיין אַ באַאַלמלאָכע... איך האָב מיך פאַררעדט און גאָר פאַרגעסן פון דער כאַסענע. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער כופּע. מ'גרייט שוין צום טיש. ווייבער און מיידלאַך טאַנצן אַ קאַדריל. איך האָב מיך אַריינגעפּלאָנטערט מיט מיינע הילצערנע הויזן אין מיטן. די, וואָס קוקן, ווי מע טאַנצט, האָבן מיך גענומען וואַרפן איינער צום אַנדערן, ווי אַ מיאַטש (פּאָל). „וואָס איז דאָס פאַר א פּריטשעפּע?״ — זאָגט איינער. „עפּעס א שלימאַזל!״ זאָגט—דער

אַנדערער. „אַ רעשטל צו די צאָרעס!“—זאָגט אַ דריטער. דערזעהט אונזער שכיינע און צעשרייט זיך (זי איז שוין הייזעריק, ווי די וואַנט):

— צי איר זייַנט משוגע, צי כאַסערדייע, צי מטורעף, צי גערידט, צי פונם זינען, צי ניט ביי אַלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם כאַסנס ברודערל!!!...

אַהאָ! ס'האָט זיי גענומען! אַוואַדע האָט מען מיך אָוועקגעזעצט ביים טיש גלייך מיט קאַלעסצאַד. און ווייסט איר מיט וועמען מע האָט מיך באַזעצט? אַז איר וועט זיין מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך ניט טרעפן! מיט דער קאַלעס שוועסטערל, יוינע דעם בעקערס קליין טעכטערל. אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר סאַכאַקל מיט איין יאָר און טראָגט צוויי צעפּלאַך, צונויפגעבונדן פון אונטן מיט אַ סטיינגעלע, און זעהט אויס ווי א געפלאָכטענער בייגל. איך און אַלטע עסן פון איין טעלער ניט ווייַט פון כאָסן-קאַלע. דער כאָסן, מיין ברודער עליאָהו, קוקט אַף מיר, איך זאָל זיצן ווי אַ מענטש, איך זאָל עסן מיט אַ גאָפּל און זאָל ניט כאַפּן. איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך האָב קיין האַנאָע ניט פון דער וועטשערע. איך האָב פיינט, אַז מע קוקט אַף מיר — צו די אַלע זאַכן טראָגט אָן דער גוטער יאָר אונזער שכיינע פעסי.

— זאָלט איר זיין געזונט! — שרייט זי מיט אַלע קויכעס צו דער מאַמען — טוט נאָר אַ קוק אהער. פאַרוואָס זאָל ניט זיין קיין שידעך?... אַ זיוועק מין האַשאָמאַאים.

אַף איר הייזעריקן געשריי קומט אָן דער מכוטן, יוינע דער בעקער, אַנגעטאָן שאַבעסדיק און עס ווערט אַ שמועס, אַז איך און אַלטע זייַנען כאָסן-קאַלע. יוינע דער בעקער לאַכט מיט א האַלבן מויל. דער גאַנצער עוילעם קוקט אַף אונז. מיר ביידע, איך און אַלטע, לאָזן אַראָפּ די אויגן אונטערן טיש און שטיקן זיך פאַר געלעכטער. ביכדיי איך זאָל ניט אויסשיסן, האַלט איך מיך צו ביי דער נאָז און בלאָז מיך אָן ווי אַ פּאָכיר. נאָך א מינוט וועט דער פּאָכיר פּלאַצן. און עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל. א גליק, וואָס די קלעזמער טוען א זעץ א שיינעם ניגן, א וואָלאָך. דער גאַנצער עוילעם ווערט פאַרטראַכט. איך הויב אויף דעם קאָפּ און דערזעה די מאַמע מיטן געלן פרעמדן מאַלבעש און מיט דער זיידענער פאַטשיילע. זי טוט דאָס, וואָס אַלע מאָל: זי וויינט! איר ווייסט ניט, זי וועט אַמאָל אויפהערן צו וויינען?...

·5

מיין ברודער עליאָהוס געטראַנק.

א.

„פאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאָנען מיטן אינהאַלט פון אונזער בוך, וואָס קאָסט סאַכאַקל איין רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! — איר וועט פאַרשפּעטיקן".

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אַף די בלעטער מיין ברודער עליאָהו, באַלד ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט. און אַראָפּ פון קעסט איז מיין ברודער עליאָהו ניט דערפאַר, ווייל ס'איז אים „אויסגעגאַנגען די יאָרן". צוגעזאָגט האָט מען אים, אייגענטליך, קעסט גאַנצע דריי יאָר, און געהאַלטן האָט מען אים אַפילע נישט קיין דריי כאַדאָשים. עס האָט זיך מיט זיין רייכן שווער געטראָפן אַן אומגליק. יוינע דער בעקער האָט אָנגעזעצט און איז געוואָרן פון אַ נאָגיד אַ קאַפּצן. מיין ברודער עליאָהו, וויבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אַף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אָוועקגעשיקט אַף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ בסורע, זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זיינען געהאָלפן. מיט פּאַרנאָסע זיינען מיר שוין פאַרזאָרגט אָט אַזוי ווייט (ער ווייזט מיט דער האַנט אַפן האַלדז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע — האָסט געקראָגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע — ענטפערט איר מיין ברודער עליאָהו און די אויגן ביי אים לייכטן. אַפּאָנים פון גרויס סימכע. ער הייסט איר וואַרטן נאָר עטליכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ בוך! — זאָגט איר מיין ברודער עליאָהו און ער לאָזט זיך גיין אַף דער פּאָסט. אַלע טאָג גייט ער אַף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אַפן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אָוועקגעשיקט דאָס קערבל און קיין בוך איז נישטאָ! דערווייל דאַרף מען לעבן. „די נשאָמע אויסשפּייען קאָן מען ניט". אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי שפּייט מען דאָס אויס אַ נשאָמע?

ב.

שאַ'ט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער עליאָהו זיך אָוועקגעזעצט לייענען דאס בוך. וויי-וויי, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! וויפל סגולעס אָף צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אָף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוכוואַקס, אַ רעצעפּט אָף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראַנפּענס, לימאָנאַד, סאָדע-וואַסער און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מיין ברודער עליאָהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אָבן לעצטן רעצעפּט, ערשטענס, ווייל דורך אים קאָן מען פאַרדינען נאָך מער פון הונדערט רובל אַ כוידעש, אַזוי שטייט בפּירעש געשריבן אין בוך. צווייטנס, מ'דאַרף זיך ניט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוכוואַקס. די פראַגע איז נאָר, צו וואָסער געטראַנק זאָל מען זיך נעמען? צו ליקערן און זיסע בראַנפּענס דאַרף מען האָבן ראָטשילדס פאַרמעגן. צו לימאָנאַד און סאָדע-וואַסער דאַרף מען האָבן אַ מאַשינע אַזעלכע, עפּעס אַ מין שטיין, וואָס קאָסט מי יודייע וויפל! בלייבט איבער נאָר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סאַך. אובּיפראַט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער, ווי היינט. פון קוואַס, דאַרפט איר וויסן, איז ביי אונז באַראַך דער קוואַסניק געוואָרן אַ גוויר. ער מאַכט „בוטעל-קוואַס". זיין קוואַס האָט אַ שעם אָף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער ווי פון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער סייכל, וואָס עס שיסט, ווייסט קיינער ניט. דאָס איז באַראַכס סאָד. מע זאָגט, אַז ער לייגט אַריין אינעווייניק עפּעס אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגן אַ ראָזינקע, אַנדערע זאָגן — האָפּן. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיין הענט, אַזוי פיל לייזט ער געלט.

אונזער קיוואַס, וואָס מיין ברודער עליאָהו מאַכט נאָכן רעצעפּט, איז ניט קיין בוטעל-קוואַס און שיסט ניט. אונזער קוואַס איז אַן אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט קאָן איך אייך ניט זאָגן. מיין ברודער עליאָהו לאָזט קיינעם נישט צו, בשאַס ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער, זעהען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מיין שוועגעריין בראָכע — קיינער האָט ניט די זכיע צו זיין דערביי. נאָר איינ איר זאָגט מיר צו, אַז עס וועט זיין אַ סאָד, קאָן איך אייך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרט געפינט זיך שאָלאַכץ פון לימענע,

שיטערער האָניק (מעקיס), אַ זאַך, וואָס מע רופֿט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז זויערער פֿון עסיק און דאָס איבעריקע — וואָס ג״ר. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פֿון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטן שטעקן, אַזוי שטייט געשריבן אין בוך, און דאָס געטראַנק איז פֿאַרטיק. נאָכדעם ווערט ער אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מע וואַרפֿט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אייז איז ז׳ער איקער! אָן אייז כויג דאָס גאַנצע געטראַנק אַף תּשעה נייַנציק קאַפּאָרעס. דאָס זאָג איך אייך ניט פֿונם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פֿאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז אַן ענדע פֿון מיין לעבן!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פֿעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פֿאַרקויפֿן עס אַף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מיין ברודער עליאָהון פּאַסט ניט. ער איז דאָך אַ באַוויבטער. דער מזמען אַוואַדע ניט. מיר וועלן גאָר ניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרייען: „קוואַס! קוואַס! יידן, קוואַס!". אַלע האָבן געפּאַסקענט, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט. איך אַליין האָב אויך אַזוי געדיינקט. איך האָב מיך מכאַיע געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נייס. מיין ברודער עליאָהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טון. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט אַף אַ שטריקל. די גלאָז אין דער אַנדערער האַנט, און ביכדיי דער אוילעם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגן, אָט אַזוי:

יידן! אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קאָל, האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב אַ שענס, אַ סאָפּראַנאָ-שטים, ב׳ירושע פֿון מיין טאַטן, אָלאָוו האַשאָלעם. איך האָב געגעבן אַ זינג אויס אַף אַ קאָל און איבערגעדרייט דעם פּאַסעק מיט די פֿיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי עפּשער ווייל דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויסגעפּאַקויפט אין איין האַלבער שאָ און בין געקומען אַהיים מיט קימאַט פינף גילדן פידיען, אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פינף זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַרדינט פונקט הונדערט רובל אַ כוידעש. איצט רעכנט, זייט מויכל, אַראָפּ די פיר טעג שאַבעס, וואָס אין כוידעש, וועט איר שוין אַליין וויסן, וויפל דאָס געטראַנק קאָסט אונז און וואָס פאַר אַ פּראָצענט מיר פאַרדינען ביי אים. דאָס געטראַנק קאָסט אונז זעהר וואָלוול, מ׳קאָן זאָגן קימאַט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אָף אונז. דעריבער דאַרף מען זעהן וואָס גיכער אויספאַרקויפן דעם קרוג מיטן געטראַנק, ביכדיי דאָס שטיקל אייז זאָל צוגוץ קומען אָפן צווייטן קרוג און אָפן דריטן קרוג און אַזוי ווייטער. דעריבער דאַרף מען מיטן געטראַנק גיין גיך, טאַקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך ייִנגלאָך, שקאָצים, אַ גאַנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זעה וואָס גיכער אויסברייִנגען דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מיין ברודער עליאָהו מיט מיין שוועגערין בראָכע מיט מיין מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן אַ שטוק דיני מיט אַ שטוק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אונגעורישע. פון קוואַס שמועסט מען ניט. קוואַס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַרן שלאָפן בעט מיר די מאַמע אָף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט וויי, כאָלילע, די פיס. מיין ברודער עליאָהו לאַכט פון איר, ער זאָגט אָף מיר, אַז איך בין אַזאַ ייִנגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט וויי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך — אַ סימען, אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיטן קרוג אין מיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דריי צעלאַכן זיך פון מיין בעריעשאַפט. נאָר אָף דער מאַמעס אויגן זעה איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער קלאַל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן, אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מיין מאַמע?

ד.

עס גייט אונז, קיין אַיִן האָרע, דורך טיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונעם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אויס פאַר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען ניט דאָס גלעזל קוואַס, וואָלט

מען פאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג בליי גוזמע צען מאָל אַ טאָג! מיין ברודער עליאָהו קוקט אַריין אין פאַס אריין מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין, פאַלט ער אַף אַן אייצע און גיסט צו נאָך אַ פאָר עמער וואַסער. אַף דער אייצע בין איך געפאַלן נאָך פריער פון אים. איך מוז מיך מוידע זיין פאַר אייך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפיצל שוין עטליכע מאָל. קימאַט אַלע טאָג כאַפּ איך מיך אַריין צו אונזער שכיינע פּעסי און גיב איר פאַרזוכן אַ גלעזל פון אונזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן מוישע דעם אייבבינדער, גיב איך צוויי גלעזלאַך. ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלאַך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. דעם בלינדן פעטער גיב איך אויך אַ גלעזל קוואַס אַף צו פאַרזוכן, אַ ראַכמאָנעס, ער איז, נעביך, אַ קאַליקע. אַלע מיינע באַקאַנטע גיב איך קוואַס. אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט און ביכדיי ס'זאָל ניט זיין קיין שאָדן, דערגיס איך זעם קרוג מיט וואַסער. אַף איטליכעס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער. דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למאָשל, מיין ברודער עליאָהו טרינקט אויס אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. ער איז גערעכט, ס'איז אָן אַוויירע אַ קאָפּיקע. מיין שוועגערין בראָכע טרינקט אויך אַ פאָר גלעזלאַך קוואַס (זי האָט ליב מיין ברודער עליאָהוס קוואַס—סאַקאָנעס!), דערגיסט זי באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פאַרזוכט אַמאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן, אַליין וועט זי ניט נעמען), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. אַ קלאַל, עס גייט ניט כאַסער קיין טראָפּן און מיר מאַכן קיין אַין האָרע פיין געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאָלט מיט אַ סאַך כייוועס, אויסגעלייזט אַ פאָר גויטיקע מאַשקאָנעס. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַביינקל. אַף שאַבעס האָבן מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט, אים יירצע האַשעם, אַף יאָנטויווים אַ פאָר שטיוועלאַך נייע — מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט, ווי מיר!

ה.

גייט זייט אַ נאָווי אין טרעפּ, אַז עס וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק, און אונזער געטראַנק וועט ווערן פּאַסל, כאָטש נעמט און גיסט אים אַרויס אין פּאָמעניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מ'האָט מיך ניט פאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מייסע! איינמאָל האָב איך פאַרבלאָנזעט מיטן קרוג קוואַס צו אונזער שכיינע פּעסי. דער גאַנצער אוילעם האָט גענומען צו גלעזלאַך קוואַס און איך אַליין אויך מיט

זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלאַך צוועלף-דרייצן געטראַנק, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן וואו דאָס וואַסער שטייט ביי זיי. אָנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך, אַפּאָנים, געטראָפן צו דער באַליע, וואָס מע וואַשט גרעט, און האָב אַריינגעפּליאָסקעט אַ 15-20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

יידן, אַ געטראַנק!
טאַטע גאַניידן!
אַזאַ יאָר אַף מיר,
אַף אייך און אַף אונז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס די גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

— ייִנגעלע! וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ געטראַנק?

איך הער אים און טראַכט. עס שטייען נאָך צוויי יידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל, זיי באַצאָלן, שפּייען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו די גלאָז צו די ליפּן, ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז עס שמעקט מיט זייף און ס'איז, דאַכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אַף דער גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס ביי דיר?

— אַזאַ געטראַנק,—זאָג איך.

איינער גייט צו, פאַרזוכט, און טוט אַ פליאָסקע אויס די גלאָז גלייך מיר אין פּאָנים אַריין. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט יידן, ווייבער און קינדער, אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעהט אַ יאָוון, אַז מע קלייבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַריין צו מיר אין קרוג אַריין און הייסט זיך געבן פאַרזוכן. גיט איך אים אָן אַ גלאָז מיט קוואַס. דער יאָוון טוט אַ טרינק אָפּ און שפּייט אויס און ווערט מאַלע רציכע.

— וואו האָסטו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון אַ בוך,—זאָג איך אים,—מיין ברודערס מלאָכע, מיין ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער עליאָהו, — זאָג איך אים.

— וואָסער עליאָהו ? — פרעגט ער מיך.

— דאַבעָר נישט, דו נאַרישער יאָלד, אַף דיין אָכי! — זאָגן צו מיר עטליכע יידן, אַלע מיט אַמאָל. עס ווערט אַ טומל, אַ ראַאַש, אַ מהומע. אַלע מינוט קומען צו נייע מענטשן. דער יאָוון האַלט מיך פאַר׳ן האַנט און וויל אונז אָפפירן (מיך מיטן געטראַנק) גלייך אין פּאָליציי אַריין. דער טומל ווערט נאָך גרעסער: „אַ יאַסעם! נעביך, אַ יאָסעם״! הער איך פון אַלע זייטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל, איך קוק אָפן אוילעם, וואָס אַרום מיר: „יידן, האָט ראַכמאָנעס!״... מע וויל אַריינרוקן דעם יאָוון אַ מאַטבייע, דער יאָוון נעמט ניט. רופט זיך אָן צו מיר איינער, אַן אַלטער ייד מיט גאַבייוישע אויגן, פאַרשטעלט, אַף לאָשן קוידעש:

— מאָטל ? רייס דעם יאַד פונם יאָוון און הויב אויף די ראַגלאַאים און מאַך פלייטע!

איך טו זיך אַ ריס, נעם די פיס אַף די פּלייצעס און מאַרש אהיים! ניט טויט ניט לעבעדיק פאַל איך אַריין אין שטוב אַריין.

— וואו איז דער קרוג ? — פרעגט מיך מיין ברודער עליאָהו!

— אין פּאָליציי! — ענפער איך אים און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.

.6

מיר פאַרפלייצן די וועלט מיט טינט.

א.

אוי, בין איך געוועז אַ נאַר! דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרקויפט ניט אַזאַ גוטן קוואַס, האָב איך געמיינט, אַז מ׳וועט מיך קעפּן! צום סאָף גאַרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקן. מיין ברודער עליאָהו פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעבריט אָפן קוואַס. אָבי ער האָט דאָס בוך, איז אים גוט. ער זיצט און לערנט אים אַף אויסנווייניק. דאָרטן זיינען דאָ אָן אַ שיר רעצעפּטן, ווי אַזוי מען מאַכט געלט. ער קאָן שוין קימאַט אַלע רעצעפּטען. ער ווייסט שוין, ווי אַזוי מע מאַכט טינט, ווי אַזוי מע מאַכט שוכוואַקס. ער רעכנט קוידעם קאָל זיך נעמען צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז אַ גוטער אַרטיקל. אַלע לערנען זיך שרייבן. ער איז אַ באַאַלן געוועז פרעגן ביי יידל דעם שרייבער, וויפל גייט אַוועק ביי אים טינט ? זאָגט ער: אַ פאַרמעגן! יידל דער שרייבער האָט עפּשער זעכציק מיידלאַך, וואָס ער

לערנט זיי שרייבן. ייִנגלאַך לערנען ניט ביי אים. מ'האָט פאַר אים מוירע, ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט מיט אַ ווירע איבער די הענט. מיידלאַך קאָן מען ניט שלאָגן. עס טוט מיר באַנק, וואָס איך בין ניט געבוירן געוואָרן בעסער אַ מיידל, וואָלט איך נישט געוואוסט פון קיין טאַלמוד-טוירע. אַ האַלבן טאָג גיי איך אין טאַלמוד-טוירע. לערנען לערן איך אפן שפּיץ מעסער, נאָר פּעטש כאַפּ איך אָן אַ שיער. איר מיינט פונם רעבין? דאווקע פון דער רעביצין. איר אייסעק, וואָס איך האָדעווע די קאַץ! איר זאָלט אָנקוקן ביי איר אַ קאַץ — אַ גאָטס ראַכמאָנעס! טאָמיד איז זי הונגעריק. ניאַווקעט. ניאַווקען ניאַווקעט זי שטילערהייד, מיט אַ געוויין, ווי, להאַוודל. אַ מענטש. עס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ! ביי זיי איז אָבער ניטאָ קיין קאַפּ ראַכמאָנעס. וואס האָבן זיי צו איר? לאָז זי צוגיין צו עמיצן אַ שמעק טון — טוט מען אף איר אַ געשריי א-טפּרו-ס-ס! פליט זי אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. קיין קאַפּ לאָזט מען איר ניט אויפהויבן. אַנומעלטן איז זי גאָר פאַרפאַלן געוואָרן אַף עטליכע טעג. איך האָב געמיינט, אַז זי איז, כאָליקע, געפייגערט, צום סאָף האָט זי זיך געקעצלט... איך קער מיך אום צו מיין ברודער עליאָהוס טינט.

ב.

מיין ברודער עליאָהו איז אַוועק אין דער אַפּטייק און האָט געבראַכט אַ גוזמע „פראַשקעס” און „גליצערינע” אַ גאַנצע פלאַש. נאָך דעם האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין אַלקער און האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך ניט. ס'אַ סאָד. אַלצדינג איז ביי אים אַ סאָד. אַז ער דאַרף זאָגן דער מאַמען, למאָשל, זי זאָל אים געבן דאָס אויבערשטע פונם שטייסל, רופט ער זי אָפּ אַף אַ זייט און זאָגט איר שטילערהייד: „מאַמע! דאָס אויבערשטע פונם שטייסל”. די „פראַשקעס” מיט דער „גליצערינע” האָט ער אויסגעמישט אין אַ גאַנץ גרויסן טאָפּ (אַ נייעם טאָפּ געקויפט). דעם טאָפּ מיטן געמישעכטס האָט ער פאַררוקט אין אויוון און געבעטן די מאַמע שטילערהייד, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. מיר אַלע האָבן געמיינט מי יודייע וואָס. די מאַמע האָט אַלע מינוט געכאַפּט אַ קוק צום אויוון. אַפּאָנים, זי האָט מוירע געהאַט דער אויוון זאָל ניט צעפאַלן ווערן אף שטיקלאַך. נאָכדעם האָט מען פאַוואָליגקע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פונם אויוון און מ'האָט פאַוואָלינקע אַריינגעגאָסן דאָס געמישעכטס אין פעסל אַריין. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פעסל אַריין וואַסער. אַז דאָס פעסל איז געוואָרן אָנגעפילט העכער האַלב, האָט מיין ברודער עליאָהו אַ זאָג געטאָן: „געגוג!” און האָט זיך גענומען צום בוך, געקוקט און געהייסן שטילערהייד זיך ברייגען אַ פרישע פען מיט אַ

ווייסן בויגן פּאַפּיר. איינגעטונקען די פּען אין פּאַס און געגעבן אַ שרייב עפּעס אַפּן ווייסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ דריידל און מיט אַ ציק. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מיין שוועגערין בראָכע. די ביידע האָבן געגעבן אַ קוק אַריין און אַ זאָג צו אים: סע שרייבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריערדיקער אַרבעט. אָנגעגאָסן נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מיין ברודער עליאָהו אויפגעהויבן די האַנט: „גענוג“! ווידער אַמאָל געגעבן אַ שרייב אַריין אין ווייסן פּאַפּיר אַריין און ווידער אַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מיין שוועגערין בראָכע. די ביידע האָבן ווידער געגעבן אַ קוק אין פּאַפּיר אַריין און אַ זאָג:

— „סע שרייבט!“

אַט אַזוי עטליכע מאָל ביז די פּאַס איז געוואָרן פול ווי אַן אויג. ס'איז שוין ניט געווען וואוהין צו גיסן וואַסער. דעמאָלט האָט מיין ברודער עליאָהו געגעבן אַ הויב אויף די האַנט: „גענוג!“ — און מיר אַלע פיר האָבן זיך געזעצט עסן.

ג.

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן דעם טינט אין פלעשער. פלעשער האָט מיין ברודער עליאָהו צונויפגעבראַכט פון דער גאַנצער וועלט. אַלערליי פלעשער און פלעשעלאַך, גרויסע און קליינע, פלעשער פון ביר, פלעשער פון וויין, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראַנפן, און גלאַט פלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער איינגעהאַנדעלט אַלטע, ס'זאָל קאָסטן וועלוועלער, און אַ ליקע האָט ער געקויפט אַ ביַיע און אַ קווערטל אַ בלעכענעס אף צעגיסן דעם טינט פון פּאַס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער איינגעראָמט דער מאַמען אַ סאָד, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר; נאָכדעם האָט מען זיך אַלע פיר גענומען צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען איינגעטיילט דאַווקע גוט. מיין שוועגערין בראָכע האָט די פלעשער דורכגעשווענקט און איבערגעגעבן צו דער מאַמען. די מאַמע האָט אַריינגעקוקט אין יעדער פלאַש און איבערגעגעבן צו מיר אין די הענט אַריין. איך האָב נאָר באַדאַרפט אַריינשטעקן אין פלאַש אַריין די „ליקע“ און צוהאַלטן מיט איין האַנט די ליקע און מיט דער אַנדערער די פלאַש. און מיין ברודער עליאָהו האָט געהאַט איין אַרבעט: אָננעמען מיטן קווערטל פון פּאַס און גיסן צו מיר איבער דער „ליקע“. אַן אַרבעט איז דאָס זעהר אַ וואוילע, אַ פריידיכע. איין כיסאָרן נאָר: ס'איז טינט, עס פלעקט די פינגער, די

העגט, די נאָז, דאָס גאַנצע פּאָנים. מיר בײדע, איך און מײַן ברודער עליאָהו, האָבן זיך געמאַכט שוואַרץ ווי די שיידים. דאָס ערשטע מאָל זעה איך מײַן מאַמע זאָל לאַכן. פון מײַן שוועגערין בראָכע שמועסט מען ניט: יענע איז שיר צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער. מיין ברודער „עליאָהו האָט פײַנט, אַז מע לאַכט פון אים. בייזערט ער זיך אָף מיין שוועגערין בראָכע, און פרעגט זי, וואָס זי לאַכט, — לאַכט זי נאָך שטאַרקער. ווערט ער נאָך מער אין קאַאַס, לאַכט זי נאָך מער. אַלע מינוט כאַפּט זי אַן אַ ספּאַזמע. ביז די מאַמע הויבט זיך אָן בעטן, ס'זאָל האָבן אַ סאָף און אונז זאָגט זי, מיר זאָלן זיך איינוואַשן. מיין ברודער עליאָהו האָט אָבער קיין צײַט ניט. אים קריכט ניט אין קאָפּ וואַשן זיך. אים ליגט דער קאָפּ אין פלעשער. אויסגעגאַנגען אַלע פלע-שער. ניטאָ קײַן פלעשער! וואו קריגט מען נאָך פלעשער? ער רופט אָפּ מײַן שוועגערין בראָכע אָף אַ זייט, גיט איר געלט און רוימט איר אַרײַן אַ סאָד, זי זאָל גיין נאָך פלעשער. הערט זי אים אויס, טוט אים אַ קוק אין פּאָנים אַריין און שיסט אויס אַ געלעכטער. ווערט ער אין קאַאַס און רופט אַוועק די מאַמע אָפּן זעלבן סאָד. די מאַמע גייט אַוועק קויפן פלעשער, און מיר נעמען זיך גיסן וואַסער אין פאַס אַרײַן. פאַר-שטייט זיך, ניט מיט-אַמאָל, ביסלאַכווײַז. נאָך יעדער עמער וואַסער טוט ער אַ הויב אָף די האַנט און אַ זאָג צו זיך אַליין: „געגוג"! נאָך דעם טוט ער אַ טונק איין די פען אין פאַס און אַ שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— סע שרײַבט!

און אַזוי עטליכע מאָל, ביז די מאַמע קומט צו גיין מיט אַ נײַעם טראַנספּאָרט פלעשער, מיר נעמען זיך ווידער צו דער פריערדיקער אַרבעט: גיסן טינט פון פאַס אין פלאַש. ביז מיר בלייבן ווידער אָן טינט.

-- ביז וואַנען איז דער שיר? — טוט אַ זאָג מײַן שוועגערין בראָכע.

— קײַן אַאין האָרע ניט! — מאַכט די מאַמע, און מײַן ברו-דער עליאָהו טוט אָף איר אַ בייזן קוק, ווי איינער רעדט:

— ביזט מיר טאַקע אַ ווײַב, נאָר אַ בהיימע ביזטו, זאָל זיך גאָט דערבאַרימען!

ד.

וויפל טינט מיר האָבן, קאָן איך אייך ניט זאָגן. איך האָב מוירע אויב ניט טויזנט פלעשער! נאָר, וואָס קומט אַרויס—ס'איז גיטאָ זיי וואו אַהינצוטון. מײַן ברודער עליאָהו איז געווען שוין אומעטום. פאַרקויפן לאַאַכאָדים פלעשלאַכווײַז — איז נישט קײַן פלאַן. אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו צו אונזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם איינבינדער. אז

ער איז אריינגעקומען צו אונז און דערזעהן, קײַן אַין האָרע ניט, אַזוי פיל פלעשער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַזש אַ וואָרף צוריק. דערזעהט מיין ברודער עליאָהו און עס קומט פאָר צווישן די צוויי אַ מאָדנער שמועס. איך גיב אייך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט ביי וואָרט:

עליאָהו; וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן?

אײַנבינדער: וואָס איז בײַ דיר אין די פלעשער?

עליאָהו: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!

אײַנבינדער: וואָסער ווײַן? ס'דאָך טינט!

עליאָהו: הײַנט, וואָס זשע פרעגט איר?

אײַנבינדער: וואָס וועסטו טון מיט אַזוי פיל טינט?

עליאָהו: טרינקען.

אײַנבינדער: ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס. וועסט פאַרקויפן לאַאַכאָדים אויך?

עליאָהו: וואָס בין איך אַ משוגענער. אַז פאַרקויפן וועל איך פאַרקויפן צען פלעשער, צוואַנציק פלעשער, פופציק פלעשער. דאָס ווערט אָנגערופן „הורט". איר ווייסט, וואָס הייסט „הורט?"

אײַנבינדער: איך ווייס וואָס הייסט הורט. וועמען וועסטו פאַרקויפן?

עליאָהו: וועמען? דעם ראָוו!

און מײַן ברודער עליאָהו גייט אַוועק צו די קרעמער. געקומען צו איינעם, אַ גרויסן הורטאָוויק, הייסט ער זיך ברייננען אַ פלעשל, ער וויל עס אָנקוקן. דעם אַנדערן האָט ער געבראַכט אַ פלאַש טינט, וויל ער ניט נעמען אין די הענט אַרײַן, ווײַל ס'איז אָן אַ קוויטל. אַפן פלעשל דאַרף זײַן אַ שיין קוויטל מיט אַ צאַצקע. זאָגט אים מײַן ברודער עליאָהו: „איך מאַך ניט קײַן צאַצקעס, איך מאַך טינט". ענפערט ער אים: „מאַכט געזונטערהייד". האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו יידל דעם שרײַבער. האָט אים יידל דער שרײַבער געזאָגט עפעס זעהר אַ מיעס וואָרט. ער האָט זיך, זאָגט ער, שוין אָנגעקויפט מיט טינט אַף אַ גאַנצן זומער. פרעגט אים מײַן ברודער עליאָהו: „וויפל פלעשער טינט האָט איר דאָס איינגעהאַנדלט?" זאָגט אים יידל דער שרײַבער: פלע-שער? איך האָב געקויפט אַ פלאַש טינט, וועל איך האָבן און האָבן, ביז עס וועט אויסגיין, וועל איך קויפן נאָך אַ פלאַש"... אָט האָסטו דיר אַ געשעפט! פריער האָט ער געזאָגט, אַז אַף טינט גייט ביי אים אַוועק אַ פאַרמעגן; איצט קויפט ער אַ פלאַש טינט, וועט ער האָבן און האָבן!... מײַן ברודער עליאָהו איז, נעביך, אויס מענטש. ער ווייסט ניט וואָס זאָל ער טון מיט אַזוי פיל טינט? פריער האָט ער געזאָגט, אַז לאַאַכאָדים

פאַרקויפט ער ניט קיין טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געוואָרן. ער וועט שוין אָנהויבן, זאָגט ער, פאַרקויפן לאַאַכאָדים. איך וואָלט שוין אַ באַלן זיין וויסן וואָס הייסט לאַאַכאָדים?

אָט וואָס לאַאַכאָדים הייסט, איר מעגט דאָס האָרכן.

ה.

מיין ברודער עליאָהו האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן מיט גרויסע סידער-אויסיעס:

ד אָ פ אַ ר ק ו י פ ט מ ע ן ט י נ ט ה ו ר ט
א ו ן ל אַ אַ כ אָ ד י ם ג ו ט א ו ן
ו אָ ל ו ל.

די צוויי ווערטער „לאַאַכאָדים" און „וואָלול" זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרנומען קימאַט דעם גאַנצן בויגן. אַז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט ער דאָס פּאַפּיר אויסגעהאַנגען ביי אונז אַף דער טיר פון יענער זייט. אַ סאַך מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. איך האָב עס געזעהן דורכן פענסטער. מיין ברודער עליאָהו קוקט אויך אין פענסטער אַריין און ברעכט די פינגער. אַ סימען, אַז ער איז צעטראָגן. ער מאַכט צו מיר:

— ווייסטו וואָס? גיי אומישנע שטעל זיך אַוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען.

מיך דאַרף מען לאַנג ניט בעטן. איך שטעל מיך אַוועק ביי דער טיר און הער זיך צו וואָס זאָגט מען. ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאַנען אַקעגן אַ האַלבער שאָ, קום איך אַריין צוריק אין שטוב. מיין ברודער עליאָהו גייט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— ווער?

— די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען פאַרביי.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שען אָנגעשריבן.

— און מער גאָרניט?

— מער גאָרניט.

מיין ברודער עליאָהו זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאַמע פרעגט אים אויך דאָס זעלבע.

— וואָס זיפּצסטו, נאַרעלע? וואַרט אויס אַ קאַפּ. אין איין טאָג ווילסטו זאָל אויסגעפּאַרקויפט ווערן די גאַנצע סכוירע?

— כאַטש אַ פּעטשאַטעק!... זאָגט איר מײַן ברודער עליאָהו מיט טרערן אין האַלדז.

— ביזט אַ גרויסער נאַר, זאָג איך דיר, וואַרט אויס, מײַן קינד, דו ועסט, אים אירצע האַשעם, האָבן אַ פּעטשאַטעק אויך.

אַזוי זאָגט צו אים די מאַמע און גרייט צום טיש. מיר וואַשן זיך און גייען עסן. מיר שפּאַרן זיך צונויף אַלע פיר אינאייינעם. איבער די פלעשער איז איינג און אין שטוב סאַקאַנעס. נאַר־וואָס מיר האָבן געמאַכט האַמויצי, לויפט אַרײַן אַ באָכער, אַ ציקאַווע באָכערל. ער איז שוין אַ כאָסן. איך קען אים, קאָפּל הייסט ער. דער טאַטע זײַנער איז אַ שנײַדער. אַ דאַמסקע שנײַדער.

— דאָ פאַרקויפט זיך לאַאַכאָדים?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געוואָלט אַ ביסל טינט.

— וויפל דאַרפסטו טינט?

— גיט מיר פאַר אַ קאָפּיקע טינט.

מײַן ברודער עליאָהו איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם כאָסן קאָפּל פריער דורכגעפּאַטשט און נאָכדעם ארויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האַלט זיך איין און גיסט אָן אים פאַר אַ קאָפּיקע טינט. עס גייט ניט אַוועק קיין פערטל שאָ, קומט אַרײַן אַ מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאַלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מײַן מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— די שוועסטער האָט געבעטן, מאַמער קאָנט איר איר לייען אַ ביכל טינט. זי דאַרף אַוועקשרײַבן אַ בריוול קײַן אַמעריקע צו איר כאָסן.

— ווער איז דײַן שוועסטער?

— באַסיע די בייטאָרין.

— אַ! זעה נאַר, ווי זי איז אויסגעוואַקסן. קײַן אַין האָרע! איך האָב דיך גאָרניט דערקענט, אַ טינטערל האסטו?

— ווי קומט צו אונז אַ טינטערל? מײַן שוועסטער האָט געבעטן, טאַמער האָט איר אַ פּען, זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוול קײַן אַמע־ריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פּען.

מײַן ברודער עליאָהו איז נישטאָ בײַם טיש. ער איז אין אַלקער, ער גייט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָפּ און בײַסט די נעגל.

נאָכווייעניש פון דער טינטפאַרפלייצונג.

א.

מיין ברודער עליאָהו גייט אַרום אין איינע צאָרעס. וואָס טוט מען מיט דער טינט?

— ווידער-אַמאָל טינט?—זאָגט אים די מאַמע.

— איך רעד ניט פון קיין טינט!—ענטפערט איר מיין ברודער עליאָהו—כאַפּט דער רואַך די טינט! איך רעד פון די פלעשער! עס ליגט אַ קאַפּיטאַל אין די פלעשער! מ'דאַרף זעהן אויסליידיקן די פלעשער און מאַכן פון זיי געלט!..

פון אַלצדינק מאַכט ער געלט! און עס בלייבט, אַז מ'דאַרף די טינט אויסגיסן צו אַל'די שוואַרצע יאָר! שלעכט איז נאָר איין זאַך: וואוהין גיסט מען אויס אַזוי פיל טינט? ס'איז פּאַשעט אַ ביזויען!..

— עס וועט זיך ניט העלפן,—זאָגט מיין ברודער עליאָהו,—מ'וועט מוזן צו-וואַרטן ביז ביינאַכט. ביינאַכט איז פינסטער, וועט קיינער ניט זעהן.

קוים דערלעבט נאַכט. אַף צולאָכעס שיינט די לוואָנע, ווי אַ לאַמטערן. דעמאָלט ווען מ'דאַרף, וועט זי זיך באַהאַלטן. איצט איז זי דאָ, מע האָט געשיקט נאָך איר!.. אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און מיר טראָגן אַרויס אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש און פליוך אין דרויסן אַרויס. פון גיסן אַף איין אָרט ווערט אַ טייך. מ'דאַרף ניט גיסן קסיידער אַף איין אָרט, אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער עליאָהו און איך פאָלג אים. איך זוך אויס אַלע מאָל אַ פריש אָרט, יעדע פלאַש האָט ביי מיר אַן אַנדער אָרט. דער שכיינעס וואַנט—פליוך! דעם שאָכגס פאַרקאַן—פליוך! צוויי ציגן ליגן אַנטקעגן דער לוואָנע און מאַלעגיירען—פליוך!

— הייַנטיקעס מאָל געווג!—זאָגט מיין ברודער עליאָהו און מיר גייען שלאָפן. שטיל און פינסטער. עס לאָזט זיך הערן דער צירקון! פון אונטערן אויוון הערט זיך אַ מרוקען פון דער קאַץ. אַ גרויסע פּע-פערין: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָר געוואַרימט און געדרעמלט. אין הויז אַף יענער זייט טיר הערן זיך שטילע טריט. עפּשער אַ ניט-גוטער?. די מאַמע שלאָפט נאָך ניט. זי שלאָפט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. איך הער זי שטענדיק, ווי זי קנאַקט די פינגער, זיפצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אַליין. אַזאַ טעווע ביי איר. אַלע נאַכט טיינעט זי זיך אויס אַ ביסל, זי דערציילט אירע גרויסע צאָרעס. מיט וועמען רעדט זי דאָ? מיט גאָט?... אַלע מינוט לאָזט זי אויס מיט אַ קרעכץ: אוי, גאָט! גאָט!

ב.

איך ליג נאָך אָף מײַן געלעגער, אף דער ערד, און הער פונם שלאָף אַ חו-הא. עס לאָזן זיך הערן אַלערליי באַקאַנטע קוילעס. ביס-לאכווײַז עפן איך אויף די אויגן—ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שײַן פון דער זון האָט זיך אריינגעריסן דורכן פענסטער, רופט מיך אין דרויסן אַרויס. איך וויל מיך דערמאנען, וואָס איז געווען נעכטן—אַ-האָ! טינט! איך כאַפּ מיך אויף און ט' זיך אָן אָף גיך. מײַן מאַמע איז פאַר-וויינט (ווען איז זי ניט פארוויינט?) מיין שוועגערין בראָכע איז אין קאַאַס (ווען איז זי ניט אין קאַאַס?) און מיין ברודער עליאָהו שטייט אין מיטן שטוב דעם קאָפּ אַראָפּ, כאַטש מעלק אים אויס. וואָס איז די מייסע? ניט איין מייסע, נאָר עטליכע מייסעס! אונזערע שכיינים זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט זיך אָנגעהויבן א כאַסענע—מ'האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מען אָפּגעשפריצט די גאַנצע וואַנט מיט טינט. דעם אַנדערן האָט מען אָפּגעגאָסן דעם פּאַרקאַן, אַ נייעם פאַרקאַן. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווייסע ציגן. האָט מען זיי אים געמאַכט שוואַרץ, נישט צו דערקענען. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו פאַרליידן, ווען ניט דעם שויכעטס זאָקן. אַ נייע פּאָר זאָקן, ווייסע זאָקן האָט די שויכעטקע אויסגעהאנגען ביי אונזער שכיינע אָפּן פאַרקאַן, האָט מען פון זיי געמאַכט אַ טעל. עמיצער האָט זי געבעטן, זי זאָל אויסהייגגען זאָקן אף אַ פרעמדן פּאַרקאַן. די מאַמע האָט איר צוגעזאָגט אָפּקויפן אַ פּאָר נייע זאָקן, אַבי ס'זאָל זיין שטיל. וואָס ושע וועט זיין מיט דער וואַנט? מיטן פּאַרקאַן?

מיין ברודער עליאָהו נעמט מיך פאַר אַ האַנט און מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד באַרג-אַראָפּ צו זיינעם אַ כאַווער פּיני.

8.

אונזער כאַווער פּיני.

מײַן ברודער עליאָהוס כאַווער פּיני איז אַ קאָפּמענטש, אַזוי ווי זײַן טאַטע הערש-לייב דער מעכאַניק. אַ נאָז האָט ער אַ לאַנגע, נעזע-ריק זײַנען זיי אַלע, די גאַנצע מישפּאָכע זייערע. זיי האָבן אַ מומע קריינע, האָט זי אַ טאָכטער מאַלקע, האָט זי אַ נאָז, וואָס מ'דאַרף גיין קוקן אָף כידושים. ס'איז אָף איר אַ גאָטס ראַכמאָנעס. פּיני איז אַ ביסל אָן איר געראָטן, נאָר ער איז אַ מאַנסבל. אַ מאַנסבל מאַכט ניט אויס. ער זעהט אַפילע אויס מאָדנע. אַז איר טוט אָף אים אַ קוק, מוזט איר זיך צעלאַכן. נישט געגוג, וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער א פּאָר

לאַנגע אויערן, אַ לאַנגן האַלדז, ווי אַ גאַנער, און אַ נידעריקע ריע דערצי. וואו ער זאָל ניט גיין, מוז ער זיך מיט עמיצן צעבוצקען, שטעלט ער זיך אַוועק, מוז ער עמיצן אָנטרעטן אַפן פוס. איין הויז מוז ביי אים זיין פאַרקאַטשעט, איין זאָק מוז ביי אים זיין אַראָפּגעלאָזט· דאָס העמד מוז זיין צעשפּילעט, דאָס שניפּסל מוז זיין פון יענער זייט, און אַז ער רעדט, כאַרכעלט ער. דערפאַר איז ער אָבער אַ געראָטענע קוילע. ניטאָ איין זאַך אַף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קענען. מיט זיין לערנען האָט ער, זאָגט מען, אַריבערגעיאָגט דעם ראָוו. מיט זיין שרייבן וועט ער פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע קענערס. אַ כוץ וואָס ער האָט אַ זעלטענע האַנטשריפט, איז ער אַ גרויסער בעריע אַף גראַמען. וואָס ער זאָל ניט שרייבן, שרייבט ער מיט גראַמען. ער האָט שוין באַשריבן די גאַנצע שטאָט: דעם ראָוו, דעם שויכעט; די גאַבאָאים, די יאַטקעס, זיין אייגענע מישפּאָכע — אַלעמען האָט ער שוין באַשריבן, און אַלעמען אין גראַמען. פיניס גראַמען זיינען אַ צייט אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

איצט שרייבט שוין פיני מער ניט קיין גראַמען. עס קריכן אים שוין ניט אין קאָפּ קיין גראַמען. ער איז אַף גרויסע צאָרעס. אַזוי זאָגט אַף זיך פיני אַליין. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט כאַסענע האָבן. דאָס הייסט, ניט אים, זיין טאַטן הערש-לייב האָט זיך פאַרגלוסט, אַז פיני זאָל כאַסענע האָבן און זאָל ווערן אַ „מענטש". פיני האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ מילנערס אַ טאָכטער. דער מילנער האָט אים געעפנט אַ קלייטל פון מעל. מיין ברודער עליאָהו איז אים מקאַנע, וואָס ער האָט אַ געשעפט. פיני לאַכט פון אים. ער זאָגט, ס'איז אַ געשעפט, נאָר ניט פאַר אים. וואָס איז דאָס, זאָגט ער, פאַר אַן אויוודע פאַטשקען זיך מיט מעל... וואָס איז ער, זאָגט ער, שולדיק, אַז ער קאָן ניט זיצן אין קלייט? ער קאָן ניט, זאָגט ער, דער קאָפּ טראָגט אים, דער קאָפּ פליט. ס'איז ביי זיי, זאָגט ער, אַזאַ מישפּאָכע פון פליענדיקע קעפּ...

אַזוי זאָגט פיני און וויל ניט גיין אין קלייט אריין. ער וועט בעסער, זאָגט ער, זיצן איבערן ביכל, וועט ער מער האַנאָע האָבן. זיין שווער, דער מילנער, איז דערפאַר גוט ברויגעז, נאָר ער מוז שווייגן. ער האָט מוירע פאַרן איידים, ער זאָל אים ניט באַשרייבן, און אויסער דעם איז די טאָכטער ביי אים זעהר ציטעריק, זי איז אַ באַסיעכירע. טייבל הייסט זי, זי איז אַ ביסל קאַסאָקע אַף איין אויג, נאָר זעהר אַ גוטע. מיין מאַמע זאָגט אַף איר, אַז זי איז אַן אַ גאַל. איך פאַרשטיי ניט, וואָס הייסט זי איז אַן אַ גאַל? וואו איז אהינגעקומען איר גאַל?... גאַנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פיני איז אין דערהיים. מיר קומען צו אים מיט מיין ברודער עליאָהו קימאַט אַלע טאָג. ער

רעדט זיך אויס פאַר אונז דאָס האַרץ. אלע מאָל, ווען מיר קומען צו אים, זיפצט ער און קרעכצט און באַקלאָגט זיך אָף זיין פינסטער מאַזל. ס'איז אים דאָ איינג, זאָגט ער, און דושנע. ער זאָל זיין, זאָגט ער, אין אַן אנדער שטאָט, וואָלט געווען גאַר אנדערש. ווען מע לאָזט אים, זאָגט ער, ארויס פון דאנען כאָטש אָף איין יאָר, קערט ער איבער די וועלט.

איינמאָל קומט צו אונז פיני און רופט ארויס מיין ברודער עליאָהו אָף אַ סאָד. וויבאלד אַ סאָד, מוז איך וויסן. איך האָב ליב וויסן אלע סוידעס. איך גיי זיי נאָך פון הינטן און הער זיך איין און כאַפּ ווערטער. פיני רעדט און מיין ברודער עליאָהו רעדט. איך גיב אייך איבער זייערע ביידנס ווערטער:

פיני: וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן?

עליאָהו: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פיני: אָט האָב איך געלייענט, אַז איינער איז אַוועקגעפאָרן אַהין מיט פינף פינגער, אַ האַלב יאָר געשלאָפן אין דרויסן, געקערט די גאַסן פאַרן שטיקל ברויט.

עליאָהו: נו, און הייגט?

פיני: אָף אונז ביידן געזאָגט געוואָרן.

עליאָהו: אַזוי?

פיני: אַזוי! אַזוי! וואָס זשע? איך וועל דיך אָפּנאַרן? איך האָב שוין גערעדט מיט מיין טייבלען.

עליאָהו: וואָס זשע זאָגט זי?

פיני: וואָס זאָל זי זאָגן? זי פאָרט.

עליאָהו: זי פאָרט? נו, און דער שווער?

פיני: ווער הערט אים? אַז איך וועל אַוועקפאָרן אַליין, וועט אים זיין בעסער? זעהט ער דאָך, אַז דער קאָפּ טראָגט מיך. איך קאָן דאָ ניט זיין.

עליאָהו: און איך, מיינסטו, קאָן דאָ זיין?

פיני: טאָ לאָמיר זיך אויפהויבן און לאָמיר פאָרן.

עליאָהו: אויפהויבן און פאָרן? מיט וואָס?

פיני: שיפסקאַרטן גיט מען דאָך אונז אומזיסט, נאַרעלע.

עליאָהו: וואָס הייסט, אומזיסט?

פיני: אָף אויסצאָלן. מיר וועלן זיי אַמאָל אויסצאָלן. דערווייל האָבן מיר זיי אומזיסט.

עליאָהו: נו, און ביז דער שיף? הויצאָעס? היינט בילעטן? באַן?

פ י נ י : וויפל בילעטן דאַרפן מיר דען האָבן, נאַרעלע?

ע ל י אָ ה ו : אַדרבא, וויפל דאַרפן מיר האָבן?

פ י נ י : רעכן אויס: איך און מיין טייבל איז ניט צוויי, דו און דיין ברכה צוויי, איז ניט פיר.

ע ל י אָ ה ו : און די מאַמע, איז ניט פינף.

פ י נ י : איז פינף.

ע ל י אָ ה ו : נו, און מאָטל?

פ י נ י : פאַר אים איז גענוג אַ האַלבער בילעט... און עפשער קיין האַלבער אויך ניט... מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין דריי יאָר.

ע ל י אָ ה ו : ביזט משוגע?

וואָס זאָל איך טון? איך קאָן מיך מער נישט איינהאַלטן. פאַר גרויס פרייד לאָז איך אַרויס אַ קוויטש. ביידע דרייען זיך אויס צו מיר.

— אַוועק, דו שייגעץ! וואָס פאַר אַ טבע זיך אונטערהערן, אַז גרויסע רעדן צווישן זיך?

איך לאָז מיך לויפן, שפרינג אונטער און פאַטש מיך מיט ביידע הענט אין די ליטקעס פון די פיס: אַ קליינינקיים—איך פאָר!... שיף!... באַן... בילעט... אַ האַלבער בילעט!... וואוהין, אַ שטייגער, פאָרן מיר? איך וויל גאָר ניט וויסן וואוהין! איך פאָר און גענוג! איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַז מיר זאָלן זיך וועלן גוט אויסרעכענען, בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן אין ערגיץ נישט געפאָרן. איך ווייס אַפילו נישט דעם טעם, וואָס הייסט דאָס פאָרן? אַ ביסל האָב איך יאָ פאַרזוכט דעם טעם, איך בין אַמאָל זיך דורכגעפאָרן אויף אונזער שכנס ציג, האָט דאָס מיר געקאָסט טייער, אַ כוץ וואָס איך בין געפאַלן און צעבלוטיגט זיך די נאָז, האָב איך נאָך געכאַפּט אַ פּאָר פּעטש אויך. דערפאַר רעכן איך ניט די נסיע.

איך בין דעם גאַנצן טאָג ווי אַ צעמישטער. איך האָב פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן. ביינאַכט כאָלעמט זיך מיר, אַז איך פאָר, ניט איך פאָר, נאָר איך פלי. איך האָב פליגל, ווי אַ טויב, און איך פלי. לעבן זאָל אינזער כאַווער פיני! ער באַקומט אין מיינע אויגן טויזנט מאָל מער כיין, ווי פריער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים געקושט און געהאַלזט. אַ טייערער פיני דאָס איז!

9.

שאַ׳ט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע.

א.

שאַ׳ט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! וואו איז אַמעריקע? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס׳איז ווייט, שרעקליך ווייט. מע דאַרף אַהין פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל-גאַרטל". דאָרט אין „קעסטל-גאַרטל" טוט מען אייך אויס נאַקעט און מע קוקט אייך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן, איז גוט—עלע ניט, פאָרט, זייט מויכל, צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן, זעהט איר, מיט מיין מאַמען איז ניט פריילין, אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו. ווער איז שולדיק, אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן האָט זי נאָך גאָרניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילן! דו האָסט קיין ראַכמאָנעס ניט אַף אונז! איבער דיר וועלן מיר, כאָלילע, אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טײַנעט מיט איר מיין ברודער עליאָהו און זי ענפערט אים:

— נאַריש קינד וואָס דו ביזט! איך ווין דען? עס וויינט זיך אליין, אָן מיר!..

אַזוי זאָגט די מאַמע, ווישט די אויגן אין פאַרטוך און נעמט זיך צום בעטגעוואַנט, צו די קישנס. מ׳דאַרף איבערשיטן אַלע קישנס. אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואו ס׳איז נישטאָ קיין קישנס. אַלצדינג איז דאָרט דאָ, נאָר ניט קיין קישנס. ווי אַזוי שלאָפן דאָרט די מענטשן, פאַרשטיי איך ניט! עס דאַרף זיין האַרט צוקאָפּנס! מיין שוועגערין בראָכע העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן, ניט צו פאַרזינדיקן, היפשע עטליכע קישנס. דריי גרויסע איבערבעטן מיט זעקס קישנס מיט פיר קליינע קישעלאַך. מאַמזיירימלאַך הייסן זיי. פון אַלע פיר מאַמזיירימלאַך מאַכט די מאַמע איין קישן. אַן אַוויירע, איך האָב ליב די קליינע מאַמזיירימלאַך בעסער פון די גרויסע. איך שפּיל זיך מיט זיי אַמאָל אינדערפרי. איך מאַך פון זיי אַ האָמאַנטאַש, אַ ספאָדעק...

— מיר וועלן קומען, אים אירצע האַשעם, געזונטערהייט אַהין, וועלן מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע מאַמזיירימלאַך.

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מיר און צו מיין שוועגערין בראָכע און גיט איר אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אויך אַזוי טון.

מיין שוועגערין בראָכע טוט אויך אַזוי, כאָטש זי איז פון דער

נסיע ניט צופרידן. ס'איז איר שווער זיך שיידן מיט איר טאַטע-מאַמע. מע זאָל איר געווען, זאָגט זי, זאָגן פאַראַיאָרן אין דער צייט, אַז זי וועט פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגן אַ פולן פּנים.

— מע זאָל מיר געווען זאָגן פאַראַיאָרן, אַז איך וועל זיין אַן אלמאָנע...

אַזוי זאָגט די מאַמע און צעוויינט זיך. דערזעהט מיין ברודער עליאָהו און מאַכט אַ גוואַלד:

— ווידער-אַמאָל געוויינט? ווילסט אונז, אַפּאָנים, אַלעמען אומגליקליך מאַכן?!...

ב.

טאָמער איז קאַרג, טראָגט עס אָן אונזער שכיינע פּעסי. דערזעהן אונז ביי דער אַרבעט, ווי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אַוועק אונז אויסרעדן אַ ביסל דאָס האַרץ. זי לייענט אונז אַ גאַנצע מגילה:

— פאָרט איר, הייסט עס, טאַקע קיין אַמעריקע? הלואי דער אויבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָלט דאָרט באַגליקן. ביי גאָט איז אַלץ מעגליך. אָט איז פאַראַיאָרן אַוועקגעפאָרן מיינע אַן אייגענע, ריוול הייסט זי, מיט איר מאַן הילע. שרייבן זיי, אַז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכן אַ לעבן... וויפל מע בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלן שרייבן ווי מענטשן: וואָס און ווען און ווי אַזוי? ענטפערן זיי: אַמעריקע איז אַ לאַנד פאַר אַלעמען, יעדער מוטשעט זיך און מאַכט אַ לעבן... האָט איר עפּעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרייבן כאָטש. די ערשטע צייט האָבן זיי גאָר ניט געשריבן, פאַרגעסן דעם זיי געזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זיינען, חלילה, אַריינגעפאַלן אין יאַם אַריין. ערשט העט ווייס איך ווען, קומט אָן אַ ידיעה, אַז זיי זיינען שוין, אַ דאַנק גאָט, אין אַמעריקע, זיי מוטשען זיך און מאַכן אַ לעבן!... אַוודאי, זאָג איך אייך, איז קיין דער גאַנצער טאַרעראַם, מיטן ברעכן זיך, מיטן איבערשיטן דאָס געזעגוואַנט, מיטן פאָרן איבערן יאַם, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן!

— איך בעט אייך, איר וועט אַמאָל אויפהערן לייגן קנייטלאַך?

אַזוי פאַלט אָן מיין ברודער עליאָהו אַף אונזער שכיינע פּעסי און באַקומט פון איר אַ פּאַרציע.

— לייגן קנייטלאַך? זעה נאָר, אַ גאַנצער כאַכאַם פון דער מאַנישטאַנע. ער פאָרט קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן — ווי לאַנג האָב איך דיך געהאַלטן אַף די הענט, זיך געניאַנטשעט, גע-

האָט צו טון? אַ'ני, פרעג נאָר די מאַמע דיינע, וואָס איך האָב געהאַט מיטן בייגדל, וואָס דו האָסט קינדווייז איינגעשלונגען איינמאָל פרייטאָג-צו-נאַכטס ביי די פיש; ווען ניט איך טו דיך אַ כאַפּ פון אונטן אייגס-צוויי-דריי, וואָלסטו שוין איצטער ניט געפאָרן קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן.

אונזער שכיינע פּעסי וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַריין און הויבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אייך, פּעסיעניו, נשמעניו, האַרצעניו, דיובעניו, זאָלט איר מיר זיין געזונט און שטאַרק!...

מער קאָן די מאַמע ניט רעדן. זי צעוויינט זיך. דערזעהט מיין ברודער עליאָהו, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצינדן. ער טוט אַ וואָרף די אַרבעט און לויפט אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ פון דער טיר:

— לאָז דאָס גיין אין דר'ערד אַריין!

ג.

אין שטוב איז שוין ביי אונז פּוסט — אַ כורווע. דער אַלקער איז פול מיט פּעקלאַך און מיט בעטגעוואַנט, דאָס בעטגעוואַנט פאַרנעמט קימאַט ביז דער סטעליע. אַז קיינער איז נישטאָ דראַפּע איך מיך אַרויף אַף אַלע קישנס און גליטש מיך אַראָפּ, ווי אַף אַ שליטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט, ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל ניט געווען. קאָכן קאָכט מען שוין ניט ביי אונז פון לאַנג. מיין ברודער עליאָהו ברענגט פון מאַרק אַ געטריקנט פישל, עסן מיר דאָס מיט ציבעלע; פישל מיט ציבעלע — וואָס קאָן זיין נאָך בעסער פון דעם? אונזער כאַווער פּיני עסט אויך מיט אונז. ער איז זאָך פון מאָמיד אַ פאַרטראָגענער. דער קאָפּ פליט ביי אים. נאָר פון זינט מיר פאָרן קיין אַמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אַזוי זאָגט אַף אים די מאַמע. איין הויז איז ביי אים פאַרקאַמשעט אַרויף, איין זאָק אַראָפּ, דאָס האַלדזטיכל שפּאַרט שוין אָן אַף יענער זייט. אין קומט ער אַריין צו אונז אין שטוב, אַזוי מוז ער כאַפּן אַ זעץ אין שטערן. אַלע מאָל האָט צו אים מיין מאַמע די זעלבע מיינע:

— דו זעהסט דאָך, אַז דו ביזט הויך אויסגעוואַקסן, בויגט מען זיך איין אַ ביסל.

— ער האָט אַ נידעריקע ריע, מאַמע!

אַזוי פאַרענפערט אים מיין ברודער עליאָהו און ביידע גייען זיי מאַכן אַן עק מיט אונזער האַלבער דירע. מ'דאַרף זיך צעשרייבן. מיר האָבן אונזער האַלבע דירע שוין לאַנג פאַרקויפט. אונזער האַלבע דירע האָט אָפּגעקויפט זילי דער שניידער. אַזוי גיך קויפט אַ שניידער אַ

דירע! א גרויסער נורניק אט דער זילי דער שניידער! פריער איז ער דריי מאל א טאג געקומען אנקוקן אונזער האלבע דירע איינער אליין. געשמעקט די ווענט, געטאפט דעם קוימען, געקראכן אפן בוידים, באטראכט דעם דאך. נאכדעם האט ער געבראכט דאס ווייב, מעני הייסט זי. ווען איך קוק אף איר, מוז איך מיך צעלאכן. אונזער שכיינעס קלבל האט איר געהייסן „מעני". שפעטער האט זילי דער שניידער אנגעהויבן פירן מוינים אנקוקן די דירע. צום מייסטן שניידערס. יעדער האט געפונען אף אונזער האלבער דירע אן אנדער כיסארון. ביז ס'איז געבליבן, מע זאל אראפברייננען פיניס טאטן, הערש-לייב דעם מעכאניק. הערש-לייב דער מעכאניק איז א מייוון אף די[illegible]ער איז אן ערליכער מענטש. אף אים קאן מען זיך פארלאזן! הערש-לייב טוט צוליב, ער באטראכט אונזער האלבע דירע פון אלע זייטן, ער הויבט אויף דעם קאפ, ווי הויך ער איז, פארקאטשעט דאס היטל, טוט זיך א קראץ אונטערן האלדז און א זאג:

— אט די דירע קאן שטיין [illegible] גוזמא, א יאר הונדערט, אויב נישט מער.

כאפט זיך ארויס איינער א שניידער, פון זילי דעם שניידערס מוינים.

— געוויס! אבי מע זאל זי נאר איבערשיטן מיט ציגל, אונטערשפארן מיט א פאר גוטע אבאפאלקעס, אריינכמאליען פיר נייע ווענט און ארויפצימבלען א בלעכענעם דאך, וועט זי שטיין און שטיין, אים אירצע האשעם, ביז מאשיאך וועט קומען!

מע זאל געווען הערש-לייב דעם מעכאניק, א שטייגער, אויסשעלטן אין טאטן אריין, אדער אפגיסן מיט א טאפ זודיקע וואסער, וואלט ער ניט באדארפט ווערן מער אין קאאס. ער האט נאר געוואלט וויסן איין זאך: „ווי האט דאס אין זיך א ייד א שניידער, א גאנעוו, א פאלגע, אזא פאטעפאלנאסט צו רעדן מיט אים, מיט הערש-לייב דעם מעכאניק, אזעלכע ווערטער, מיט אזעלכע רייד, מיט אזעלכע דיבורים, מיט אזא שפראך, און מיט אזא לאשן!" איך בין אומויסט געווען פרייליך: איך האב געמיינט, אט-אט פליען פעטש. צום סאף האבן זיך אריינגעלייגט מענטשן (אומעטום וואקסן אויס מענטשן!) און מע האט זיי צענומען, און מע האט געמאכט שאלעם, און מע האט זיך אנגעהויבן דינגען, און מע האט זיך אויסגעגלייכט מיטן מעקאך, און מע האט געשיקט נאך בראנפן און מע האט געטרונקען לכאאים. מע האט אונז געווינשעוועט, מיר זאלן פארן געזונט און קומען געזונט און מאכן גוטע געשעפטן און פארדינען א סאך געלט און קומען צוריק אים אירצע האשעם..

— פאוואלי! ניט אַזוי גיך קומט מען צוריק פון אַמעריקע, — זאָגט מיין ברודער עליאָהו, און עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס וועגן אַמעריקע. אַלע זיינען אונטערן גלעזל, אַלע פילן זיך גוט, אויסגעצייכנט גוט. איך אויך. נאָר די מאַמע מיינע באַהאַלט אַלע מינוט דאָס פּאָנים אין פאַרטוך אוןווישט די אויגן. מיין ברודער עליאָהו קוקט אַף איר און זאָגט צו איר שטילערהייד:

— גאַזלענטע! דו האָסט קיין ראַכמאָנעס ניט אַף די אייגן! דו קוילעסט אונז!...

ד.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כאַסענע — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זיינען שוין געווען ביי אַלע אונזערע קרויווים, שכיינים און באַקאַנטע. ביי אונזער מכוטן, יוינע דעם בעקער, האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. אונזערע מכוטאָנים האָבן געמאַכט פאַר אונז אַ וואַרמעס, צונויפגערופן די מישפּאָכע, געשטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אָוועקגעזעצט באַזונדער מיט מיין שוועגערינס שוועסטערל, אַלטע הייסט זי. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט פון איר. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און טראָגט צוויי צעפּלאַך צונויפגעדרייט פון אונטן, ווי אַ בייגל. מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ קאַלע. פון דעמאָלט אָן, אַז מע זעהט אונז רעדן, רופט מען אונז: „די כאַסן-קאַלע”. פונדעסטוועגן שעמען מיר זיך ניט רעדן צווישן זיך. זי פרעגט ביי מיר, אויב איך וועל נאָך איר בייַנקען? — געוויס וועל איך נאָך איר בייַנקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרייבן בריוולאַך פון אַמעריקע? — געוויס וועל איך איר שרייבן בריוולאַך פון אַמעריקע!

— ווי אַזוי וועסטו שרייבן? דו קאָנסט דען שרייבן?

— אַ טייערע מציע אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שרייבן! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אַף מיר און שמייכלט. איך ווייס וואָס זי שמייכלט. זי מאַכט זיך אַ האַרץ, זי איז מיר מקאַנע, וואָס איך פאָר, און זי ניט. אַלע זיינען מיר מקאַנע, אַפילו יאָסי דעם נאָגידס יינגל, הענאָך מיטן אויגל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיטן אויגל:

— הער נאָר, דו, דו פאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, איך פאָר קיין אמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טון? גיין איבער די הייזער?

זיין גליק, וואָס מיין ברודער עליאָהו איז דערביי נישטאָ, ער וואָלט אים געגעבן אַ „גיין איבער די הייזער”!.. איך וויל זיך מיט

אים ניט אָנהויבן, מיט אַזאַ לאָפּוס. איך ווייז אים נאָר אַ צינג און לויף אַוועק צו אונזער שכנה פּעסי זיך געזעגענען מיט איר כאַליאַסטרע. אַ היפּשע כאַליאַסטרע. איך האָב שוין אַמאָל דערציילט פון זיי. אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פרעגן מיך, צי בין איך צופרידן, וואָס איך פאָר קיין אַמעריקע? אַ שיינע מייסע, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרויס — זיי זיינען מיר גוט מקנא — מער פון אַלע איז מיר מקנא הערשל. אָט דער, וואָס מע רופט אים „וואַשטיי", דערפאַר וואָס ער האָט אַ גאָלי אַפּן שטערן. ער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזעהן אַ וועלט!"

— יאָ, איך וועל זיך אָנזעהן אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שנין!..

ה.

שוין געקומען לייזער מיט די „אַדלערס", דריי ברענענדיקע פערד. זיי קענען ניט איינשטיין אַף איין אָרט. אָדער זיי טופּען מיט די פיס, אָדער זיי פאַרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצן מיר דאָס פּאָנים. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טון פריער: צי איך זאָל קוקן אַף די פערד, צי איך זאָל העלפן טראָגן די פּעקלאַך מיט די קישנס אין וואָגן אריין. איך קאָן באַשטיין ביידע זאַכן: איך שטיי ביי די פערד און זעה ווי מע טראָגט די פּעקלאַך מיט די קישנס. אַ פולער וואָגן מיט פּעקלאַך און מיט קישנס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צייט אויפצוזעצן זיך און פאָרן. מיר האָבן פינף און פערציק ווערסט צו דעם באַן. אַלע זייגען שין דאָ: איך, און מיין ברודער עליאָהו, און מיין שוועגערין בראָכע, און אונזער כאַווער פּיני, און זיין ווייב טייבל און די גאַנצע מישפּאָכע זייערע: פּיניס טאַטע, הערש-לייב מע-כאַניק, פּיניס שווער און שוויגער, דער מילנער מיט זער מילנערין, און דער מומע ברייגעס טאָכטער. פון אונזער מישפּאָכע זייזען געווען נאָר אונזערע מכוטאָנים, זיינע דער בעקער מיט זיינע באָנים. און אוויי-רע, וואָס איך האָב אייך ביז אהער נאָך נישט באַקענט מיט זיי. איצט איז ניט די צייט. מיר פאָרן קיין אַמעריקע. אַלע דרייען זיך אַרום אונז, קוקן אַף אונז, גיבן אונז אייצעס, מיר זאָלן זיין געהיט פאַר גאַ-נאָווים.

— אין אמעריקע איז נישטאָ קיין גאַנאָווים.

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און טאַפּט זיך ביי דער קעשענע, וואָס די מאַמע האָט אים איינגענייט. דאָרט ליגט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר אונזער האַלבער דירע. אַפּאָנים, ס'איז דאָרט אַ היפּשע פּויטעקע, וואָרן אַלע פרעגן אים, צי האָט ער כאָטש גוט באַהאַלטן דאָס געלט?

— גוט! גוט! האָט קיין יעסורים ניט! — זאָגט מײַן ברודער עליאָהו. ס'איז אים שוין פּאָשעט נימעס געוואָרן איטליכן באַזונדער אָפּגעבן דין וחשבון פאַרן געלט. דער אוילעם הייבט אָן זאָגן, מ'זאָל זיך געזעגענען. אַלע הויבן אָן זיך גרייטן צום געזעגענען. מע טוט זיך אַ כאַפּ — נישטאָ די מאַמע! וואו איז די מאַמע? קיינער ווייסט ניט וואו איז די מאַמע! מײַן ברודער עליאָהו איז אויסער זיך. אונזער כאַווער פּיני האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס האַלדזטיכל. לייזער טרײַבט, האַלדז און נאַקן. ער זאָגט, אַז מיר קאָנען פאַרשפּעטיגן די באַן. שאַ'ט! אָן גייט די מאַמע! דאָס פּאָנים איז איר רויט. די אויגן פאַרשוואָלן. מײַן ברודער עליאָהו פאַלט צו צו איר.

— וואָס איז מיט דיר? וואו ביזטו געווען?

— אפן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיטן טאַטן...

מײַן ברודער עליאָהו קערעוועט זיך אָפּ אָן אַ זייט. אַלע בלײַבן שטיין אָן לאָשן. זינט מיר פאָרן קיין אמעריקע, איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע קומט מיר אפן זינען. עס טוט גיך אַ ציפּ בײַם האַרצן. איך טראַכט מיר: „אַלע פאָרן קיין אמעריקע, און דער טאַטע, נעביך, בלײַבט דאָ אפן הייליקן אָרט, איינער אַליין"... לאַנג טראַכטן לאָזט מען מיך ניט. מע טוט אָפּ מיר אַ הוק און מע הייסט מיר קריכן אפן וואָגן. ווי אַזוי קאָן איך קריכן אַף אַזאַ הויכן וואָגן מיט אַזאַ באַרג מיט בעטגעוואַנט? ס'איז דאָ אָן אייצע: לייזער שטעלט מיר אונטער זײַנע ברייטע פּלייצעס. פּלוצים ווערט אַ קושעריי מיט אַ געוויין, אַ יעלאָלע. ערגער ווי טישעבאָוו. מער ווי אַלע וויינט די מאַמע. זי פאַלט אונזער שכײַנע פּעסי אָן האַלדז און זאָגט: „איר זיינט מיר געווען אַ שוועסטער, געטרייער פון אַ שוועסטער!"... אונזער שכײַנע פּעסי וויינט ניט, נאָר איר גראָבער גוידער טרייסלט זיך און גרויסע טרערן, ווי באָב, קייקלען זיך איבער אירע פעטע גלאַנצעדיקע באַקן. אַלע האָבן זיך שוין צעקושט. נאָר פּיני נאָך נישט. זעהן פּינין קושן זיך, דאַרף מען ניט קיין טעאַטער. מאַכמעס ער האָט אַ נידעריקע ריע, טרעפט ער נישט וואו מ'דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אַריין, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער טוט זיך גאָר אַ זוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער אַ טעווע, אַז ער גייט, שפּרינגט ער אונטער און פּאַטשעפּעט זיך בײַ זײַנע אייגענע פיס. איך זאָג אייך, פון פּינין קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. דאַנקען האַשעם איסבאָראַך, מיר זיצן שוין אין וואָגן. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן אפן וואָגן. אויבן אָן אַף די קישנס און צווישן די קישנס זיצן: די מאַמע, בראָכע און טייבל; פּאַריטש (אנטקעגן) — מײַן ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני; איך מיט לייזערן — אַף דער קעלניע. די מאַמע וויל אַפילע, איך זאָל מיך איבערזעצן בײַ איר צופוסנס. זאָגט אָבער מײַן ברודער עליאָהו,

אַז אַף דער קעלניע וועט מיר זיין בעסער. געוויס וועט מיר זיין בע־סער! אַף דער קעלניע זעה איך פאַר זיך די גאַנצע וועלט און די גאַנ־צע וועלט זעהט מיך. לייזער נעמט זיך צו דער בײַטש. דער אוילעם געזעגנט זיך נאָך. די ווײַבער וויינען.

— זײַט געזונט!

— פאָרט געזונט!

— שרײַבט אונז פון אײַער געזונט!

— זייט מאַצליאַך!

— פאַרגעסט אונז ניט!

— שרייבט אַלע וואָך! למאַאן האַשעם, יעדע וואָך אַ בריוו.

— לאָזט גריסן מוישען, מיט באַסיען, מיט מייערן, מיט זלאַטען, מיט כאַנע-פּערלען, מיט סאָרע-ראָכלען, מיט זייערע קינדער.

— גאָר פריינדלין! זײַט געזונט! זײַט געזונט!

אַזוי שרײַען מיר אַלע פונם וואָגן אַרויס, און איך וואָלט גע־מעגט שווערן, אַז מיר פאָרן שוין. לייזער האָט געשיינקט אַלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיץ. איינעם האָט ער טכאַפּעד געוועזן מיטן שטעקן אַ כוק. די רעדער קאַטשען זיך, מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך, איך שפּרינג אונטער אַף דער קעלניע און פאַל שיר ניט אַראָפּ פאַר פרייד. עס קיצלט מיך, עס גענזלט מיך אין האַלדז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פאָרן, מיר פאָרן, מיר פאָרן קיין אַמעריקע!

.10

מיר גאַנווענען די גרעניץ.

א.

פאָרן מיט דעם באַן איז אַ גאַניידן! מיט דער פור איז אויך ניט שלעכט, נאָר עס טרייסלט, און די זײַטן טוען נאָכרעם ווי, סאַקינגעס! לייזערס פערד פליען טאַקע, ווי די אָדלערס. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געגוג געשלײַפּט, ביז מיר זיינען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זײַנען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבן מיר נישט געקאָנט אַרויס. מיר איז געווען גרינגער פון אַלעמען, איך בין דאָך געזעסן אַף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געוועזן, און די ביינער האָבן גוט ווײַ געטאָן. דערפאַר האָט מען אָבער געקאָנט אַראָפּשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבן שוין נישט געקאָנט שפּרינגען. איר ווייסט דאָך ווער: מײַן ברודער עליאָהו מיט מײַן שוועגערין בראָכע, אונזער כאַווער פּיני

מיט זיין ווייב טייבל און די מאמע מיינע. ערגער פון אלע איז געווען די ווייבער. זיי זיינען אריין און פארוויינטע געוואָרן, מע האָט פריער בארופט ארויסווארפן פונם וואָגן אלע פעקלאך מיטן גאנצן בעטגעוואנט, און ערשט נאָכדעם שלעפן די ווייבער אייניקוויי. און דאָס האָט אלץ געטאָן לייזער. ער איז טאַקע אַ בייזער ייד, ער איז אָבער אַן ערליכער, אַ געטרייער באַלאַגאָלע. אַן אווירע, וואָס ער האָט אונדז אָפגעוואָרפן מיט די פעקלאך און מיטן בעטגעוואנט אויף דער סטאַנציע פון דער באַן, און אליין איז ער אוועק זוכן פארשווינען אויף צוריק. מיר זיינען געבליבן אַן אים עלנר, ווי אפן וואַסער. ערשטענס האָט אונדז דער גוי פון דער באַן אָנגעטאָן צרות. ער האָט זיך געטשעפעט צו אונדז פאַר די פעקלאך. און נישט אַזוי פאַר די פעקלאך, ווי פאַרן בעטגעוואנט, זיין אייסעק, וואָס מיר פירן אַ סאך קישנס.

מ׳דאַרף מיטן אָרל שלאָגן בלאָט, אים עפעס נאָסענען אויף דער יאַד...

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו צו אונדזער כאָווער פיני.

אונדזער כאָווער פיני איז אינדזער פירער, אונדזער קאָפּ. ער קאָן רעדן גוט רוסיש. אַ כיסאָרן, וואָס ער איז אַ ביסל צו אַ היציקער. מיין ברודער עליאָהו איז אויך אַ גוטער קייסן. אָבער נישט אַזוי היציק, ווי פיני, באַלד צינדט ער זיך אָן, ווי אַ פייער, און זידלט זיך. ער גייט צו צום גוי און טוט מיט אים אַ שמועס אויף רוסיש. איך גיב אייך איבער מיט זיין רוסישער שפראַך און זעץ עס אייך באַלד איבער אויף אונדזער לאָשן:

— סלוכאַי נאָ, טשאָלאָוויקו! טשאָרט נאָבי נע וויזאָוו קאַק מי פאָיעכאַלי וו׳אַמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פאָדושקי אי פאָדושעטשקי, זאַ קאַטאָוי מי טאָבי דאַלי נאַ וואָדקע, אי מאָלטשי סוויניאַ!

אויף יידיש קומט דאָס אויס אַ סאַך שענער:

— הער נאָר דו, מענטשל! דער שוואַרץ-יאָר וועט דיך נישט נעמען, וואָס מיר פאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ סאַך קישנס און קישעלאַך, פאַר וועלכע מיר געבן דיר אַ טרונק בראָנפן — און שווייג כאַזער!

איוואַדע האָט אים דער גוי נישט אָפגעשוויגן. מיר האָבן מוירע געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל, פאַר פּאָליציי. מיין מאַמע האָט שוין געבראָכן די הענט, געוויינט פאַר פיני.

— ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט אַרויס מיט דיין צונג באַווייזן, אַז דו קאָנסט?

— האָט קיין מוירע נישט, דער אָרל וועט נעמען אַ כאָצי רעך און מע וועט זיך איבערבעטן.

קאַכאָוו, זיי האָבן זיך טאַקע איבערגעבעטן. דער אָרל האָט איבערגעטראָגן אַלע פעקלאך מיט אַלע קישנס אין אַ גרויסער שטוב מיט

הייבע פענסטער, וואָס מ׳רופט דאָס „וואקואל״. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן די רעכטע כאַסענע. וואָס איז שוין ווייטער? דער גוי זאָגט, אַז מ׳וועט אונז ניט ארייגלאָזן אין וואַגאָן אריין מיט אַזוי פיל קישנס און מיט אַזוי פיל שמאָטעס (דאָס מיינט ער, אַפּאָנים, די קאָלדרעס. אַ ביסל צעריסן דער אונטערשלאַג, זעהט זיך אַרויס די וואַטע, הייסט דאָס שוין ביי אים שמאַטעס). עס בלייַבט, מ׳זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק״. ווער זאָל גיין? געוויינטליך פּיני! פּיני גייט מיטן גוי צום „נאַטשאַלניק״, איך גיי זיי נאָך. מיטן „נאַטשאַלניק״ שטעלט זיך אַוועק פּיני אויס-טייַנעך שוין גאָר מיט אַן אַנדער לאָשן. ער בייזערט זיך שוין ניט אַזוי שטאַרק, נאָר ער רעדט און מאַכט מיט די הענט. דער „נאַטשאַלניק״ האָט אים גוט אויסגעהערט, אָנגעקוקט און אָפּגעשוויגן. אַפּאָנים, אַז פּיני האָט אים גוט דערלאַנגט! פונדעסטוועגן האָט דאָס אויך ניט גע-האָלפן, מ׳האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַ-גאַזש און ארויסנעמען אַ קוויטאַנציע. די מאַמע איז געווען אויסער זיך: אַף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

ב.

די מאַמע האָט זיך אומזיכט געזאָרגט: אַף וואָס וועלן מיר שלאָפן? איך בין אייַך שוין מויכל דאָס שלאָפן. איך וואָלט אַ באַאַלן גע-וועָן, ס׳זאָל כאָטש זייַן וואו צו זיצן. ווי אַף צולאָכעס איז אין וואַ-גאָן אַזוי אײנג, אַז מ׳קאָן דערשטיקט ווערן. אַ כוץ אונז פארן נאָך אַ סאַך פאַרשוינען, יידן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאַר די ער-טער. מיר האָבן קוים באַזעצט די ווייבער מיט די פּעקלאַך אַף דער ערד, די מאַמע אי, איין זייט וואַגאָן, בראָכע און טייבל אין דער אַנ-דערער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילן רעדן, מוזן זיי שרייען הויך איבערן גאַנצן וואַגאָן. לאָכט מען פון זיי. מייַן ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני זייַנען געבליבן הייַנגען, ווי אין דער לופטן, ניט אַהין, ניט אַהער. פּיני איז בלינד, כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט אייך נישט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגע-צייכנט. מע קוועטשט מיך טאַקע פון אַלע זייטן. איך שטיי אָבער ביי אַ פענסטער. דאָס, וואָס איך זעה, האָט איר געוויס קיינמאָל ניט גע-זעהן. פאַר מיינע אויגן פליען שטיבער, ווערסטן, בוימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — ס׳איז ניט צו באַשרייַבן! און ווי אַזוי פליט דער באַן! און ווי אזוי קלאַפּן די רעדער! ווי אַזוי טראַסקעט דאָס! ווי אזוי פייַפט דאָס! ווי אַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מוירע, איך זאָל ניט אַרויספאַלן דורכן פענסטער, שרייַט זי אַלע מינוט אַף אַ קאָל: „מאָטל! מאָטל?״ און עפּעס איינער אַ פאָריצל מיט בלויע ברילן קרימט

איר איבער און זאָגט מיר, נאָך מיטן אייגענעם ניגון: „מאָטל! מאָטל?״ אַלע קריסטן לאַכן. די יידן מאַכן זיך ניט וויסנדיק. די מאַמע הערט זיי אָוואַדע ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. זי הערט ניט אויף צו שרייען: „מאָטל! מאָטל?״ וואָס וויל זי ווייטער? זי וויל, איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. מיר פירן מיט זיך קאָל טויוו: רעטאַך, און ציבעלעס, און קנאָבל, און גרינע אוגערקעס, און האַרטע אייער, אַף יעדן איינציקן אַן איי. איך האָב שוין לאַנג נישט אַזאַ האַנאָע געהאַט פונם עסן.

עס לויפן אַפּ אַזוי עטליכע סטאַנציעס. אַף יעדער סטאַנציע לייריקט אויס דער וואַגאָן אַ פּאָר פאַרשווינדלאַך. עס ווערט אַלע מאָל גראַמער. אונזערע ווייבער זיצן שוין ווי די פּריצעס אַף די בּיינק מיט זייערע פּעקלאַך. מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני האָבן זיך מכאַיע געווען. זיי האָבן די בעסטע ערטער. פּיני רעדט מיט די יידן, ער פרעגט זיי וואוהין זיי פאָרן. אַ סאַך פון זיי פאָרן קיין אַמעריקע. דערהערט, אַז קיין אַמעריקע, ווערט אַף אונז אַ גדולע.

— ס'טייטש, וואָס האָט איר געשוויגן ביז אַהער? מיר פאָרן דאָך אויך קיין אַמעריקע!

אַזוי זאָגט זיי פּיני, און מיר ווערן גיך באַקאַנט. מיר ווייסן אַלע פון וואָס פאַר אַ שטאָט איטליכער פאָרט און צו וועמען.

— איר קיין ניו-יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך אַ שטאָט, ווי ניו-יאָרק.

— פאַוואָלי, האַלט זיך איין! פילאַדעלפיע קעגן ניו-יאָרק איז אַזוי ווי איישישאָק קעגן ווילנע, דראַזשנע קעגן אָדעס, אָטוואָצק קעגן וואַרשעווע, סעמיאָנאָווקע קעגן פּעטערבורג, קאָזעלעץ קעגן כאַרקאָוו.

— טע-טע-טע! איר זיינט דאָך עפּעס אויסגעוועזן אַ וועלט, קיין אַאין האָרע!

— לאָם איך עס פאַרמאָגן! אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויסרעכענען אַלע שטעט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

— דאָס לאָזט איבער אַף שאַבעס. זאָגט בעסער, יידן, וואָס טו איך מיט דער גרעניץ?

— איר וועט טון דאָס, וואָס מיר טוען, דאָס, וואָס אַלע טוען.

דאַ רוקן זיך צונויף אַלע יידן אינאיינעם און מע שמועסט וועגן גאַנוועענען די גרעניץ. איך פאַרשטיי ניט, וואָס הייסט דאָס „גאַנוועענען די גרעניץ״? מיר זיינען דען גאַנאָווים? וועמען פרעגט מען? די מאַמע איז אַ יידענע. וואָס ווייסט אַ יידענע? מיין ברודער עליאָהו האָט פיינט, אַז מע דולט אים אַ קאָפּ. אַ יינגעלע, ווי איך, זאָגט ער, דאַרף זיך ניט אַריינמישן צווישן גרויסע. פּיני איז פאַרטראָגן. ער רעדט. אַלע

רעדן. איטליכער דערציילט אַן אַנדער מייסע פון אַן אַנדער גרעניץ. איינער זאָגט, אַז די בעסטע גרעניץ אַף צו גאַנווענען איז נאָוואָסע־ליצע. דער אַנדערער זאָגט, אַז אַף בראָד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צו גיין אַ דריטער און זאָגט, אַז אונגעני איז אויך ניט שלעכט. ווערט אַ געלעכטער: „אונגעני. אויך מיר אַ גרעניץ! רומעניע, אויך מיר אַ לאַנד“...

— שאַ'ט! מיר זייַנען שוין בײַ דער גרעניץ!...

ג.

„די גרעניץ“, האָב איך געמיינט, איז מיט הערנער, צום סאַך — גאָרניט: די אייגענע הייזער, די אייגענע יידן מיט די אייגענע גויאים, וואָס בײַ אונז. אַפילע אַ מאַרק מיט קלייטן מיט שטעלעכלאַך, אַלצדינג אַזוי, ווי בײַ אונז. מיין שוועגערין בראָכע און אונזער כאַווער פּיניס ווייב טייבל זייַנען געגאַנגען אין מאַרק איינקויפן. איך וויל אויך מיט זיי גיין—לאָזט מיך די מאַמע ניט אָפּ פון זיך אַף איין מינוט. זי האָט מוירע, מ'זאָל מיך ניט אָוועקגאַנווענען סאַמע בײַ דער גרעניץ. מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני זייַנען נישטאָ. זיי דרייען זיך אַרום מיט פרעמדע יידן, וואָס איך קען זיי ניט. די מאַמע זאָגט, דאָס זייַנען אַגענטן. די אַגענטן וועלן מיט אונז גאַנווענען די גרעניץ. איינער זעהט טאַקע אויס ווי אַ גאַנעוו. אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ווייסער שירם, און אויגן גאַנייוויִשע. דער אַנדערער איז דאָוקע אַ פיינער מענטש מיט אַ קאַפּעליוש. און אַ יידענע דרייט זיך אויך אַרום אין קאָן. די יידענע ווייזט אויס אַ פרומע, אַן ערליכע. זי טראָגט אַ שייטל אַפן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט די מאַמע, וואו וועט זי בענטשן ליכט, אויב מיר האַלטן דאָ שאַבעס? די מאַמע זאָגט, אַז מיר האַלטן ניט קיין שאַבעס. שאַבעס וועלן מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף זיין אַף יענער זייט. די יידענע מאַכט אַ פרום פּאָנים און זאָגט: אָמיין, ריבוינוי שעל אוילעם. זי האָט אָבער מוירע, זאָגט זי, אַז מע פירט אונז אין באָד אַריין. די אַגענטן, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זיי, זייַנען פּראָסטע גאַנאָווים. זיי וועלן אויסנאַרן בײַ אונז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלן אונז אַריינפירן אין אַ בלאָטע אַריין. אויב מיר ווילן, זאָגט זי, גאַנווענען די גרעניץ, זאָלן מיר גאַנווענען מיט איר, וועט אונז זיין, זאָגט זי, אַזוי וואויל און גוט!... אַזוי? איז זי, הייסט עס, אויך אַ גאַנעווטע? הייַנט, וואָס טראָגט זי אַ שייטל און רעדט מיט גאָט?

שוין געקומען מיין ברודער עליאָהו מיט אונזער כאַווער פּיני. ביידע זייַנען עפּעס שטאַרק צעטראָגן, אָפּאָנים, זיי האָבן זיך צעקריגט! איינער זאָגט אַפן אַנדערן, אַז איבער אים וועלן מיר דאָ מוזן שאַבעס

האַלטן, שאַבעס האַלטן אַליין איז נאָך גאָרנישט. מיר וועלן געוואָר, אַז ביידע אַגענטן האָבן זיך באַרימט, אַז מ׳וועט אונז מאַסערן, אַז מיר ווילן גאַנווענען די גרעניץ. ביז עפּעס וואָס — די מאַמע וויינט דער־ווײַלע. מיין ברודער עליאָהו ב״זוערט זיך אָף איר, וואָס זי מאַכט אַ טעל פון די אויגן. איבער אירע אויגן, זאָגט ער, וועט מען אונז אַלע־מען נישט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע! מיין ברודער עליאָהו און פיני הערן אויף צו האַנדלען מיט די אַגענטן. זיי זאָגן: אַן עק, מיר פאָרן ניט קיין אַמעריקע און מיר גאַנווענען ניט די גרעניץ! מיר רייסט זיך אָפּ אין האַרצן. איך מיין, ס׳איז טאַקע עמעס. צום סאָף איז דאָס נאָר אַ מאַניפּאָרגע, פּיניס קאָפּ! דאָס האָבן זיי אומישנע אַזוי געזאָגט, בי־כדיי זיך אָפּשעפּען פון די אַגענטן, און מיר האָבן גענומען האַנדלען מיט דער יידענע. די יידענע האָט גענומען אַן אויפגאָב און האָט אונז געזאָגט, מיר זאָלן זיין גרייט אָף היינט אַרום האַלבע נאַכט. די נעכט זיינען פינסטערע נעכט. סאָף כ׳ידעש. אויסגעצייכנט גוט אָף צו גאַנווענען די גרעניץ. איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן זעהן, וואָס הייסט דאָס „גרעניץ״ און ווי אַזוי וועלן מיר דאָס גאַנווענען.

ד.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר געווען באַשעפטיקט מיט די זאַכן. מיר האָבן אַלצדינג באַדאַרפט איינפּאַקן און אַוועקגעבן דאָס דער יידענע, די זאַכן וועט זי אונז איבערפירן נאָכדעם. דער איקער איז ביי איר, זאָגט זי, די נפאַשעס. און זי זאָגט אונז אָן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פירן. אַז עס וועט ווערן, זאָגט זי, האַלבע נאַכט, זאָלן מיר אַרויסגיין אונטער דער שטאָט. דאָרט איז פאַראַן, זאָגט זי, אַ בערגל. זאָלן מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזן, אין נעמען זיך לינקס. און גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזעהן נאָך אַ בערגל. פון דעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען, זאָגט זי, רעכטס, און גיין אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שיינקל. אין שיינקל זאָל אַריינגיין נאָר איינער פון אונז, ניט אַלע. אין שיינקל וועלן מיר טרעפן, זאָגט זי, צוויי אַריילים טרינ־קען בראַנפן ביי איין טישל, זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די אַריילים און אַ זאָג טון „כיימאָוואַ״—איז שוין גענוג. וויבאַלד זיי וועלן דער־הערן, זאָגט זי, דאָס וואָרט „כיימאָוואַ״ (ס׳איז איר נאָמען), אַזוי וועלן זיי אויפשטיין און גיין מיט אייך ביזן וועלדל. אין וועלדל וועלן אָף אייך וואַרטן נאָך פיר גויאים. טאָמער וועלן זיי שלאָפן, זאָלט איר זיי אויפוועקן. אין וועלדל, אַז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט זי, זיין שטיל, קיין פּיפּס ניט אַרויסלאָזן, מ׳זאָל, כאָלילע, ניט דערהערן און אויסשיכן. אָף יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס

אין שיטש... פון וועלדל, זאָגט זי, וועלן אייך שוין די אָריילים אַרויס-פירן אָפן רעכטן וועג, בּאַרג אַראָפּ, און אָט זייענט איר שוין אָף יענער זייט...

מיר איז די מייסע מיטן בּערגל, מיטן שיינקל, מיטן וועלדל, שטאַרק געפעלן. די מאַמע האָט אַ ביסל מוירע, בּראָכע און טייבל אויך. מיר לאַכן פון זיי, נקייוועס ציטערן פאַר אַ קאַץ אויך !...

קוים דערלעבּט נאַכט. אָפּגעדאַוונט מאַריוו, אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבּן מיר אָפּגעוואַרט בּיז ס'וועט ווערן רעכט פינסטער. פּונקט צוועלף דעם זייגער האָבּן מיר זיך אַלע, ואַלבּעוועקסט, געלאָזט אין וועג אַריין. פריער זיינען געגאַנגען מיר, מאַנספּלען. נאָך אונז זיינען נאָכגעגאַנגען די ווייבּער, ווי געוויינליך. אַזוי ווי די יידענע האָט געוויס געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, האָבּן מיר דערזעהן אַ בּערגל. האָבּן מיר דורכגעלאָזט דאָס בּערגל און זיך גענומען לינקס. פון דאָרטן זיינען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און דערזעהן נאָך אַ בּערגל. פון דעם בּערגל האָבּן מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונז אָנגעזאָגט, רעכטס, און זיינען געגאַנגען אַזוי לאַנג, בּיז מיר האָבּן דערזעהן אַ שיינקל. אין שיינקל איז אַריין איינער פון אונז. ווער? געוויינטליך פּיני. מיר וואַרטן אַ האַלבּע שאָ, אַ שאָ, צוויי שאָ — נישטאָ פּיני. הויבּן אָן די ווייבּער זאָגן, מ'זאָל גיין זעהן, וואו איז פּיני? ווער זאָל גיין? מיין בּרודער עליאָהו. זאָגט די מאַמע: זי וויל ניט. זאָג איך: אָט-אָ גיי איך. זאָגט די מאַמע: זי האָט מוירע. שאַ'ט! אָט איז פּיני. „וואו ביזטו געוועזן אַזוי לאַנג?—„אין שיינקל". „וואו זיינען די אָריילים?"—„זיי שלאָפן".—„פאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוועקט?" —„פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָבּ זיי ניט געוועקט?" —„פאַרוואָס האָסטו זיי ניט געזאָגט: „כיימאַווא"? — „פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָבּ זיי ניט געזאָגט?"—„נו?"—„נו-בּו!" —„איז דאָך שלעכט!" „ווער זאָגט דען, אַז ס'איז גוט?"...

ה.

מיין בּרודער עליאָהו איז טאַקע אַ כאָכעם. ער זאָגט, זיי זאָלן גיין בּיידע אין שיינקל אריין פּרואוון זיך נאָך אַמאָל אויפוועקן די אריילים. קאַכאַיי, עס האָט ניט גענומען קיין האַלבּע שאָ, מיר טוען אַ קוק, זיי גייען מיט די צוויי אריילים. די אריילים זיינען נאָך פאַרשלאָפן, אַ ביסל שיקערליך, און שפּייען און שעלטן זיך, סאַקאָנעס בּפאָשעס. דאָס וואָרט „טשאָרט" ווערט איבּערגעכאַזערט עפּשער הונדערט מאָל. די ווייבּער הויבּן אָן, דאַכט מיר, מוירע האָבּן. איך דערקען נאָך זייער זיפצן און זייער קרעכצן און נאָך דעם „ריבּוינוי שעל אוי-

לעפ״, וואס די מאמע דערמאנט אלע מאל שטילערהייד — הויך האט זי מורע. מע הערט ניט פון אונז קיין פיפס. מיר גייען און גייען און מער קיין גויאים זעהען מיר ניט. וואו זיינען די איבעריקע פיר? פלוצים שטעלן זיך אפ אונזערע צוויי ארייִלים און רופן זיך אפ צו אונז, מיר זאלן זיי זאגן, וויפל געלט מיר האבן. ס'פאלט אן אף אונז אזא פאכאד, אז מיר קאנען ניט רעדן קיין ווארט. שטעלט זיך ארויס די מאמע און זאגט, אז מיר האבן ניט קיין געלט. זאגן זיי, ס'א ליגן און נעמען ארויס צוויי לאנגע מעסערס... אלע שטייען אן לאשן און ציטערן, ווי די לעמעלאך. הופט זיך אפ די מאמע צו מיין ברודער עליאהו, ער זאל אויפבינדן די קעשענע און אפגעבן דאס געלט (דאס איז דאס געלט, וואס מיר האבן אפגעלייזט פאר אונזער האלבער דירע). און דער מינוט געפעלט מיין שוועגערין בראכע צו פאלן כאלאשעס. דערזעהן, אז בראכע איז געפאלן, שרייט די מאמע: גוואלד! אף איר קוקנדיק, שרייט טייבל אויך: גוואלד! פלוצים — טראך-טאררעראך!!... דאס האט מען אויסגעשאסן. דער שאס צעטראגט זיך מיט א ווידערקאל איבערן גאנצן וואלד. די ארייִלים זיינען אויסגעטריקנט געווארן, בראכע האט זיך אויפגעכאפט. די מאמע כאפט מיך מיט איין האנט און מיין ברודער עליאהו מיט דער אנדערער האנט:

— קינדער! לאמיר לויפן!.. דער שוימער איסראאייל איז מיט אונז!

איך ווייס ניט וואו עס נעמט זיך צו מיר אזוי פיל קויאך אף צו לויפן? אלע מאל פארטשעפען מיר זיך אן א בוים און פאלן. מיר שטייען אויף און לויפן ווייטער. אלע מאל דרייט אויס די מאמע דעם קאפ צוריק און טוט א פרעג שטילערהייד:

— פיני, דו לויפסט? בראכע, דו לויפסט? טייבל, דו לויפסט? לויפט, לויפט, דער שוימער איסראאייל איז מיט אונז!

וויפל מיר זיינען אזוי געלאפן, קאן איך אייך ניט זאגן. פונם וואלד זיינען מיר שוין לאנג ארויס. עס הויבט אן ווערן ווי טאגליך, עס בלאזט א קיל ווינטל. נאר אונז איז הייס, סאקאנעס. מיר דערזעהען פאר זיך א גאס, און נאך א גאס. א ווייסן קלויסטער, גארטנס, הויפן, שטיבלאך. אפאנים, דאס איז דאס שטעטל, וואס די יידענע האט אונז געזאגט נוויעס. וויבאלד אזוי, זיינען מיר דאך שוין פון „יענער זייט.“ מיר באגעגענען א יידן מיט אזעלכע פייעס, וואס איך האב אף מיין לעבן ניט געזעהן. א קאפאטע טראגט ער א לאנגע, א צעפליקטע. אפן האלדז א גרינע שאל. ער טרייבט א ציג. מיר שטעלן אים אפ מיט דער ציג און גיבן אים „שאלעם“. דער ייד פון דער ציג באטראכט אונז פון קאפ ביז פיס. פיני פארבינדט מיט אים א שמועס. דער ייד פון דער ציג רעדט עפעס מאדנע. טאקע אונזער לאשן, נאר מיט בא-

כאַכן. פּיני פרעגט אים, צי איז נאָך עפּעס ווייט צו דער גרעניץ. דער ייִד פון דער ציג קוקט אים אָן: „וואָסער גרעניץ". עס לאָזט זיך אויס אַ מייסע, אַז מיר זייַנען שוין לאַנג אַף דער זייט, מיר זייַנען שוין ווייט פון דער רוסישער גרעניץ.

— וויבאַלד אזוי, וואָס זשע לויפן מיר ווי די משוגעים?

עס פאַלט אָן אַף אונז אַלעמען אַ מוירצדיקער געלעכטער. די ווייַבער פאַלן אַוש צו דער ערד לאַכנדיק. נאָר די מאַמע הייבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!" — און צעוויינט זיך.

.11

מיר זייַנען שוין אין בראָד!

א.

ווייסט איר, וואו מיר שפּאַרן אָן? אַוש אין בראָד. איך מיין, אַז מיר זייַנען שוין נאָענט צו אמעריקע. אַ שיינע שטאָט אָט דאָס בראָד! ס'איז גאָר ניט די שטאָט, די גאַסן, די מענטשן, וואָס ביי אונז. אפילו די יידן זייַנען דאָ ניט די יידן, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די יידן זייַנען די אייגענע יידן, וואָס ביי אונז. און אויב איר ווילט, זייַנען זיי נאָך מער יידן, ווי אונזערע יידן. די פּייעס אַ סאַך לייַנגערע, ווי ביי אונזערע. די קאַפּאָטעס ביי זיי זייַנען קימאַט ביז דער ערד. זיי טראָגן מאָדנע קאַפּעלישלאַך, גאַרטעלאַך, מיט שיך און זאָקן, און די ווייַבער — פּאַרוקן. נאָר דאָס לאָשן זייערס — אוי, דאָס לאָשן! דייַטש רופט מען דאָס. ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די ווערטער זייַנען די אייגענע ווערטער, וואָס ביי אונז, נאָר מיט פּאַסאַכן; למשל: „וואָס" איז „וואָס", „דאָס" איז „דאָס", „שלאָפן" איז „שלאָפן", „ברויט" איז „בראוט, „פלייש" איז „פלאַיש", „מעיער" איז „מאַיער", אַ „כהעימע" איז אַ „בחאַימע", אַ „שעיגעץ" — „שאַיגעץ", אַ „ציבעלע" איז אַ „צייַבעלע", אַ „טירניקל" — אַ „שוועבעלע". היינט, דאָס רעדן זייערס! אַז זיי רעדן, זינגען זיי. עס קומט אויס, ווי זיי וואָלטן שטענדיק מאַאוויר געווען די סעדרע. מיר האָבן באַלד געכאַפּט דעם שניט. דער ערשטער איז געווען אונזער כאַווער פּיני, ער האָט אָנגעהויבן רעדן דייַטש קימאַט פונם ערשטן טאָג, וואָס מיר זייַנען געקומען. אים איז געווען גרינגער, ווייַל דייַטש האָט ער געלערנט נאָך אין דער היים. מיין ברודער עליאָהו זאָגט, אַז כאָטש ער האָט קיין דייַטש קיינמאָל ניט געלערנט, פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער ניט ווינציקער פון אים.

איך הער מיך צו, ווי מע רעדט אַף דײַטש און לערן מיך. אין אַ פֿרעמד לאַנד מוז מען קענען די שפּראַך, אַזוי זאָגט פּיני. זיין ווייב טייבל רעדט שוין אויך האַלב דײַטש, האַלב יידיש. מיין שוועגערין בראָכע, עליאָהוס ווײַב, וואָלט עפּשער אויך וועלן רעדן דײַטש, קען זי, נעבעך, ניט. אַ גראָבער קאָפּ בײַ איר! זעהט איר, די מאַמע וויל ניט הערן פֿון קיין דײַטש. זי וועט, זאָגט זי, רעדן אַזוי, ווי זי האָט גערעדט אין דער היים. ברעכן זיך די צונג צוליב די דײַטשן איז זי ניט מכויעוו. זי איז גאָר אַף זיי ברוגעז. זי האָט געמיינט, אַז די דײַטשן זיינען ערליכע מענטשן. צום סאָף איז זי געוואָר געוואָרן, אַז זיי זיינען אויך ניט קיין גרויסע צאַדיקים. אַנומעלטן איז זי געווען אין מאַרק, האָט מען זי אָפּגענאַרט אַף דער וואָג. זי האָט געזאָגט, מ'זאָל איר געבן אַ פֿונט, און געגעבן האָט מען איר, זי ווייסט אַליין ניט וויפֿל.

אַזוי דערציילט די מאַמע און לאָזט אויס, אַז צווישן די דײַטשן זיינען, אַפּאָנים, אויך דאָ גאַנאָווים. דערהערט מיין שוועגערין בראָכע, כאַפּט זי זיך אויף און פּײַערט און מאַכט מיט די הענט:

— גאַנאָווים, זאָגט איר, שוויגער? גאַנעוו אַף גאַנעוו! איין גאַנעוו גרעסער פֿונם אַנדערן! מ'דאַרף זיך פֿאַר זיי היטן ערגער ווי בײַ אונז!

ב.

אַלצדינג איז בײַ די דײַטשן אַנדערש. אַפילע דאָס געלט איז אויך ניט ווי בײַ אונז. דאָ ווייסט מען ניט פֿון קיין קאָפּיקעס, גריוונעס, צוואַנציקער, פֿערציקער. דאָ ווייסט מען נאָר גרײַצערס. אַלצדינג פֿאַרקויפֿט זיך דאָ אָפּן גרײַצער. פֿאַר אונזערן אַ רובל גיט מען אייך אָן אַ שיר גרייצערס. מײַן מאַמע געפֿינט, אַז ס'איז ניט קיין געלט, ס'איז קנעפּלאַך. מײַן ברודער עליאָהו זאָגט, אַז זיי צעגייען זיך עפּעס אונטער די פֿינגער, אַזוי ווי שניי. אַלע טאָג זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע, און טרענט אויף די קעשענע, און נעמט אַרויס אַ רובל און פֿאַרנייט די קעשענע צוריק. אַף מאָרגן טרענט ער ווידער אויף די קעשענע, נעמט אַרויס אַ רובל און פֿאַרנייט צוריק. אָט אַזוי אַלע טאָג. און די טעג גייען אַוועק און אונזערע פּעקלאַך מיט אונזער בעטגעוואַנט זיינען נאָך אַלץ נישטאָ. די יידענע, וואָס האָט מיט אונז געגאַנוועט די גרעניץ, האָט אונז, אַפּאָנים, אָנגעטאָן אַ רעכטן ספּאָדיק. אַ כוץ, וואָס מען איז אונז באַפֿאַלן אין וואַלד, טאַקע אירע שוימרים אַליין, וועלן מיר נאָך עפּשער בלײַבן אָן זאַכן. די מאַמע הערט נישט אויף צו ברעכן די הענט און צו וויינען אַף די זאַכן. „דאָס בעטגעוואַנט! די קישנס! ווי אַזוי וועלן מיר זיך רירן קיין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט, אָן קישנס?“... פּיני פֿאַלט אַלע מאָל אַף אַן אַנדער פּלאַן. ער

וועט גיין, זאָגט ער, מיט אַ „זאַיאַוולעניע״ דורך דעם באַן, מיט אַ „פּראָשעניע״ צום „נאַטשאַלניק״ פון דער גרעניץ. ער וועט זיך איבער־כאַפּן אַהין צו דער יידענע און וועט איר מאַכן אַ פינסטערן סאָף. ער וועט זי פרעגן: האַיטאַכן?!... ס׳איז אָבער קאַלטע פּריפּאַרקעס! עס וועט ניט העלפן קיין „זאַיאַוולעניעס״ מיט קיין „פּראָשעניעס״. אַריבערכאַפּן זיך צו דער יידענע וועט אים טייבל ניט לאָזן, ס׳איז בלאָטע, מע זאָל מיר אָנשיטן די שטוב מיט גאָלד. אַזוי האָט זי געזאָגט בפירוש. עס ליגט איר נאָך אין טאָאָם דאָס „גאַנוועגען די גרעניץ.״ מיר אַלע געדיינקען נאָך דעם טאַאָם פון דער גרעניץ. מיר דערציילן איטליכן די מייסע, ווי אַזוי מיר האָבן גענאַנוועט די גרעניץ, ווי אַזוי די יידענע האָט אונז געגעבן אריילים אַף אריבערצופּעקלען אונז, ווי אַזוי די אריילים האָבן אונז געפירט און פאַרפירט אין וואַלד און געוואָלט אונז קוילען. אַ גליק, וואָס מיין שוועגערין בראָכע האָט אַ טעווע פון כאַלעשן און וואָס מיין מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. האָבן דערהערט די סאָלדאַטן און האָבן אָנגעהויבן שיסן. זיינען זיך די אריילים צע־לאָפן און מיר זיינען געבליבן געוואָרן. אַזוי דערציילט די מאַמע. מיין ברודער עליאָהו דערציילט די אייגענע מייסע, נאָר אַ ביסל אַנדערש שלאָגט אים בראָכע איבער און דערציילט טאַקע דאָס אייגענע, נאָר אַ ביסל אַנדערש. זאָגט אונזער כאַווער פּיניס ווייַב, טייבל, אַז בראָכע געדיינקט ניט אַקוראַט, וואָרן בראָכע האָט געכאַלעשט. און טייבל וויל אָנהויבן דערציילן די מייסע פון אָנהויב אָן, האַקט איר פּיני איבער און זאָגט, אַז זי ווייסט גאָרניט, אָט וועט ער דערציילן נאָך אַמאָל פון אָנהויב ביזן סאָף. אַלע טאָג און איטליכן באַזונדער דערציילן מיר די מייסע, ווי אַזוי מיר האָבן גענאַנוועט די גרעניץ. אַלע די, וואָס הערן, שאָקלען מיט די קעפּ, שמוצעדן מיט די ליפּן. זיי זאָגן, אַז מיר זיינען גליקלעך! מיר דאַרפן בענטשן גוימל!

ג.

אַף דער זייט גרעניץ איז אונז אַזוי גוט, בעסער ווי אין דער היים. טון טוען מיר ניט קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער. אָדער מיר זיצן אַף דער אַכסאַניע, אָדער מיר גייען אַפּן שפּאַציר, אָנקוקן בראָד. אַ שיינע שטאָט. איך ווייס ניט, וואָס מיין שוועגערין בראָכע האָט צו דער שטאָט. אַלע טאָג געפינט זי אַן אַנדער כיסאָרן אַף דער שטאָט. איינמאָל ביינאַכט כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ גוואַלד: מ׳האָט זי באַ־פאַלן, מיר זיינען אַלע אַראָפּ פון די געלעגערס:

— ווער האָט דיך באַפאַלן? גאַזלאָנים?

— וואָסערע גאַזלאָנים? וואַנצן!...

אין דער פרי דערציילן מיר דעם באַלעבאָס פון דער אכסאַניע, ווייסט ער ניט מיט וואָס מ׳עסט דאָס. גיט אים פיני צו פאַרשטיין אף דייטש, וואָס דאָס איז. זאָגט ער, אַז ביי זיי ווייסט מען ניט דערפון. אין זייער דייטשעס לאַנד זעהט מען דאָס ניט. דאָס האָבן מיר, זאָגט ער, מיסטאָמע, געבראַכט מיט זיך פון דער היים... אַי, איז בראָכע געווען אין קאַאָס! זי האָט פיינט, זאָגט זי, דעם יידן, ערגער ווי אַ משומעד! איך ווייס ניט, פאַר וואָס. דאַכט זיך, זעהר אַ פיינער מענטש. אַז ער רעדט, האַלט ער אַ ביסל דאָס מויל אף אַ זייט און שמייכלט. הייבט, האָט ער ליב געבן אייצעס. וואוהין מיר זאָלן גיין, ביי וועמען מיר זאָלן קויפן און ביי וועמען ניט. און אַז מיר גייען עפּעס קויפן, גייט ער מיט. און קויפן קויפן מיר צומיינסטן מאַלבושים. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ביסלאַך אויסקליידן זיך. אונזער כאַווער פיני זאָגט, אַז ס׳איז ניט שיין, וואָס מיר גייען ווי די שלעפּערס. אין אַ פרעמדער שטאָט דאַרף מען, זאָגט ער, ארויסגיין ווי מענטשן, אובּיפּראט דאָ אין אויסלאַנד, וואו ס׳איז האַלב אומזיסט. דאָס איז דאָך באַוואוסט אף דער גאַנצער וועלט. קוידעם קאָל האָט ער זיך געקויפט אַ קאַפּעליושל, ווי מע טראָגט ביי די דייטשן, און אַ פּידזשאַק אַ קורצן ביז די קני מיט אַ נייעם שניפּס. אַנקוקן פינין אין זיינע דייטשע מאַלבושים, דאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזן. לאַנג און דין איז ער, אַ נידעריקע ריע האָט ער. און אַז ער גייט, שפּרינגט ער. הייבט, די נאָז! די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט אַ פּאָנים פון כיזועק. מיין ברודער עליאָהו געפינט, אַז ער זעהט אויס ווי אַ „וויינגער“, אָדער ווי אַ „קאַטערינשטשיק“. פיני זאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער: צי אַ „וויינגער“ צי אַ „קאַטערינשטשיק“, צי גאָר אַ „שלעפּער“? דאָס מיינט ער טאַקע אונז. מיין ברודער עליאָהו זאָגט, אַז ער זאָל וועלן, קאָן ער זיך אויסקליידן ווי אַ דייטש. ס׳איז אָבער ניט קיין גרויסער קונץ, זאָגט ער, אויסברייגגען געלט, טרענצלען קערבלאַך, מ׳דאַרף, זאָגט ער, דאָס קערבל היטן קיין אמעריקע... זאָגט אים פיני: אין אמעריקע דאַרפן מיר קיין געלט ניט. דאָרטן, זאָגט ער, זיינען מיר אליין געלט! ער רעדט איבער אונז אַזוי לאַנג, ביז מיין ברודער עליאָהו קויפט זיך אויך אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּידזשאַק און מיר אויך אַ קאַפּעליוש מיט אַ רעקל. מיר גייען אַלע דריי איבער די גאַסן און רעדן דייטש. איך בין זיכער, אַז אַלע מיינען, אַז מיר זיינען דייטשן. איין כיסאָרן נאָר, וואָס אונז גייען נאָך די ווייבער. איך מיין טאַקע די מאַמע, מיין שוועגערין בראָכע און פיניס ווייב, טייבל. זיי טרעטן נישט אָפּ פון אונז אף קיין ווייל. די מאַמע האָט מוירע, איך זאָל צווישן די דייטשן ניט פאַרבלאָנזעט ווערן, און יענע גייען גלאַט נאָך, ווי די קעלבלאַך. וואָס האָבן זיי מוירע — ווייס איך ניט, מאַכמעס מיר דרייען זיך ארום

זאַלבעזעקסט, קוקט די גאַנצע וועלט אַף אונז. וואָס האָבן זיי ניט געזעהן?

— די גרעסטע נאַראָנים אין דער וועלט זיינען דייטשן — אזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו. אַ סימען, וואָס איר זאָלט זיי ניט זאָגן, גלויבן זיי אייך אַף נעעמאָנעס.

— אַ כוץ געלט. געלט איז ביי זיי טייערער, ווי ביי אונז! אַ „גרייצער“ איז ביי זיי די נשאָמע.

אַזוי זאָגט בראָכע, און טייבל האַלט זי אונטער. אַלע דריי ווייבער, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, זיינען עפּעס ניט צופרידן מיט די דייַטשן. איך ווייס ניט פאַרוואָס. מיר זיינען זיי דאַווקע געפעלן. ווען ניט אמעריקע, וואָלט איך דאָ געוואָלט זיין אייביק און אייביק. וואו האָט איר אַזעלכע הייַזער, ווי דאָ? הייַנט, די מענטשן? אַזעלכע גוטע מענטשן! אַלצדינק פאַרקויפן זיי אייך! אַפילע די בהיימעס זייַנען ניט די בהיימעס, וואָס ביי אונז. סייכל, קאָן זיין, האָבן זיי ניט מער, ווי אונזערע, נאָר זיי זעהען אויס לייַטישער. אַלצדינק האָט דאָ אַן אַנדער פּאָנים, און רעדט מיט די ווייַבער, זאָגן זיי, אַז ביי אונז איז בעסער. קיין זאַך געפעלט זיי ניט, אַפילע די אכסאַניע אויך ניט. און ניט אַזוי די אכסאַניע, ווי די באַלעבאַטים. זיי רייסן די הויט, זאָגט בראָכע. פאַר אַ גלעזל וואַרים וואַסער הייסן זיי זיך באַצאָלן. אַ ביסל זאַלץ וועלן זיי אייַך נישט געבן אומויסט. אַז מיר וועלן ניט אָפּפאָרן פון דאַנען באַצייטנס, וועלן מיר דאַרפן גיין איבער די הייזער.

אַזוי זאָגט מיין שוועגערין בראָכע. נאָר וואָס מיין שוועגערין בראָכע קאָן זאָגן! למאַי, זי זאָגט, אַף מיין ברודער עליאָהו, אַז ער איז אַ יירעני? און אַף אונזער כאַווער פּיני, זאָגט זי, אַז ער איז אַ קאַל־בוי, וואָס אין דער קאָרט. אַן אודערע אַף טייבלס אָרט וואָלט איר געגעבן אַ ווייסטן פּעטשאַטשעק. טייבל איז אָבער, ווי די מאַמע זאָגט, אַ מענטש אַן אַ גאַל. זי שוויַיגט איר אָפּ. אַלע שוויַיגן איר אָפּ. איך אויך. אַף מיר איז זי אַ גאַזלען. מיך רופט זי „מאָטל מיט די פּיסקעס“. איך האָב זיך אויסגעהאָדעוועט, זאָגט זי, אין וועג אַ פּאָר גוטע פּיסקעס. מיך הויבט דאָס אַפילע ניט אָן צו אַרן. נאָר די מאַמע וויל ניט ליידן, למאַי זי רעדט פון מיינע פּיסקעס. הויבט אָן די מאַמע וויינען. און מיין ברודער עליאָהו האָט פּיינט, אַז די מאַמע וויינט. ער זאָגט, אַז זי מאַכט זיך קאַליע די אויגן, און מיט קאַליעדיקע אויגן לאָזט אמעריקע נישט אַרייַן.

ד.

איך קאָן אייך איבערגעבן אַ נייס. מיר האָבן אַ גרוס פון אונזערע זאַכן. די יידענע, וואָס האָט מיט אונז „געגאַנוועט די גרעניץ“, האָט מען איינגעזעצט אין טורמע. אונזער כאַווער פיני קוועלט. ער זאָגט, אַז ס׳איז אַ גרויסע מיצווע. זאָגט די מאַמע: „ס׳טייטש, און מיינע זאַכן?“ זאָגט פיני: „נו, און מיינע זאַכן?“... אַצינד ווייסן מיר שוין פאַר געוויס, אַז אונזערע זאַכן זיינען פאַרפאַלן. וואָס טוט מען? מ׳דאַרף פאָרן ווייטער. אַ ברייררע האָבן מיר? מיין ברודער עליאָהו גייט אַרום אָן אַ קאָפּ. די מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט אים: וואָס וואָלטן מיר געטאָן, נאַרעלע, ווען מ׳זאָל געוועזן צונעמען ביי אונז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר דער האַלבער דירע און נאָך קוילען אויך? אונזער כאַווער פיני גיט אָפּ דער מאַמען דעם גערעכט.

מיר גרייטן זיך אין וועג אריין. מיר צעפרעגן זיך ביי מענטשן, ווי אַזוי פאָרט מען קיין אַמעריקע? מענטשן הערן און געבן אונז אייצעס, איטליכער אַן אַנדער אייצע. איינער זאָגט: אַף פּאַריז. דער אַנדערער — אַף לאָנדאָן. אַ דריטער דריבגט, אַז אַף אַנטווערפּען איז נעהענטער. מע פאַרדולט אונז אַזוי דעם קאָפּ, אַז מיר ווייסן שוין אַליין ניט, וואָס צו טון. פאַר פּאַריז האָט די מאַמע מוירע. אַ צו גרויסער טומל, זאָגט מען. אַנטווערפּען געפעלט ניט בראָכען. עפּעס אַנטווערפּען — אַ מאָדנער נאָמען. זי האָט אַזעלכן ניט געהערט. עס בלייבט לאָנדאָן. פיני זאָגט, אַז לאָנדאָן איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפל מאָל אין דער געאָגראַפיע (אַזאַ בוך), אַז לאָנדאָן איז אַ שאַרפע שטאָט. היינט, קומט אַרויס פון דאָרטן מוישע מאָנטעפיאָרע, און ראָטשילד, זאָגט ער, איז אויך פון לאָנדאָן.

— ראָטשילד איז גאָר פון פּאַריז!

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו. דאָס איז דאָך ביי זיי אַ קלאָל, וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער פאַרקערט. אַז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאַכט. דאָס הייסט, מ׳זאָל זיך קריגן — דאָס ניט. נאָר מע שפּאַרט זיך. זיי קאָנען זיך אַמאָל אַזוי אוועקשפּאַרן אַ שאָ קסיידער. ביז מע צענעמט זיי. אַנומעלטן האָבן זיי זיך צעאַמפּערט איבער אַ דייטשעס וואָרט: „כריין“. איינער האָט געזאָגט, אַז כריין איז אַף דייטש „כראָן“. דער אַנדערער האָט געדרונגען, אַז כריין דאַרף מען זאָגן אַף דייטש „כראַן“. אַ שאָ צוויי האָט מען זיך אוועקגעריסן, ביז ס׳איז געבליבן, מ׳זאָל קויפן אַ ווערצל כריין און מ׳זאָל דאָס ווייזן דעם באַלעבאָס פון דער אַכסאַניע. געבראַכט דאָס ווערצל כריין, פרעגט מען אים: רעב דייטש! מיר האָבן צו אייך אַ באַקאָשע, נאָר איר זאָלט אונז זאָגן דעם ריינעם עמעס. ווי אַזוי הייסט ביי אייך אַף אייער לאָשן אָט

די דאָזיקע פּיירע — „כּראַן“ אָדער „כּראָן?“ רופט זיך אָן דער באַלעבאָס: „אַף אונזער דייטשער שפּראַך הייסט דיזע פרוכט ניט „כּראָן“ און ניט „כּראָן“, נאָר „מערעטיך“... נאָ׳ט אייך אזא משוגאַאַס! קירע דייטש איז אַ גוטער צולאָ־עסניק. ער קאָן אייך אַמאָל געבן אַ זאָג אַ וואָרט, זאָל זיין וואָס צו הערן. למשל, נעמט, אַ שטייגער, אַ זייגערל. דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין מער פּאַשעט פון אַ זייגערל? הייסט דאָס ביי קירע דייטש ניט אַ זייגערל, נאָר אַ „האָר“. און אַ האָר איז ביי אים אַ „האַר“. אַ האַר איז ביי אים „הער“. אהער איז ביי אים „היר־היר“. אַז מע זאָגט קירע דייטש, זאָל מען גלויבן!

ה.

האָס קיין פאַריבל ניט, איך האָב מיך פאַרעדט וועגן די נאַרישע דייטשן מיט זייער משוגענער שפּראַך, און האָב פאַרגעסן, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, ניט גלייך קיין אמעריקע, דערווייל פאָרן מיר קיין לאָנדאָן, און ניט גלייך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג, דארט איז לעמבערג איז סאַראַן, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פאַר עמיגראַנטן. עפּשער וועלן מיר קאָנען דורכן קאָמיטעט עפּעס באַהילפיק ווערן. מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון אלע איבעריקע עמיגראַנטן? אוביפּראַט, מיר האָבן נאָך געהאַט אַזאַ שאָדן — אונזערע אלע פּעקלאַך מיט אונזער גאַנצן בעטגעוואַנט. די מאַמע גרייט זיך שוין, ווי אַזוי זי זאָל זיי זאָגן, ווי אַזוי זי זאָל פאַר זיי וויינען. מיין ברודער עליאָהו בעט זיך ביי איר: „נאָר ניט געוויינט! מ׳דאַרף אין זינען האָבן די אויגן. אָן אויגן לאָזט אמעריקע ניט אריין“...

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און גייט אריין צום באַלעבאָס זיך צעצאָלן פאַר דער אבסאַניע. אין עטליכע מינוט ארום קומט אריין מיין ברודער עליאָהו אַ טויטער. וואָס איז? דער באַלעבאָס האָט אים אוועקגעלייגט אַ כעשבן, איז אים, זאָגט ער, פינסטער געוואָרן אין די אויגן. פאַר אלצדינג רעכנט ער אונז געלט. פאַר לייכטער אַף ליכט בענטשן, רעכנט ער זעקס לייכטער — זעקס גרייצערס. פאַר האָוודאָלע — פיר גרייצערס. וואָסער האָוודאָלע? ער, דער באַלאַכסאַניע האָט געמאַכט האָוודאָלע און מיר האָבן געהערט, קומט אים פיר גרייצערס. פרעגן מיר אים: „וואָס עפּעס פיר?“ זאָגט ער: „ווילט איר פינף, לאָז זיין פינף“. הייגט, רעכנט ער אונז עפּעס אַ מין זאַך מיטן נאָמען „קאָמיסיאָן“. וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? דאָס קומט אים, זאָגט ער, פאַר דער טירכע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט אונז קויפן מאַלבושים.

דערהערט אַזאַ מייסע, כאַפּט זיך אויף מיין שוועגערין בראָכע מיט אַ פּליעסק מיט די הענט.

— שוויגערן! וואָס האָב איך אייך געזאָגט? זיינען די דייטשן ניט ערגער, ווי די גאזלאָנים אין וואַלד? זיינען אונזערע כוליגאַנעס ניט קיין צאַדיקים אַקעגן זיי? מיר זיינען דען אין בראָד? מיר זיינען דאָך אין סדאָם!!!...

דאָס פאַרגלייכן אים מיט די כיליגאַנעס, ווייזט אויס, האָט דעם באַלעבאָס ניט אזוי פאַרדראָסן, ווי דאָס פאַרגלייכן בראָד מיט סדאָם. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן! ער האָט אונז געזאָגט, אַז ס'איז זעהר רעכט, וואָס די „כוליגאַנעס" מאַכן אַף אונז פאגראָמען. ער געפינט, אַז ס'איז נאָך ווינציק, וואָס מ'טוט אונז.

מיר דאַכט, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז אונזער כאַווער פיני איז א היציקער פאַרשוין. ביז מע רירט אים ניט שטאַרק אָן, קאָן ער אייך שווייַגן און שווייַגן. נאָר טאָמער דערלאַנגט מען אים מיט אַזא וואָרט, וואָס ער האָט פיינט, איז כייעס ניט זיכערן! פיני האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעצויגן זיך, ווי לאַנג ער איז, צוגעגאַנגען גלייך צום באַלעבאָס פון דער סטאַנציע און האָט אים אויסגעשריגן אַפן קאָל גלייך אין פּאָנים אריין:

— קירע דאַ-אַ-אַטש!!!... אַ רוך אין דיין טאַטן אריין!

דעם זעלבן טאָג זיינען מיר אַנטלאָפן קיין לעמבערג.

12.

קראָקע מיט לעמבערג.

א.

לעמבערג , זעהט איר, איז שוין גאָר נישט דאָס, וואָס בראָד. ערשטענס, די שטאָט אַליין. ריין, ברייט, ציכטיק, שיין—פּאַרנעמט אָן אויגן! דאָס הייסט, ס'איז פאַראַן אין לעמבערג אויך אַזעלכע גאַסן, ווי אין בראָד, וואָס, אַז מען גייט אין מיטן זומער, דאַרף מען אָנטאָן טיפע קאַלאָשן. דערפאַר אָבער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ גאָרטן, וואָס אַלע מעגן דאָרטן גיין שפּאַצירן. אַ פרייע מדינע, תיינט, די מענטשן? גאָלד און זילבערן! מיין מאַמע זאָגט, אַז פון בראָד ביז לעמבערג איז אַזאַ כילעק, ווי פון טאָג צו נאַכט. מיין ברודער עליאָהו זאָגט, אַז ס'טוט אים באַנג, וואָס ביי דער גרעניץ שטייט פריער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. ס'וואָלט באַדאַרפט, זאָגט ער, זיין פאַרקערט. גיט אים אונזער כאַווער פיני צו פאַרשטיין, אַז דערפאַר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווייל עס שטייט ווייטער פון דער גרעניץ און נעהענטער

צו אַמעריקע. זאָגט אים עליאָהו: „אַ פּאָלג מיך אַ גאַנגן וואו איז לעמבערג און וואו איז אַמעריקע!“ זאָגט אים פּיני, אַז וואָס ס'איז שייעך צו שטעט, מעג ער זיך נאָך דערווײַלע לערנען בײַ אים, וואָרן ער האָט געלערנט געאָגראַפיע.

מיר פרעגן זיך נאָך אַפּן קאָמיטעט. ווען מיר פרעגן, ווייסט קיינער ניט. אַ מאָדנע שטאָט.

— זיי ווייסן, נאָר זיי ווילן ניט זאָגן.

אַזוי פּאַסקענט מײַן שוועגערין בראָכע. איר געפעלט קיין זאַך ניט. אַף לעמבערג האָט זי אויך אַ כיסאָרן: צו ברייטע גאַסן. אַ כיסאָרן—די קאַלע איז צו שיין. אונזער כאַווער פּיניט ווייב, טייבל, האָט אַן אַנדער כיסאָרן אַף לעמבערג. דהיינו? למאי זאָגט מען בײַ אונז „קראָקע מיט לעמבערג“? אַז מ'עסט אַ זויערע זאַך, זאָגט מען: „ס'איז אַזוי זויער, אַז מע קאָן דערזעהן קראָקע מיט לעמבערג.“ אָדער, אַז מע דערלאַנגט איינעם אַ גוטן פּאַטש, זאָגט מען, אַז „ער האָט דערזעהן קראָקע מיט לעמבערג“.

בקיצער, די ווײַבער האָבן שוין אַזאַ טעווע, זעלטן זיי זאָל עפּעס געפעלן!...

ב.

מיר האָבן זיך שוין דערפרעגט צום קאָמיטעט. אַ הויכע שטוב מיט אַ רויטן דאַך. פריער דאַרף מען שטיין אַ ביסל אין דרויסן. דאָס הייסט, ניט אַ ביסל, נאָר אַ סאַך. נאָך דעם עפנט מען די טיר. דאַרף מען גיין אַף טרעפּ, אַז מ'קומט אַרויף, טרעפט מען אַ סאַך מענטשן צום מיינסטן אונזערע רוסישע, עמיגראַנטן רופט מען זיי. קימאַט אַלע זײַנען זיי הונגעריק און אַלע האָבן קליינע זויגעדיקע קינדער. די, וואָס האָבן ניט קיין זויגעדיקע קינדער, זײַנען אויך הונגעריק. מע הייסט זיי קומען מאָרגן. מאָרגן זאָגט מען זיי ווידער-אַמאָל, זיי זאָלן קומען מאָרגן. מײַן מאַמע באַקענט זיך מיט אַ סאַך ווײַבער. איטליכע פון זיי האָט אַף זיך אַן אַנדער אומגליק. פאַרגלײַכן, זאָגט זי, איר אומגליק מיט זייערע אומגליקן, קומט אויס, אַז זי איז נאָך איינע אַ גליקליכע! אַ סאַך פון זיי זײַנען אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען. וואָס זיי דערציילן זיך אָן, איז אַ גוואַלד! אַלע פאָרן זיי קיין אַמעריקע און קיינער האָט ניט מיט וואָס. אַ סאַך פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט צוריק. אייניקע גיט מען אַרבעט. אייניקע שיקט מען אָפּ קיין קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מען, דער עמעסער קאָמיטעט. וואָס זשע איז דאָ? זיי ווייסן אַליין ניט. מ'הייסט זיי קומען מאָרגן, קומען זיי. וואו איז דער קאָמיטעט? אָט דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמיטעט? זיי

זאָלן אַזוי וויסן פון פּייזו! ס׳קומט אַריין אַ הויכער פּאַרשוין מיט אַ געשטופּלט פּאָנים און מיט גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— אָט דאָס איז איינער פונם קאָמיטעט. ער איז אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכענדיקע אויגן זעצט זיך אַוועק אַף אַ שטול. אַלע מינוט גייט צו צו אים אַן אַנדער עמיגראַנט און טייטשט עפּעס, מאַכט מיט די הענט. דער דאָקטאָר הערט אים אויס און ענפערט אים, אַז ער איז איין מענטש אַליין, ער קאָן גאָר נישט העלפן. פאַראַן, זאָגט ער, בײַ אונז אַ קאָמיטעט פון עטליכע און דרייסיק פּאַרשוין, נאָר קיינער וויל ניט קומען. וואָס קאָן איך, איין מענטש אַליין, טון?

די עמיגראַנטן ווילן ניט וויסן, וואָס ער איז איין מענטש אַליין, זיי קאָנען דאָ מער ניט זיצן. זיי האָבן שוין אויפגעגעסן פון זיך, וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי זאָגן, אָדער מ׳זאָל זיי געבן בילעטן קיין אַמעריקע, אָדער מ׳זאָל זיי אָפּשיקן צוריק. דער דאָקטאָר טייטשט, אַז ער קאָן זיי נאָר שיקן קיין קראָקע, אויב זיי ווילן. דאָרט איז דאָ אַ קאָמיטעט. עפּשער וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּעס קאָנען העלפן, די עמיגראַנטן הערן דאָס אויס און זאָגן, אַז זיי האָבן ניט דערווײַלע פון וואָנען אַ טאָג איבערצולעבן. דער דאָקטאָר נעמט אַרויס דאָס בײַטעלע און שײַנקט זיי אַ מאַטבייע. די עמיגראַנטן באַטראַכטן די מאַטבייע און גייען אַוועק. ס׳קומען אָן נײַע עמיגראַנטן. זיי פאַלן, זאָגן זיי, מיטן פּאָנים צו דער ערד.

— וואָס ווילט איר?—טײַטשט, נעביך, דער דאָקטאָר.

— מיר ווילן עסן!—זאָגן די עמיגראַנטן.

— אָט האָט מען מיר געבראַכט עסן, עסט.

אַזוי זאָגט זיי דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן און ער ווײַזט זיי אָפּן אָנבײַסן, וואָס מ׳האָט אים געבראַכט: קאַווע מיט ווײַסע בולקעלאַך. ער זאָגט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי אַוועק זײַן אָנבײַסן, וואָס זאָל ער טון, איין מענטש אַליין? די עמיגראַנטן באַדאַנקען אים. זיי זאָגן, אַז ניט פאַר זיך בעטן זיי, פאַר זייערע קינדער, נעביך.

— נו, ברענגט אַהער די קינדער, — זאָגט דער דאָקטאָר און טוט אַ וואונק צו אונז מיט זײַנע גוטע לאַכנדיקע אויגן:

— וואָס ווילט איר?

ג.

טרעט אַרויס די מאַמע צום דאָקטאָר מיט די לאַכנדיקע אויגן און הויבט אים אָן דערציילן אַ מייסע פונם אָנהויב. ווי אַזוי זי האָט געהאַט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען אַ כאַזן און האָט געקריינקט און

געקריינקט. נאָכדעם איז ער געשטאָרבן, איבערגעלאָזט זי אַן אַלמאָנע מיט צוויי קינדער, איינעם אַן עלטערן און איינס נאָך קימאַט אַן אייפעלע (דאָס מיינט מען מיך). האָט זי דעם עלטערן כאַסענע געמאַכט, אַריינגעגעבן אים אין אַ שמאַלץ-גרוב. די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבן. דער שווער האָט זיך געשטעלט און דער זון דאַרף שטיין צום פּריזיוו...

— מאַמע! וואוהין ביזטו פאָרפאָרן?

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און שטעלט זיך אַוועק דערציילן די אייגענע מייסע, נאָר אין אַן אַנדער אויפן. ער הייבט אָן אַזוי:

— יאָ פּריזיוו, ניט פּריזיוו, מיר פאָרן, הייסט עס, קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, איך און מיין מאַמע און מיין ווייב און אַ קליין ברודערל (דאָס מיינט מען מיך). און אָט דער יונגערמאַן (ער ווייזט אָף פּינין) פאָרט אויך, הייסט עס, מיט אונז. האָבן מיר באַדאַרפט אַריבער די גרעניץ. זיינען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרעניץ און אַזוי ווי קיין פּעסער, הייסט עס, האָבן מיר ניט, וואָרן מיר דאַרפן ביידע שטיין צום פּריזיוו...

— אָט דאָ-לאָז מיך! — רופט זיך אָן אונזער כאַווער פּיני. און שטופּט אָפּ מיין ברודער עליאָהו און דערציילט די אייגענע מייסע, נאָר אַ ביסל אַנדערש. כאָטש עליאָהו איז מיר אַ ברודער, פונדעסטוועגן מוז איך מודע זיין, אַז פּיני רעדט אַ סאַך שענער פון אים. ערשטענס, איז ביי אים נישטאָ קיין „הייסט עס", ווי ביי מיין ברודער עליאָהו. הייגט, קאָן ער רוסיש זעהר גוט. אַ סאַך ווערטער זיינען ביי אים רוסישע, און גלאַט שיינע ווערטער, מכייעדיקע. אָט ווי אונזער כאַווער פּיני האָט אָנגעהויבן:

— איך וועל אייך געבן אין קורצן אַ ווזגליאַד אָף דער גאַנצער פּאָלאָזשעניע, וועט איר האָבן אַ טאָטשקע זרעניע. מיר פאָרן קיין אַמעריקע ניט אַזוי צוליב וואָיענסקי פּאָווינאָסט, ווי צוליב סאַמאָסטאָיאַטעלנאָסט און ציוויליזאַציע, וואָרן מיר זיינען דאָרט זעהר סטעסניטעלני אין וואָזדוך. און וואָווטאָריך, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונז דער יעוורעיסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמען, קאָנסטיטוציע און טאָמו פּאָדאָבני...

אַן אַווירע! דאָ האָבן ערשט אָנגעהויבן גיין די שיינע ווערטער. אונזער כאַווער פּיני האָט זיך ערשט רעכט צעשאָקלט. ער האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט רעדן און רעדן, צום סאָף האָקט אים איבער דער דאָקטאָר סאַמע אין מיטן, טוט אַ זופּ די קאַווע און רופט זיך אָן צו אים מיט אַ שמייכעלע:

— זאָגט, וואָס ווילט איר?

טרעט אַרויס ווידער מיין ברודער עליאָהו און מאַכט צו פּינין:

— למאַי זאָלסטו האָבן אַ מעווע רעדן נישט צו דער זאַך?

דאָס מאָרדריסט, אַפּאַנים, אונזער כאַוועך פינין, מאַכמעס ער טרעט אָפּ אַף אַ זײַט, פאַרטשעפעט זיך פאַר זיינע אייגענע פיס, און רופט זיך אָן ברויגעזליך:

— דו רעדסט בעסער? רעד דו!

און מיין ברודער עליאָהו גייט צו צום טיש און דערציילט נאָך אַמאָל די מייסע בקיצער.

ד.

זיינען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרעניץ. געוואָלט קומען צו דער גרעניץ, האָבן מיר אָנגעהויבן האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטן. און די אַגענטן, ווייסט איר דאָך, זיינען גרויסע מאַמזיירים, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן איינער איבערן אַנדערן, גראָבן, מאַסערן, יאַבעדען, ביז ס'האָט זיך אויסגעכאַפּט אַ יידענע, הייסט עס, אַ דייטישע, אַן ערליכע, אַ פרומע, אַ קאַשערע און האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אונז פאַרן מעקאַך, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונז אַלעמען אַריבער־פעקלען, פריער אונז, און נאָכדעם די זאַכן. האָט זי־אונז געגעבן, די יידענע, הייסט עס, צוויי אַריילים שוימרים, הייסט עס...

— אָט אַזוי גיך? וועה נאַר! ער איז שוין פאַרטיק מיט די אַריילים.

אַזוי שפרינגט אַרויס מיין שווּגערין בראָכע, שטופּט אָפּ מיין ברודער עליאָהו און דערציילט בעסער אַליין די מייסע. טאַקע די אייגענע מייסע, נאָר אַ ביסל אַנדערש: ווי אַזוי די יידענע האָט אונז געהייסן גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזעהן אַ בערגל. פונם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען רעכטס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו נאָך אַ בערגל. זאָלן מיר זיך פון יענעם בערגל נעמען לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שיינקל. זאָל אַריינגיין איינער פון אונז אין שיינקל, וועט ער טרעפן צוויי אַריילים און זאָגן זיי נאָר איין וואָרט „ביימאָווא", וועלן זיי שוין וויסן, און וועלן אונז פירן איבער אַ וועלדל: אַ גליק, וואָס איך האָב אַ מעווע פון כאַלעשן...

רופט זיך אָן דער דאָקטאָר:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיינע ליבע ווייבער? איך האָב אויך אַ מעווע פון כאַלעשן, זאָגט מיר אין קורצן, וואָס ווילט איר?

טרעט אַרויס די מאַמע ווידער־אַמאָל און עס קומט פאַר צווישן איר און צווישן דאָקטאָר אַזאַ מין געשפרעך:

מ אַ מ ע: איר ווילט אין קורצן? מ'האָט ביי אונז צוגענומען די זאַכן.

ד אָ ק ט אָ ר: וואָסערע זאַכן?

מ אַ מ ע: דאָס בעטגעוואַנט: צוויי איבערבעטן, פיר קישנס גרויסע, און נאָך צוויי גרויסע קישנס, און דריי קלייניטשקע מאַמזייִרים־לאַך איבערגעשאָטן.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס איז גאָר?

מ א מ ע: און קאָלדרעס דריי; צוויי אַלטע, איינע אַ נײַע, און מאַלבושים אַ פּאָר און אַ פּאַטשיילע אַ זיידענע און...

ד אָ ק ט אָ ר: נישט דאָס פרעג איך. מער קיין אומגליק האָט איר ניט געהאַט?

מ אַ מ ע: וואָסער אַן אומגליק ווילט איר גאָך?

ד אָ ק ט אָ ר: איך מיין, וואָס פעלט אייך?

מ אַ מ ע: בעטגעוואַנט.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס איז גאָר?

מ אַ מ ע: ס'איז אייך קאָרג?

ד אָ ק ט אָ ר: און בילעטן האָט איר? געלט האָט איר?

מ אַ מ ע: נישט צו פאַרזינדיקן, מיר האָבן שיפסקאַרטן, מיר האָבן אַף בילעטן.

ד אָ ק ט אָ ר: זיינט איר דאַנקען גאָט! איך בין אייך מקנא. לאָמיר זיך בייטן. נאַ'ט אייך מיין אַנבייסן, נאַ'ט אייך מיינע עמיגראַנטן, נאַ'ט אייך מיין קאָמיטעט און גיט מיר אייערע שיפסקאַרטן מיט אייערע בילעטן, פאָר איך אוועק קיין אמעריקע היינטיקן טאָג. וואָס קאָן איך דאָ טון, איין מענטש אליין, מיט, קיין אַין הארע, אזוי פיל אָרימע לייט.

דער דאָקטאָר איז עפּעס, מיר ווייסן אליין ניט וואָס! — אזוי האָבן מיר אָפּגעפּאַסקנט און מיר ווילן ניט מאַכן דאָ קיין לאַנגע שיעס. מיין ברודער עליאָהו זאָגט, אַן אַווײרע די הייצאָעס. לאָמיר בעסער פאָרן קיין קראָקע. אַ סאַך עמיגראַנטן פאָרן קיין קראָקע. לאָז זיך אונז דאַכטן, עלעהיי מיר זיינען אויך עמיגראַנטן.

אַז מיר זיינען אין לעמבערג, מוזן מיר שוין זיין אין קראָקע אויך, — זאָגט אונזער כאַווער פּיני.

— ביכדיי ס'זאָל אויסקומען, אַפּאַנים, קראָקע מיט לעמבערג? — כאַפּט אונטער זיין ווייב טייבל.

זייט געזונט, מיר פאָרן קיין קראָקע.

13.

ווין איז אַ שטאָט און גאָט איז אַ פאָטער.

א.

ווין איז אַ שטאָט!

אַזוי האָט געפּאַסקענט מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני האָט צוגעבאָמקעט!

— נאָך אַ מין שטאָט! פון שטאָטנלאַנד אַ שטאָט!

אפילע די ווייבער, וואָס זיי געפעלט נישט קיין זאַך אין דער וועלט, האָבן אויך צוגעגעבן, אַז ווין איז אַ שטאָט. צוליב דער שטאָט ווין האָט די מאַמע ארויסגענומען די שאַבעסדיקע זיידענע פאַטשיילע. מיין שוועגערין בראָכע האָט זיך אויסגעפוצט ווי צו דער כאַסענע. זי האָט אָנגעטאָן איר שאַבעסדיק מאַלבעש און האָט אויסגעזעהן אין דעם פּאַרוק מיט די לאַנגע באָמבעלדיקע אוירינגלאַך און מיט איר רויט קלייענדיק פּאָנים אַזוי, ווי אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצן שלייער. איר האָט אַ מאָל געזעהן אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצן שלייער? איך האָב שוין געזעהן. אונזער שכיינע פּעסיס קינדער האָבן ליב מאַכן מיט דער קאַץ אַלערליי אָנשטעלן און טעאַטער-שטיק. די קאַץ האָט ביי זיי, ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט, אַ מאָדנעם צונעמעניש: „פייגע-לייע די גאַבעטע“. זיי האָבן שוין אַמאָל אָנגעטאָן „פייגע-לייע דער גאַבעטע“ אַ יאַרמולקע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן איר די יאַרמולקע אונטערגעבונדן מיט צוויי בענדלאַך און האָבן זי געלאָזט לויפן. אַ כוץ דעם האָבן זיי אָנגעהאָנגען אַ שוואַנץ עק, אַ פּאָנים פון שיינקייט וועגן, אַ פלעדערוויש. די יאַרמולקע איז געווען פאַר איר, ווייזט אויס, אַ ביסל צו גרויס, האָט דאָס איר פאַרשטעלט די אויגן, און דעם פלע-דערוויש קאָן זי ניט ליידן, האָט זיך „פייגע-לייע די גאַבעטע“ געלאָזט לויפן משוגענערווייז, דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, און האָט אָנ-געמאַכט ביי אַלע שכיינים מוירעדיקע שאָדנס. אוי, האָט מען זיי דע-מאָלט געקאַטעוועט! מער פון אַלע האָט געהאַט וואַשטי, הערשל הייסט דאָס, אָט דער, וואָס מיט דער גאָלי אָפּן שפּערן. אַ מאָדנער יונג, אָט דער וואַשטי! וויפל מ'זאָל אים ניט שלאָגן, איז דאָס ווי אין אַ וואַנט. איך בענק נאָך אים מער ווי נאָך אַלעמען! ס'קאָן זיין, אַז מיר וועלן זיך איבעגיבן זעהן מיט אים אין אַמעריקע. מיר האָבן געהאַט אַ ידיע, אַז אונזער שכיינע פּעסי מיט איר מאַן מוישע דעם איינבינדער מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע פאָרן היינט קיין אַמעריקע. פריער האָט זי

געלייגט קנייטלאַך, וואָס מיר פאָרן אין אַזאַ ווייט לאַנד, און איצט
פאָרט זי אליין אויך אַהין. אַלע פאָרן היינט קיין אמעריקע, אַזוי
שרייבט אונז אונזער מכותּן יוינע דער בעקער. ער פאָרט אויך קיין
אַמעריקע. ער איז שוין אַף דער גרעניץ. נישט אַף דער גרעניץ, וואָס
מיר האָבן געגאַנוועט! אַף אַן אנדער גרעניץ. אונזער גרעניץ טויג נישט.
אַף אונזער גרעניץ גאַנוועט מען אַוועק דאָס בעטגעוואַנט, אַף אנדערע
גרעניצן גאַנוועט מען אויך בעטגעוואַנט, נאָר מ'פאַלט נישט אָן אין
מיטן וואַלד מיט שאַרפע מעסערס, ווי מ'איז אָנגעפאַלן אַף אונז, למשל.
עמיגראַנטן דערציילן, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע גרעניצן, וואו מע טוט
אויס נאַקעט און מע נעמט צו, וואָס מע האָט, נאָר שלאָגן שלאָגט מען
ניט. אונז האָט מען אויך ניט געשלאָגן, נאָר מ'האָט אונז געוואָלט
שלאָגן. מיר זיינען שיר נישט געשטאָרבן פאַר שרעק, אַ גליק, וואָס
מ'האָט אויסגעשאָסן פון אַ ביקס. איך האָב דאָך אייך שוין דערציילט,
ווי אַזוי מיר האָבן געגאַנוועט די גרעניץ. מיר האָבן עס שוין לאַנג
פאַרגעסן. מיר האָבן פיינט געדיינקען אַ זאַך. עמעס, די וויבער דער-
ציילן נאָך היינט אויך די ניסים, וואָס מיט אונז האָט געטראָפן ב'שאַאַס
גאַנוועגען די גרעניץ. עס מישן זיך אָבער אריין די מאַנסבלען, איך
מיין דאָס מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פיני, און לאָזן נישט,
אַז די וויבער זאָלן דערציילן. זיי ווילן דאָס אליין דערציילן אַ סאַך
בעסער. אונזער כאַווער פיני זאָגט: ער מוז דאָס באַשרייבן אַף די גאַ-
זעטן. ער האָט שוין אפילע אָנגעהויבן דאָס צו באַשרייבן אין אַ לידל,
איך האָב אייך, דאַכט מיר, אַמאָל דערציילט, אַז פיני שרייבט ליד-
לאַך. ער האָט געמאַכט, זאָגט ער, אַ באַשרייבונג פון בראָד אויך און
פון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אלצדינק אין גראַמען. פיני איז
דערויף אַ מאַזיק. אלצדינק גראַמט זיך ביי אים. מיין שוועגערין בראָכע
רופט פינין „שמאַדילניק“. די מאַמע רופט אים „שלימאַזל“! זיי קאָנען
נישט ליידן, למאַי ער מאַכט לידלאַך. מיין ברודער עליאָהו, פאַרקערט,
איז אים מקאַנע. ער זאָגט, אַז אין אמעריקע איז גראַמען און לידער
אַ סכוירע. מיין ברודער עליאָהו זאָגט, אַז אין אַמעריקע וועט ער די
סכוירע פאַרצוקערן. מ'וועט אים אין אמעריקע, זאָגט ער, אָפגילטן.
אין אמעריקע זיינען דאָ אַ סאַך בלעטער מיט אַ סאַך יידישע גאַזעטן.
פיני זאָגט, אַז ער ווייסט אליין, אַז אין אמעריקע וועט ער מאַכן גוט.
ער פילט, זאָגט ער, אַז ער איז באַשאַפן פאַר אַמעריקע און אמעריקע
איז באַשאַפן פאַר אים. ער וואָלט שוין גערן, זאָגט ער, מיר זאָלן
שוין זיצן אַף דער שיף און שווימען אפן יאַם. דערווייל זיצן מיר נאָך
אַף דער טריקעניש אין זייבען אין ווין.

ב.

וואָס טוען מיר אין ווין? גאָרנישט. מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן. איי, גאַסן! איי, שטיבער! איר זאָלט זעהן פענסטער! שפּיגלען נישט קיין פענסטער! היינט, זאַכן! צאַצקעס! מאַלבושים! קיילים! ציר נגן קימאַט ביי יעדן פענסטער שטעלן מיר זיך אָוועק שאַצן, וויפל ס'קאָן אָנטרעפן, מיר, מאַנסבלען, שאַצן, און די ווייבער ווינשעווען זיך פאַרמאָגן כאָטש האַלב פון דעם, וואָס ס'טרעפט אָן די שטאָט ווין מיט די חייזער מיט די געוועלבן און מיט די סכוירעס. צעלאַכט זיך פּיני און זאָגט:

— איר מעגט זיך ווינשן כאָטש אַ צענט כיילעק, איז אייך גענוג.

— וואָס אַרט דיך, אַז האַלב? דו פאַרגינסט זיי נישט?

אַזוי זאָגט צו אים מיין ברודער עליאָהו און דרייט זיך דאָס בערדל. אין דער צייט פון אונזער נסיע קיין אַמעריקע האָט דאָס בערדל ביי מיין ברודער עליאָהו שטאַרק אַ וואַקס געטאָן, אין מאָדנע אַ וואַקס געטאָן. עפּעס ווי אַ בעזים. איך בין אַ באַאַלן געוועזן אים געבן אַ נעם אַראָפּ אַף פּאַפּיר. איך האָב אַנומעלטן פּינין אויך אָפּגעמאָלט אַף אַ שטיקל פּאַפּיר. און מיין שוועגערין בראָכע האָב איך אַראָפּגעכאַפּט מיט אַ שטיקל קרייד אַפן טיש. האָב איך געכאַפּט אַ מיעסן פּסאַק, זי אַליין, בראָכע הייסט עס, האָט דערזעהן און האָט זיך דערקענט, ווי אין אַ שפּיגל. האָט זי צוגערופן מיין ברודער עליאָהו. האָב איך פון אים געהאַט! ווען נישט די מאַמע, וואָלט ער מיר געמאַכט דעם טויט. ער שלאָגט מיך אַלע מאָל, ווען ער דערזעהט מיך מאָלן. מאָלן האָב איך ליב פון קינדווייז אָן. פריער פלעג איך מאָלן מיט שוואַרצער קויל אַף די ווייסע ווענט, האָט מען מיך געשלאָגן. גאָכדעם מיט קרייד אַף דער טיר, האָט מען מיך אויך געשלאָגן. איצט מאָל איך שוין מיט אַ בליישטיפטל אַף פּאַפּיר — וויל מען מיך ווייטער שלאָגן.

— האָסט שוין ווידער גענומען זיך צו די „מענטשעלאַך"?...

פאַר מאָלן שלאָגט מען מיך נית אַזוי, ווי פאַר קנעטן. איך האָב אַ טעווע קנעטן ווייך ברויט און מאַכן פון דעם מאַמזיירימלאַך. מיין ברודער עליאָהו, אַז ער דערזעהט, גיט ער מיר איבער די פינגער. אונזער כאַווער פּיני וויל זיך איינשטעלן פאַר מיר, ער זאָגט:

— וואָס האָסטו צו אים? לאָז ער קנעטן, לאָז ער מאָלן! עפּשער איז אים באַשערט זיין אַמאָל אַ מאַלער? מיין ברודער עליאָהו דערהערט און שיט מיט ווערטער:

— וואָס? אַ מאַלער? אַ מאָלגאַטש? ער וועט שמירגעווען קלויסטערס? וואַלגאַזשען ווענט? פּליאַסקען דעכער? אַרומגיין מיט פאַרפּאַטש-

קעטע הענט, ווי אַ באַלאַגאָלע מיט סמאָלע? לאָז ער מיר בעסער זיין אַ זינגערל ביי אַ כאַזן. אַז מיר וועלן קומען, אים ירצע האַשעם, קיין אַמעריקע, באַשטעל איך אים ביי אַ כאַזן. ער האָט אַ סאָפּראַנאָ-שטים.

— פאַרוואָס נישט ביי אַ באַלמלאָכע? אין אַמעריקע זיינען אַלע באַלמלאָכעס, אין אַמעריקע אַרבעטן אַלע!

אַזוי טוט זיך אָפּ אַ מינוט אַ זאָג אונזער כאַווער פּיני. כאַפּט זיך אַרויף אָף אים די מאַמע:

— אַזוי? אַ באַלמלאָכע? מיינע סאָנים וועלן ניט דערלעבן, אַז פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל זאָל זיין אַ באַלמלאָכע!

איך זעה, אַז די מאַמע וויל שוין אָנהויבן וויינען. פּיני וויל זיך פאַרענטפערן. ער זאָגט:

— אַ מאָדנע ייִדענע איר זיינט! למאַי אָט לערנען מיר אין דער גמאָרע, אַז דער טאַנע רעב יויכענען איז געוועזן אַ שוסטער, טאַנע רעב איצכאָק איז געוועזן אַ שמידך אָדער, וואָס דאַרפט איר אַ סאַך? אָט איז מיין פעטער אַ זייגערמאַכער און מיין טאַטע אַ מעכאַניק!

פּיני מיינט, אַז ער האָט פאַרריכט, צום סאָף האָט ער געמאַכט אַ סאַך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען:

אַוואַדע האָט מיין מאַן באַדאַרפט זיין אַ קאָשערער ייִד אַ כאַזן און גיין יונגערהייד פון דער וועלט, ביכדיי זיין מוזיניקל זאָל זיין, באַלילע, אַ שניידער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמעריקע דערצו!...

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען אויגן?...

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און די מאַמע הערט אויף באַלד צו וויינען...

ג.

וואָס איך זאָל נישט זיין אין אַמעריקע, אַבי איך זאָל שוין זיין. ס'ציט מיך אַהין — סאַקאָנעס! ביי זיך האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז אין אַמעריקע לערן איך מיך אויס דריי זאַכן: שווימען, שרייבן און רויכערן ציגאַרן. די אַלע דריי זאַכן קאָן איך איצט אויך, נאָר ניט אַזוי גוט, ווי מע קאָן עס קענען אין אַמעריקע. אָף שווימען, ווייס איך, אַז איך וואָלט געוועזן אַ בעריע. האָב איך נישט געהאַט וואו צו שווימען. ביי אונז אין טייך איז אומעגליך. ביי אונז אין טייך, אַז איר לייגט זיך אַוועק מיטן בייך אָף דער בלאָטע, זיינען די פיס אינדרויסן. אויך מיר, אַ טייך! אין אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ יאַם, דאָרט, אַז איר לייגט זיך אָפּן וואַסער מיט אַ פּענכער, טראָגט דאָס אייך אַוועק צו

אַל'די רוכעס! שרייבן קאָן איך אויך, כאָטש קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך שרייב אַזוי, אַז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָל, ניט איך שרייב. איך וואָלט אָבער אַ באַאַלן געוועזן שרייבן גיך. אַלצדינק ווערט דאָרטן געטאָן, זאָגט מען, גיך און געשווינד, כאַפּנדיק, מ'האָט דאָרט קיין צייט נישט. אַזוי האָב איך געהערט דערציילן אונטערוועגס פון די עמיגראַנטן. איך ווייס קימאַט אַלצדינג, וואָס אין אַמעריקע טוט זיך, נאָך איידער איך בין דאָרט געוועזן. דאָרט פאָרט מען, זאָגט מען, אונטער דער ערד און מע מאַכט אַ לעבן. ווי אַזוי מע מאַכט דאָס, ווייס איך נאָך נישט. נאָר איך וועל דאָס גיך וויסן. איך נעם איבער אַ זאַך זעהר גיך. אז איך זעה אַ מענטשן איין מאָל, מאַך איך אים נאָך מיט אַלע פּישטשעווקעס. איך האָב אַנומעלטן נאָכגעמאַכט אונזער כאַזער פּיני, ווי ער גייט מיט אַ טענצל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשן, האָט זיך מיין שוועגערין בראָכע געהאַלטן ביי די זייטן און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהויבן וויינען פאַר געלעכטער. מיין ברודער עליאָהו אָבער האָט דאָס פיינט. ער לאָזט מיך נישט אַ קאָפּ אויפהויבן. אַ מאָדנע זאַך מיין ברודער עליאָהו! ער האָט מיך ליב און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טויט, די מאַמע דערלאָזט אים נישט, ער זאָל מיך שלאָגן. זי זאָגט אים:

— האָב פריער אייגענע קינדער, וועסטו זיי נאָכדעם שלאָגן...

לאָז אָבער פרואוון אַ פרעמדער מיך אָנרירן מיט אַ פינגער, וועט ער יענעם די אויגן אַרויסנעמען. אַנומעלטן האָט אַן עמיגראַנטס אַ יינגל מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר. איר ווייסט, וואָס הייסט „שטעלן אַ גובערנאַטאָר"? אָט וועל איך אייך אויסלערנען ווי אַזוי: מ'טוט אַ נעץ איין דעם גראָבן פינגער אין מויל און מע דערלאַנגט אייך אין זייט צווישן די ריפּן און צווישן בויך — דערזעהט איר זיך מיטן מאַלאך האַמאָוועס. דאָס יינגל, וואָס האָט מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר, איז אַ יונגאַטש פון אַ יאָר ניין מיט געשוואָלענע באַקן. האָט ער אַ פאָר יאַדאַאים — מעגן זיי אים אָפּדאַרן! ער האָט זיך געוואָלט מיט מיר באַקענען, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי הייס איך? זאָג איך „מאָטל". זאָגט ער: מאָטל קאַפּאָטל, דראָבן דראָטל, יויסעף סאָטל, ערעץ קאָוואָטל.

זאָג איך: „וואָס הייסט דאָס"? זאָגט ער: דאָס הייסט, אַז דו ביזט אַ יאָלד, כאָטש איך אַליין הייס אויך מאָטל. עפּשער ביזטו אַ באַאַלן אָף אַ גובערנאַטאָר? זאָג איך: „פאַרוואָס נישט"? זאָגט ער: קום אַהער אַ ביסל נעהענטער, וועל איך דיר ווייזן. בין איך צוגעגאַנגען, האָט ער מיר געוויזן. בין איך אַנידערגעפאַלן. האָט דערזעהן די מאַמע און גע-

מאַכט אַ גוואַלד, איז געקומען צו לויפן מיין ברודער עליאָהו און האָט אים געגעבן!

פון דעמאָלט אָן זיינען מיר געוואָרן מיט אים כאַווער. ער האָט מיך אויסגעלערנט, אַ כוץ דעם „גובערנאַטאָר“, נאָך אַ סאַך זאַכן. אַ שטייגער בויכרעדעריי, איר קענט דאָס? אויסלערנען אייך איז אומעג-ליך. דערצו דאַרף מען זיין געבוירן. מ׳דאַרף האַלטן דאָס מויל צו, נישט רירן מיט קיין אייווער און בילן, ווי אַ הונט, אָדער כרוקען, ווי אַ כאַזער אַזוי, אַז אַלע זאָלן זוכן אינטערן טיש. איך האָב גענוג איבער-געשראָקן אונזערע לייט. מיין שוועגערין בראָכע, ווייסט איר דאָך, האָט אַ טעווע פון כאַלעשן. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן טיש און אונטער די בעטן. איך האָב מיך אָנגעבויגן זוכן דעם הונט און האָב נישט אויפגעהערט צו בילן. ס׳איז געווען, זאָג איך אייך, אַ ריינע קאָמעדיע! מיין ברודער עליאָהו האָט זיך אָבער סאַך קאָל סאַך געכאַפּט, אַז דאָס וואַקסט פון מיר. האָט ער מיר איינגעטײַלט! פון דעמאָלט אָן האָב איך אָוועקגעוואָרפן די קונץ פון בויכרעדעריי.

ד.

מיר וואָלטן פון ווין שוין לאַנג אָוועקפאָרן, ווען נישט דער „אַליאַנץ“. ווער איז דאָס דער „אַליאַנץ“, קאָן איך אייך ריכטיק נישט זאָגן, איך הער נאָר, אַז מע רעדט פונם „אַליאַנץ“. אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע עמיגראַנטן זיינען אָפּן אַליאַנץ בייז! זיי זאָגן אַז דער „אַליאַנץ“ טוט גאָר נישט גוט. דער „אַליאַנץ“, זאָגן זיי, האָט קיין ראַכמאָנעס נישט אָף קיין מענטשן. אַלע טאָג גייען צום „אַליאַנץ“ מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פיני. און קומען צו גיין פון דאָרטן אַלע מאָל ווי פון אַ שוויץ-באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדן! — זאָגט עליאָהו.

— לאָז ער ברענען, ווי אַ ליכט — זאָגט פיני.

— לאָזט בעסער מיך זיך אויסשמועסן מיטן „אַליאַנץ“! — זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פאַר אַ האַנט.

מיר גייען אַלע צום „אַליאַנץ“: די מאַמע און אויך עליאָהו און פיני און בראָכע און טייבל. מיר שטעלט זיך פאַר דער „אַליאַנץ“ מיט אַ באָרד און מיט אַ גאָרטל און מיט אַ רויטער נאָז. פאַרוואָס עפּעס מיט אַ רויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט.

אוי, זיינען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מיין שוועגערין בראָכע האָט געווינטשעוועט דעם „אַליאַנץ“, ס׳זאָל אים אַזוי שטעכן אין דער רעכטער זייט, ווי עס שטעכט איר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פאַרקליבן צו אַל׳ד׳ שוואַרצע יאָר אין עק שטאָט! קוים מיט צאָרעס זיינען מיר געקומען צום „אַליאַנץ“. ער זיצט אין א שטוב „אַף אלע יידן געזאָגט געוואָרן“,

נאָר אָן אַ הויף, ווין האָלט נישט פון קיין הויפן. ווין האָט ליב משוגע ברייטע פענסטער מיט אומגעלומפערטע טירן, נאָר זיי האַלטן די טירן פאַרשלאָסן. „זיי האָבן מוירע, אַ אָנים, מ'זאָל זיי נישט אוועקגאַנווענען?“... אַזוי זאָגט מיין שוועגערין בראָכע... שוין, זי האָט שוין געוואָרפן אַן אומכיין אַף ווין אויך... עס געפעלט איר נישט, וואָס אַז מ'קומט צו צו אַ שטוב, דאַרף מען פריער קלינגען. וואָס אַרט מיך, אַז מע קלינגט? אַבי מ'זאָל עפענען. דער „אַליאַנץ“ עפנט אָבער נישט אַזוי גיך. איר מעגט קלינגען צעזעצמערהייד, ער האָט צייט. איר מיינט, מיר זיינען די איינציקע? אַ כויך אונז שטייען דאָ נאָך עמיגראַנטן. זיי דאַרפן אויך צום „אַליאַנץ“. די עמיגראַנטן קוקן אַף אונז, ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אַ ביסל, עפשער וועט מען אייך עפענען, עפשער האָט איר מער גליק?“... אַזוי זאָגן זיי, די עמיגראַנטן, און לאַכן. אַפּאָנים, ס'איז זיי גוט אַפן האַרצן. אַלע מאָל קומען צו נייע עמיגראַנטן: ייִדן, און ווייבער און קליינע קינדער. איך האָב ליב, אַז ס'איז אַ סאַך מענטשן. די קליינע קינדער זאָלן נישט איבערשלאָגן מיט זייער געוויין און די מאַמעס זאָלן זיי נישט שעלטן און פאַרשטופן די מיילער, וואָלט דאָ געווען גאַנץ פריילעך. דאַנקען גאָט, מ'האָט געעפנט די טיר. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַריין אַף דערשטיקט צו ווערן, אַ גליק וואָס אַף דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ נעפעש אָן אַ היטל מיט אַ רויט פּאָנים אין מיט אַ געגאָלטער מאָרדע און האָט אונז גענומען שליידערן איינציק ווייז אין דרויסן אַזוי ווי די האָלעשקעס. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז מיר זיינען אַריין אַלע איינציקווייז איבעווייניק אין שטוב אַריין. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַסענע! — טאַטעניו אַלע ווילן רעדן פריער, אַלע קריכן גלייך צו די טישן. ביי די טישן זיצן מענטשן מיט נאַקעטע קעפּ און מיט געגאָלטע בערד, און לאַכן און רויכערן ציגאַרן. ווער פון זיי איז דער „אַליאַנץ“, ווייס איך נישט, מיין מאַמע ווייסט אויך נישט. זי שטייט אין טיינעט צו זיי:

— זאָגט מיר, ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ“? איך האָב געהאַט אַ שאָדן, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט מען ביי מיר צוגענומען אַף דער גרעניץ, און שיר נישט אומגעבראַכט מיך מיט מיינע קינדער, אַט דאָס זיינען זיי, יעסוימים, נעבעך, מיין מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייד, געווען אַ כאָזן קאָל יאָמאָוו...

און ווייטער לאָזט מען איר נישט רעדן אַ וואָרט. איינער ציט זי ביי דער שאַל און ווייזט איר צו דער טיר. ער רעדט אַף אַ לאָשן, וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין. די מאַמע וויל נישט אָפּטרעטן, ביז זי וועט נישט באַקומען איר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איר צו מיר אַף דייטש? איר רעדט בעסער מיט

מיר אַף אונזער אייגן לאָשן, וועל איך אייך אויסדערציילן מיין ביסער האַרץ... איר זאָגט מיר גאָר, ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ"?...

— שוויגער! פאָלגט מיך, קומט, לאָמיר גיין. דער אויבערשטער האָט אונז אויסגעפירט ביז אַהער אָן דעם אַליאַנץ, און אָן דער שטאָט ווין, וועט ער אונז ווייטער אויך, מיסטאמע, אויספירן. גאָט איז אַ פאָטער.

אַזוי זאָגט מיין שוועגערין בראָכע צו דער מאַמע. און די מאַמע ענפערט איר:

— ביזט געזעצט, מיין קינד! קומט, לאָמיר גיין! ווין איז אַ שטאָט און גאָט איז אַ פאָטער...

14.

אנטווערפּען.

וואונדער פון אַנטווערפּען.

א.

איר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּען? פאַראַן אַזאַ שטאָט אַף דער וועלט. פאָרן מיר אַהינצו. ווי קומען מיר קיין אנטווערפּען? ווייל אונזער מכותן, מיין ברודער עליאָהוס שווער, יוינע דער בעקער, פאָרט קיין אמעריקע אַף אַנטווערפּען. דערהערט, אַז איר טאַטע איז אין אַנטווערפּען, האָט מיין שוועגערין בראָכע אָנגעהויבן שלאָגן האַלדז אין אַקן, מיר זאָלן אויך פאָרן אַף אנטווערפּען.— פריער האָט זי פון דער שטאָט ניט געוואָלט הערן אפילו. דער נאָמען איז איר נישט געפעלן. איצט האָט זי זיך פאַרליבט אין אנטווערפּען! אונזער כאַווער פיני זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזן אָפּטיילן פון אונז. ער וויל בעסער פאָרן פון ווין גלייך קיין לאָנדאָן. עס ציט אים, זאָגט ער, קיין לאָנדאָ. לאָנדאָן, זאָגט ער, שמעקט שוין מיט אמעריקע: איינגלענדער... געלע האָר... קעסטעלדיקע הויזן... ס'איז גאָר אַן אנדער וועלט!

— פאָר זשע דיר געזונטערהייד צו דיינע איינגלענדער מיט די קעסטעלדיקע האָר און מיט די געלע הויזן, און מיר וועלן זיך פאָרן קיין אַמעריקע אַף אנטווערפּען.

אַזוי זאָגט מיין שוועגערין בראָכע און עס בלייבט, אַז מיר פאָרן אַלע קיין אמעריקע אַף אנטווערפּען. ביי מיר מאַכט ניט אויס, מ'זאָל פאָרן אפילו איבער האַצעפּלאַץ, אַבי קיין אמעריקע. איך און אונזער כאַווער פיני — מיר ביידע רייסן קיין אַמעריקע מער פון אלעמען. מיר פילן, אַז אונז וועט דאָרטן זיין גוט, ווי די וועלט. פיני האָט טיי-

נעס צו מיין ברודער עליאָהו. ער זאָגט: מיר פאָרן און פאָרן און שטייען אף איין אָרט. זאָגט אים עליאָהו: נו, וועד האָלט דיך צו? פאָר! לויף! פליו זאָגט פיני: ווי קאָן איך פליען, אַז דיין מאַמע וויל זיך באַקענען מיט אַלע קאָמיטעטן פון דער גאַנצער וועלט?... דערהערט די מאַמע און זאָגט צו פינין: „אַז דו ביזט יאָ אַזאַ כאָכאָם, טאָ גיב מיר אַן אייצע, ווי אַזוי זאָלן מיר קומען קיין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט?“. אונזער כאַווער פיני קאָן זיך מיט אונז ניט צעשיידן. די ווייבער קאָנען אויך נישט לעבן איינע אָן דער אַנדערער. דאָס הייסט, מע קריגט זיך אַפילע גאַנץ אָפט, מע זאָגט זיך שטעכווערטלאַך, מע בעט זיך אָבער באַלד איבער. ווען נישט די מאַמע, וואָלט מיין שווענערין בראָכע מיט פיניס ווייב טייבל קיין לאַנגע גוטפריינדשאַפט נישט אויסגעהאַלטן. ס'וואָלט ביי זיי געווען אַלע טאָג צוויי שלייערס אַ גראָשן. איבערהויפּט מיין שווענערין. זי זאָגט אַליין אף זיך, אַז זי איז אַ שוועבעלע. איר, אַז ס'קומט אָן די שלעכטע מינוט, וועט זי אייך מאַכן מיט דער בראָטע. אין אַ ווײַלע אַרום ווערט זי ווייך, כאָטש לייג זי צו צו אַ מאַקע. מיט מיר „וואָיעוועט“ זי פון דער ערשטער מינוט נאָך דער כאַסענע; זי ווייסט, אַז איך האָב זי נישט ליב. ערגער פון אַלצדינק איז ביי איר, למאַי איך לאַך פון איר. עס ווייזט זיך איר ראָק, אַז איך לאַך זי אויס. אַז איך קוק אף איר, הייסט ביי איר, אַז איך לאַך. איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז איך האָב ליב מאָלן, און אַז מיין ברודער עליאָהו שלאָגט מיך דערפאַר. האָב איך אַנומעלטן אויסגעמאָלט אַ פּוס. אַ מוירעדיק גרויסן פּוס. מיט קרייד צוף דער ערד האָב איך אים אויסגעמאָלט. האָט איר באַדאַרפט זעהן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! זי, בראָכע, הייסט עס, האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אַז דאָס האָב איך אויסגעמאָלט איר פּוס. פאַרוואָס עפּעס איר פּוס? ווייל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פיס, ווי בראָכע, קאַלאָשן טראָגט זי נומער דרייצן. איר זאָלט זעהן אַ פּאָר קאַלאָשן!.. האָט זי מיר צוגעשטעלט אַ ביינקעלע צו מיין ברודער עליאָהו. האָט זיך מיין ברודער עליאָהו אף מיר צעשריגן, ווי געוויינלין:

— מענטשעלאַך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דיינע אַלטע שטיק, מאָלן מענטשעלאַך?...

שוין! פון אַ פּוס איז שוין ביי אים געוואָרן אַ מענטש! און פון אַ מענטש — „מענטשעלאַך“!... מ'קאָן פון זיי משוגע ווערן!... איך מוז מיך מודע זיין, אַז וואָס ווייטער, ווערט ביי מיר דאָס כאַלאָאָס פון מאָלן מענטשעלאַך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט אַ פּאַרביק בליישטיפטל. מיר האָט דאָס אוועקגעשיינקט אַן עמיגראַנט אַ יינגל. אָט דער אייגענער, וואָס האָט מיר באַוויזן, ווי אַזוי מע שטעלט אַ „גובערנאַטאָר“ און אויסגעלערנט מיך די קונץ פון בויכרעדעריי. איך האָב

אייך שוין דערציילט פון אים. ער הייסט אויך מאָטל. רופן מיר אים „מאָטל דער גרויסער" און מיך רופט מען „מאָטל דער קליינער". מיר זיינען געוואָרן כאַוער גאָר אָף אַן אַנדער אויפן! דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אָוועקגעשיינקט דאָס פאַרביקע פלײשטיפטל, האָב איך, פאַרגדיק אין וואַגאָן, אים אָפּגעמאָלט אָף פּאַפּיר, איינגאַנצן זיין געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן. איך האָב אים באַשוואָרן, ער זאָל דאָס קיינעם ניט ווייזן, וואָרן טאָמער דערוואוסט זיך מיין ברודער עליאָהו, וועל איך האָבן אַ וויסטן סאָף. ווי מיינט איר? אוואַדע האָט ער דאָס גלייך אָפּגעטראָגן צו מיין ברודער עליאָהו און האָט אים געגעבן אַ טו אַ ווייז דאָס געמאָלעכטס גלייך אין פּאָנים אַריין.

— דאָס דאַרף זיין מאָטלס אַרבעט! וואו איז ער ערגעץ דער מאַלגעטש מיט די מענטשעלאַך?

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און זוכט מיך און קאָן מיך נישט געפינען. איך זיץ הינטער דער מאַמעס פּלייצעס און ווער שיר נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. קיין בעסער אָרט צו באַהאַלטן זיך, ווי ביי דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

ב.

דאַנקען גאָט, מיר זיינען שוין אין אַנטווערפּען. מיר האָבן זיך גוט אָנגעהעצקעט, גענוג אויסגעריסן געוואָרן, אָבער מיר זיינען געקומען! וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איז דאָס אַ שטאָט! דאָס הייסט, צו ווין קומט דאָס נישט, וואָרן ווין איז פיל גרעסער און עפשער שענער אויך. און מענטשן אויך מערער. דערפאַר איז אָבער דאָ אין אַנטווערפּען ריין אזוי, ווי גאָלד. וואָס איז דער כידעש? אַז די גאַסן וואשט מען, די טראָטואַרן פוצט מען, און די הייזער צוואָגט מען. איך האָב אליין געזעהן, ווי מע צוואָגט זיי און מע זייפט זיי מיט זייף. דאָס הייסט, נישט אומעטום. למאָשל, דאָרט אָף די אַכסאַניעס, וואו מיר שטייען מיט די עמיגראַנטן, איז בלאָטיק, און רויכיק, און נאַס, און גליטשיק, און אייננג אין אַ יאַריד מיט אַ טומל מיט אַ האַרמידער. פּריילין, אויסגעצייכנט, אַזוי ווי איך האָב ליב. אונזער מכותן יוינע דער בעקער איז נאָך נישטאָ. אונזער שכיינע פּעסי מיט דער כאַליאַסטרע אויך נישט. זיי פאָרן נאָך. שלעפּן זיך ערגעץ איבער „דייטשלאַנד" „דייטשלאַנד איז סדאָם"! אַזוי זאָגן די עמיגראַנטן און דערציילן זיך אָן מוירעדיקע מייסעס! אונזער אומגליק מיטן בעטגעוואַנט, וואָס מ'האָט ביי אונז אָוועקגעלאַקכענט אָף דער גרעניץ, איז אַ הונט אַנטקעגן די אומגליקן, וואָס מ'הערט זיך אָן פון די עמיגראַנטן. מיר האָבן זיך באַקאָנט דאָ אָף דער סטאַנציע מיט אַ יידענע פון מעזשביזש. דאַווקע נישט קיין אַלמאָנע. זי האָט דאַווקע אַ מאַן און דאַיוקע אין אמעריקע

שוין. זי פאָרט אָט דאָס צו איר מאַן. שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי שלעפּט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעווען וואו די וועלט האָט אַן עק. נישטאָ איין שטאָט זי זאָל דאָרט נישט זיין. זי האָט זיך איבערגעקריגט מיט אַלע קאָמיטעטן. קוים מיט צאָרעס האָט זי זיך פאַרשלעפּט אַהער קיין אנטווערפּען, און וויל זיך זעצן אַף דער שיף, לאָזט מען זי נישט. איר מיינט, זי האָט קאַליעדיקע אויגן? כאָלילע! געזונט און שטאַרק, נאָר זי איז אַ ביסל געריירט פונעם זינען. דאָס הייסט, אַזוי, אַז איר וועט מיט איר רעדן, רעדט זי אַלצדינג, ווי אַ מענטש. נאָר אַ מאָל טוט זי אייך אַ זאָג אַ וואָרט, קאָן מען בלייבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. למאָשל, איר פרעגט ביי איר: וואו איז אייער מאַן? זאָגט זי: אין אמעריקע. וואָס טוט ער דאָרטן? זאָגט זי: ער איז דאָרט אַ קייסער... זאָגט איר דאָך איר: ווי קאָן אַ ייד זיין אַ קייסער? ענטפערט זי אייך, אַז אין אמעריקע מעג מען... נו, האָט איר עפּעס צו איר?... נאָך אַ זאַך האָט זי זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין: זי עסט נישט! אונז הייסט זי אויך נישט עסן. זי זאָגט אונז אָן, מיר זאָלן זיך נישט צורירן צו קיין מילכיקס, מאַכמעס דאָס מילכיקס איז דאָ פליישיק. פרעגט ביי איר די מאַמע: „נו, און דאָס פלייש?" זאָגט זי: „דאָס פלייש איז דאָ נישט פליישיק, נישט מילכיק, נאָר פּאַרעווע". שיסן מיר אויס אַ געלעכטער אַלע, אויסער דער מאַמע. די מאַמע וויל נישט לאַכן, די מאַמע וויל בעסער וויינען. זי זאָגט: „אַז אָך-און-וויי איז צום געלעכטער!" — און זי צעוויינט זיך טאַקע.

— שוין? האָסט שוין לאַנג נישט געוויינט? דו ווילסט, אַז פון אנטווערפּען שוין זאָל מען אונז אָפּשיקן צוריק אַהיים איבער דיינע אויגן?...

אַזוי זאָגט צו איר מיין ברודער עליאָהו — און ביי דער מאַמע ווערן אין איין מינוט די אויגן טרוקן. מער ווי אַף דער ייִדענע אַליין האָט די מאַמע ראַכמאָנעס אַף אירע צוויי קינדער, נעביך. איך ווייס נישט, וואָס די מאַמע באַוויינט אַזוי די קינדער? די קינדער זיינען, דאַכט זיך, גאַנץ פריילעך! אַז זייער מאַמע הויבט אָן רעדן נאַרישקייטן, צעלאַכן זיי זיך. איך האָב מיך מיט זיי גיך באַקענט, זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מע שיקט זיי צוריק אַהיים, נאָר זייער מוטער וויל נישט פאָרן, זי וויל קיין אַמעריקע צו זייער פאָטער, צום קייסער (כי-כי-כין) נאַרט מען זי אָפּ און מ'זאָגט איר, אַז מע שיקט זי מיט דעם באַן קיין אַמעריקע (כי-כי-כין) מ'האָט איר איינגערעדט, אַז ס'גייט אַ באַן פון דאַנען גלייך קיין אַמעריקע (כי-כי-כין).

ג.

די חידושים, וואָס מ'זעהט זיך אָן אין דעם אַנטווערפּען, איז גאָר נישט צו באַשרייבן! אַלע טאָג קומען צו נייע פאַרשווינען. צום מיינסטן אָרימע לייט, און צום מיינסטן קאַליקעס, און צום מיינסטן מיט קאַליעדיקע אויגן. „טראַכאָמעס" רופט מען דאָס. אַמעריקע לאָזט נישט אַריין קיין „טראַכאָמעס". איר מעגט אייך האָבן טויזנט שלאָפקייטן, אַבי נישט קיין „טראַכאָמעס" אָף די אויגן. פון וואַנען נעמען זיך „טראַכאָמעס"? פון דעם, וואָס מע נעמט זיך אָן. אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע ווייסט אַליין נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען. אַזוי האָב איך געהערט טאַקע דאָ אין אַנטווערפּען. פון אַ מיידל האָב איך עס געהערט. גאָלדעלע הייסט דאָס מיידל. זי איז אין מיינע יאָרן, עפּשער עלטער פון מיר מיט אַ יאָר! מיט דער גאָלדעלע איז אַ שיינע געשיכטע. זאָל איך אייך דערציילן? באַקאַנט האָב איך מיך מיט איר אין דער „עזרא". נאָר איר ווייסט דאָך נישט, וואָס איז „עזרא". דאַרף מען אייך קלאָר מאַכן. די „עזרא" אין אַנטווערפּען איז דאָס אייגענע, וואָס „אַליאַנץ" אין ווין. געמאַכט געוואָרן פון אונזערטוועגן, פאַר די עמיגראַנטן. דער חילוק איז, וואָס דער „אַליאַנץ" איז אַ זאַכער און די „עזרא" אַ נקייווע. איר הערט דאָך, אַז מ'זאָגט דער „אַליאַנץ", די „עזרא" דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין דעם אונטערשייד... אַ קלאָל, ווי באַלד מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַנטווערפּען, זיינען מיר געגאַנגען גלייך אין דער „עזרא". די „עזרא" איז נישט דאָס, וואָס דער „אַליאַנץ". דער „אַליאַנץ" וואַרפט מענטשן, ווי די האָלעשקעס, און די „עזרא" טרייבט אייך נישט; איר קאָנט קומען צו איר ווען איר ווילט און קאָנט זיך אויסרעדן פאַר איר דאָס האַרץ, וויפל איר ווילט. אַלצדינג, וואָס איר רעדט, ווערט אַריינגעטראָגן אין אַ בוך. ס'זיצט אַ מיידל, וואָס מ'רופט זי פריילין זייטשיק, און פאַרשרייבט. זעהר אַ וואויל מיידל. זי האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך הייס און האָט מיר געשיינקט אַ צוקערקע. נאָר פון דער פריילין זייטשיק וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערס מאָל. איצט דאַרף איך אייך זאָגן, ווער איז גאָלדעלע. זי איז פון קוטנע. געקומען איז זי אַהער פאַראַיאָרן מיט איר טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער. סוקעס-צייט איז דאָס געווען. האָבן זיי געראָט, זאָגט זי, יאַנטעוו, אַף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן, דאָס הייסט, קיין גליקן האָבן זיי נישט געזוכט און קיין האָניק האָבן זיי נישט געלעקט. געוואַלגערט זיך גלייך מיט אַלע עמיגראַנטן. נאָר דערפאַר האָבן זיי געהאַט שיפסקאַרטן ביז אַמעריקע אַף דער גאַנצער מישפּאָכע און אויסגעקליידט איז מען געווען ביגדיי מאַלכוס. אַלע האָבן געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. הייַנט, איז זי גע-

בלייבן איינגאַנצן מיט איין העמד און אָן שיך, ווען ניט די פריילין זייטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאַנגען באָרוויס. די פריילין זייטשיק האָט איר אָוועקגעשיינקט, זאָגט זי, אַ פּאָר שיך פון אירע אייגענע פיס, נאָך גאַנץ גוטע שיך. אַזוי האָט מיר דערציילט גאָלדעלע און האָט מיר באַוויזן די שיך, וואָס די פריילין זייטשיק האָט איר אָוועקגעשיינקט, גאַנץ שיינע שיך, נאָר אַ ביסל צו גרויס אויף איר... בקיצור, ס'איז אָוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג סוקעס און סימכאַס-טוירע. ס'איז געקומען די צייט, וואָס מ'דאַרף זיך זעצן אויף דער שיף, זאָגט מען צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך דורכגיין צום דאָקטאָר. זיינען זיי געגאַנגען צום דאָקטאָר. האָט זיי דער דאָקטאָר באַטראַכט און געפונען, אַז זיי זיינען אַלע געזונט און שטאַרק און קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, תייסט עס, קאָן נישט פאָרן, ווייל זי האָט „טראַכאָמעס" אויף די אויגן. פריער האָבן זיי גאָר נישט פאַרשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס. ערשט שפּעטער האָבן זיי דאָס רעכט צעקייט. דאָס האָט געהייסן, אַז אַלע פאָרן אָוועק קיין אַמעריקע, נאָר זי, גאָלד'עלע, בלייבט איבער דאָ אין אַנטווערפּען. איז געוואָרן אַ געוויין, אַ יאָמער, אַ קלאָג. די מאַמע האָט געכאַלעשט דריי מאָל. דער טאַטע האָט געוואָלט בלייבן דאָ, האָט מען נישט געקאָנט. די גאַנצע שיפסקאַרטע וואָלט געגאַנגען פאַרלוירן. איז געבליבן, אַז זיי פאָרן אָוועק קיין אַמעריקע, און זי גאָלדעלע, בלייבט איבער דאָ, ביז ס'וועלן זיך אויסשטיין די „טראַכאָמעס" פון אירע אויגן... און אָט אַזוי שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי היילט זיך און האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. די פריילין זייטשיק זאָגט, אַז דערפאַר היילן זיך איר נישט אויס די אויגן, ווייל זי וויינט קסיידער. נאָר זי, גאָלדעלע, זאָגט, אַז איבער אַן אַנדער זאַך היילן זיך איר נישט אויס די אויגן, איבערן בלוישטיין! אַלע מאָל, ווען זי קומט צום דאָקטאָר, שמירט ער איר די אויגן, זאָגט זי, מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבעריקע קראַנקע. ווען זי, גאָלדעלע, פאַרמאָגט צו קויפן אַן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט זי זיך שוין לאַנג, זאָגט זי, אויסגעהיילט.

— נו, און דיין טאַטע-מאַמע? — פרעג איך זי.

— זיינען אין אַמעריקע, זיי מאַכן דאָרט אַ לעבן. איך האָב פון זיי בריוו, אַלע כוידעש קימאַט האָב איך פון זיי אַ בריוול. נאַ, זעה, קאָנסט לייענען? לייען מיר!

און זי נעמט אַרויס פון בוזים אַ גאַנצן פּאַק מיט בריוולעך און גיט מיר, איך זאָל זיי איר לייענען הויך אויף אַ קאָל. איך וואָלט עס איר געוויס געטאָן, קאָן איך אָבער נישט לייענען קיין געשריבנס. ס'זאָל זיין געדרוקט, וואָלט איך עס געלייענט. לאַכט זי פון מיר און זאָגט, אַז אַ יינגל איז נישט קיין מיידל, אַ יינגל דאַרף קענען אַלץ

אָף דער וועלט! איך האָב מוירע, אַז זי איז געדערכט. אַי, וואָלט איך אַ באַלאַן זיין קאָנען לייענען געשריבנס! אַי, בין איך מקנא מיין כאַווער מאָטל דעם גרויסן, וואָס ער קאָן לייענען און שרייבן (איך האָב אייך שוין דערציילט פון אים). האָט אים גאָלדעלע געגעבן איבערלייענען די בריוולאַך, וואָס מע שרייבט איר פון אַמעריקע. האָט זי מאָטל דער גרויסער געלייענט, ווי אַ וואַסער. די בריוולאַך זיינען קימאַט אַלע געשריבן מיט איין לאָשן און מיט די זעלביקע ווערטער:

„טייערע גאָלדעלע, האַרציקע גאָלדעלע, לעבן זאָלסטו! אַז מיר דערמאַנען זיך דאָ אין דעם אַמעריקע, אַז אונזער קינד האָט מען אַרויסגעריסן פון אונזערע הענט און דו וואַלגערסט זיך דאָרטן אין דער פרעמד צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, גייט אונדז נישט איין דאָ דער ביסן. טאָג ווי נאַכט טוען מיר דאָ קלאָגן און וויינען אָף אונזער ליכטיקן שטערן, וואָס איז צוגענומען געוואָרן פון אונזערע אויגן“... און אַזוי ווייטער.

מאָטל דער גרויסער לייענט און גאָלדעלע וויינט, ווישט די אויגן, דערזעהט דאָס פריילין זייטשיק, הויבט זי אָן זיך ביידערן אָף אונז, וואָס מיר מאַכן זי וויינענדיק און צו גאָלדעלען זאָגט זי, אַז זי האָט קיין ראַכמאָנעס נישט אָף זיך אַליין, זי מאַכט אַ טעל פון דעם איבעריקן ביסל אויגן! ענפערט דערויף גאָלדעלע מיט אַ געלעכטער און טרערן גיסן זיך פון די אויגן:

— אַ טעל פון די אויגן מאַכט מיר דער דאָקטאָר מיט זיין בלוישטיין, ערגער ווי איך מיט מיין געוויין...

מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען און איך זאָג איר צו, אַז לאָרגן אין דער צייט וועלן מיר זיך דאָ ווידער־אַמאָל זעהן.

— אום אירצע דאַשעם! — ענפערט גאָלדעלע מיט אַ פרום פּאַנים, ווי אַן אַלטע, און מיר ביידע, מאָטל דער קליינער און מאָטל דער גרויסער לאָזן זיך גיין שפּאַצירן איבער אַנטווערפּען.

ד.

מיר, דאָס הייסט, איך, מאָטל דער קליינער, און מיין כאַווער, מאָטל דער גרויסער, זיינען נישט אַליין. מיר האָבן דאָ נאָך אַ כאַווער, ער איז אַ יינגל פון אַ יאָר צען און הייסט מענדל. ער איז אויך פאַרבליבן אין אַנטווערפּען, פאָרנדיק קיין אַמעריקע, נישט איבער די אויגן, נאָר איבער אַן אַנדער זאַך. אים האָט מען פאַרלוירן אָפן וועג ערגעץ אין דייטשלאַנד. אַ גאַנצן וועג, דערציילט ער, האָבן זיי זיך דערהאַלטן די נשאָמע נאָר מיט הערינג, האָט אים געברענט אָפן האַרצן... האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אָף אַ סטאַנציע כאַפּן אַ טרונק וואַסער און איז

געבליבן שטעקן אָן אַ בילעט און אָן אַ קאָפּיקע געלט און אָן אַ העמד אפן לייב, און מאַכמעס ער האָט ניט געקענט זייער שפּראַך, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שטומען. האָט מען אים אויסגעפירט וואו די וועלט האָט אַן עק, ביז ער האָט דערזעהן אַ פּאַרטיע עמיגראַנטן יידן. איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און האָט זיי דערציילט די גאַנצע מייסע, האָבן זיי אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט און האָבן אים גענומען מיט זיך און געבראַכט צו פירן אַהער קיין אַנטווערפּען. דאָ האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער „עזרא“. האָט די „עזרא“ אַוועקגעשריבן אַ בריף קיין אַמעריקע, טאָמער וועט מען אויפזוכן זיינע עלטערן, וואַרט ער דאָס אַף אַן ענפער און אַף אַ שיפסקאַרטע. דאָס הייסט, אַף אַ האַלבער שיפסקאַרטע, מאַכמעס ער איז נאָך אַ קליינער, דאָס הייסט, ער איז נישט אַזוי קליין, ווי ער האַלט זיך קליין. ס'איז אַ סוואָרע, אַז ער איז שוין באַרמיצווע, כאָטש קיין טפילן לייגט ער ניט. ער האָט נישט. זיינען געוואָר געוואָרן עמיגראַנטן, אַז מענדל איז אַ באַרמיצווע באַכערל און האָט נישט קיין טפילן, איז געוואָרן אַ גוואַלד. פאַרוואָס זעהט מען אים נישט קיין טפילן? זאָגט מענדל: „פאַרוואָס זעהט מען מיר נישט קיין שטיוול?“... רופט זיך אָן צו אים איינער אַן עמיגראַנט מיט שאַרפע אויגן: „אַ, דו, שייגעץ! נישט גענוג מ'זאָרגט זיך פאַר דיר, ביזטו נאָך אַן אַזעספּאָנים?...“ מיר אַלע דריי, איך און מאָטל דער גרויסער און מענדל, זיינען געוואָרן כאַווער. גאַנצע טעג גייען מיר אַרום איבער דער שטאָט. דאָרט אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבערג, אָדער אין ווין פלעגט מיך די מאַמע מוירע האָבן אַפילו פון זיך אַף אַ טריט. דאָ אין אַנטווערפּען האָט זי קיין מוירע נישט. דאָרט זאָגט זי, זיינען סאַמע דייטשן, און דאָ, אין אַנטווערפּען, זיינען מיר, זאָגט זי, צווישן מענטשן, צווישן אייגענע, מ'הערט רעדן אַ יידיש וואָרט, דאָס מיינט זי די עמיגראַנטן. לעבן זאָלן די עמיגראַנטן. צווישן עמיגראַנטן פילן מיר זיך טאַקע היימיש. אוביפראַט צווישן אייגענע, אָט באַלד וועלן מיר האָבן געסט. אים אירצע האַשעם, נאָך שאַבעס קומט אונזער ניכוטן יוינע דער בעקער מיט זיין הויזגעזינד. מיר וואַרטן היינט-מאָרגן זאָל קומען אונזער שבייגע פעסי מיט איר כאַליאַסטרע. אָט דאָ וועט ערשט ווערן אַ סימכע. איך וועל אייך, אים אירצע האַשעם, באַשרייבן אַלצדינג.

15.

די כאָליאַסטרע.

א.

איר זיינט דאָך שוין באַקאַנט מיט דער כאָליאַסטרע, דאָס איז אונזער שכיינע פּעסי מיט איר מאַן דעם איינבינדער (ער הייסט מוישע) מיט זייערע אַכט קינדערלאַך, וואָס יעדערער האָט בּיי זיי, ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט, אַ באַזונדער צונעמעניש. דער קלענע- רער פון אַלע איז אין מיינע יאָרן (זיבן דאָס אַכטע), מע רופט אים „וואַשטי". איך האָלט פון „וואַשטין". איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפל איר זאָלט אים נישט שלאָגן, נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעמט אים נישט קיין קויל. איינמאָל האָט ער צעריסן אַ פרעמדן סידער, האָט אים זיין טאַטע, מוישע דער איינ- בינדער, געשלאָגן מיטן ברעטל, וואָס מע שניידט אָף דעם פּאַפּירן. „וואַשטי" האָט נאָכדעם גוט געקריינקט. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בּולקע. אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן עק, אויס „וואַשטי"! צום סאָף גאָרנישט. אָפן דריטן טאָג האָט „וואַשטי" געבעטן ברויט און געגעסן, ווי נאָך אַ טאָגעס. עסן האָבן זיי ליב אַלע, זיי האַלטן פון דער אַכילע. „די הונגעריקע טשערעדע", אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסי, הייסט עס. פּעסי איז אַ יידענע זעהר אַ וואוילע, נאָר אַ ביסל צו דיק. זי האָט דריי גוידערס. איך האָב זי שוין עטליכע מאָל אַראָפּגעכאַפּט אָף פּאַפּיר, האָט איין מאָל דערזעהן „וואַשטי", האָט ער אַרויסגעכאַפּט בּיי מיר דאָס געמאָלעכטס און האָט דאָס באַוויזן אָף אַ ציקאָוועס דער מאַמע זייער, האָט זי געלאַכט, איז געוואָר געוואָרן מיין ברודער עליאָהו, האָט ער מיר געוואָלט איינטיילן פאַר די „מענטשנ- לאַך", ווי זיין שטייגער איז, אַ גליק, וואָס פּעסי אַליין האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר: „אַ קינד, זאָגט זי, מאַכט זיך נאַריש. נישט קדאַי, זיך אָפּעסן דאָס האַרץ". לאַנג לעבן זאָל זי, פּעסי, איך האָב זי ליב! איך האָב נאָר פיינט, אַז זי קושט זיך. אַז זי איז געקומען קיין אָנטוערפן, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט קושן, ווי אַן אייגן קינד. מיט אַלעמען האָט זי זיך געקושט. מער פון אַלע, געוויינטליך, מיט דער מאַמע. די מאַמע, אַז זי האָט זי דערזעהן, איז גלייך, ווי דעם טאַטן פון יענער וועלט, זי האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז מיין ברודער עליאָהו איז אָנגעפאַלן אָף פּעסין, אַז איבער איר מאַכט די מאַמע אַ טעל פון די אויגן און קאָן נישט גיין צום דאָקטאָר... גיין צום דאָקטאָר — דאָס מוז יעדער, ווער עס קומט אַהער קיין אָנטוערפן; דאָס ערשטע, וואָס

אייגער פרעגט ביים אנדערן, איז: „זיינט איר שוין געווען ביים דאָקטאָר?..." „וואָס האָט אייך געזאָגט דער דאָקטאָר?"... אפילו די „עזרא", אַז מע קומט צו איר צו גיין, שיקט זי באַלד אָפּ צום דאָקטאָר. אַז מיר זיינען געקומען אהין דאָס ערשטע מאל, האָט די מאַמע נאָר וואָס געוואָלט אָנהייבן דערציילן די מייסע: ווי אַזוי איר מאַן איז געווען קאָל יאָמאָוו אַ כאַזן אין דער קאַצוואָישער שול... ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרקילט און קראַנק געוואָרן... ווי אַזוי זי האָט אַלצדינג פאַרקויפט, אַבי ראַטעווען דעם טאַטן... ווי אַזוי דער טאַטע איז געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַן אלמאנע מיט צוויי קינדער יעסוימים.

אַזוי טייַנעט די מאַמע פאַר דער „עזרא" און די „עזרא" הערט, און דאָס מיידל, וואָס זיצט ביים טיש (פריילין זייטשיק הייסט דאָס מיידל), פאַרשרייבט איטליכעס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אין אַ בוך אריין. די מאַמע האָט נאָך צו דערציילן און דערציילן, רופט זיך אָן צו איר אייגער פון דער „עזרא":

— אַלזאָ, פאַרט איר קיין אמעריקע?

זאָגן מיר:

— פאַרשטייט זיך, נישט קיין יעהופּעץ, קיין אמעריקע

רופט זיך אָן צו אונז יענער, וואָס פון דער „עזרא":

— זיינט איר שוין געווען ביים דאָקטאָר?

זאָגן מיר:

— וואָסער דאָקטאָר?

רופט זיך אָן צו אונז יענער, וואָס פון דער „עזרא":

— אָט האָט איר אַן אדרעס. גייט זיך דורך ריישיס כאָכמע צום דאָקטאָר, וועט ער באַטראַכטן אייערע אויגן.

דערהערט דאָס וואָרט „אויגן", טוט מיין ברודער עליאָהו אַ קוק אף דער מאַמען און ווערט טויט, ווי די וואַנט...

וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן?...

ב.

שוין, דאַנקען גאָט, מיר זיינען שוין אַלע געווען ביים דאָקטאָר, נאָר די מאַמע נאָך נישט. די מאַמע וועט זיין שפּעטער. מיין ברודער עליאָהו האָט מיירע, זי האָט די לעצטע צייט צופיל געוויינט... דער דאָקטאָר האָט אונז אַריינגעקוקט אין די אויגן אריין און אונז אָנגעשריבן עפּעס אף פּאַפּיר און פאַרכאַסמעט אין אַ קאָנווערט. האָבן מיר זיך סכילעס זעהר דערשראָקן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס האָט ער אונז פאַרשריבן אַ רפוע צו די אויגן. פרעגן מיר אים, וואָס האָט ער אונז פאַרשריבן? ווייזט ער אונז מיט דער האַנט אף דער טיר. שטויסן מיר זיך, אַז מ'הייסט אונז גיין... קומען מיר צו דער „עזרא" און ווייזן

איר דאָס געשריבעס אונדז דאָקטאָר. גענומט דאָס מייל (פריילין זייטשיק) און עפנט אויף דאָס קאָנווערטל און לייענט איבער און מאַכט צו אונדז:

— איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בסורע: דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איר האָט געזונטע אויגן.

וואָדע איז דאָס פאַר אונדז אַ בשורע! האָט טאָ מען אָבער מיט דער מאַמע?

די מאַמע לייגט צו צו די אויגן אַ פלעסטערל. דאָס פלעסטערל האָט איר געגעבן אַן עמיגראַנט אַ פעלשער. ער איז זעהר ניט קיין שיינער. ער האָט משונע מאָרנע ציין, נאָר ער באַכערט זיך. ער טראָגט אַ מעשענעם זייגער מיט אַ זילבערנער קייט מיט אַ רוקער, און אַ גאָלדן רינגל אַף דער האַנט. ער הייסט נישט קיין שיינעם נאָמען: „בי-בער“ געקומען איז ער אַהער קיין אַנטווערפּען מיט דער כאָליאַסטרע. אַפן וועג האָט ער זיך מיט ווי באַקענט. זיי האָבן אינאיינעם געגאַנוועט די גרעניץ. קיין ניסים וו'ניפלאָאָיס, ווי מיט אונדז, האָט זיך זיי נישט געטראָפן. האַרגענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנט האָט מען ביי זיי נישט צוגענומען, נאָר זיי זיינען גלאַט אַזוי פאַר-שוואַרצט געוואָרן. זיי האָבן געהאַט, זאָגן זיי, צו זינגען און צו זאָגן. זיי זיינען דורכגעגאַנגען, זאָגן זיי, אַ שוויץ-באָד, אין האַמבורג. וואָס זיי דערציילן זיך אָן פון דער האַמבורג! די האָר שטעלן זיך קאַפּויער סראָס איז אַ הינט אָקעגן האַמבורג! מע באָדט זיך דאָרטן, זאָגן זיי, מיט די עמיגראַנטן אַ סאַך ערגער, ווי ביי אונדז מיט אַרעסטאַנטן, ווען בית אָט-דער פעלשער (ביבער), וואָלטן זיי דאָרט אומגעקומען. ער איז זיי געשטאַנען אין זייערע נויטן, ער, ביבער, איז אַ גרויסער אויס-פאַנים. ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך גערעכנט מיט די דייטשן, איז אַ שרעק! ער האָט זיך, זאָגט ער, מיט זיי אויסגעשמועסט דאַווקע אַף רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קען ער גוט. אַ סוואָרע, אַז נאָך בעסער פון אונדזער פיניע. פיניע דרינגט, אַז אַלצדינג, וואָס דער ביבער דער-ציילט אונדז, וואָלט געווען זעהר שיין, ווען ס'זאָל זיין עמעס. אונדזער כאַווער פיניע האָט פון דער ערשטער מינוט אָנגעוואָרפן אַן אומכיין אַף דעם פעלשער ביבער. ער האָט געמאַכט אַף אים אַ לידל. אַז פיניע האָט נישט ליב אַ מענטשן, מאַכט ער אַף אים אַ לידל.

ג.

ביבער, אָט דער פעלשער, וואָס איך דערצייל אייך, האָט זיך אונטערגענומען צורעכטמאַכן דער מאַמען די אויגן. ער זאָגט, אַז קיין דאָקטאָר אין דער וועלט וועט נישט געפינען אַף זיי קיין כיסאָרן, ערשטענס, ווייסט ער די קונץ נאָך פון דער היים, ער איז אַ פעל-

שער, און אַ פעלשער איז דער אַ האַלבער דאָקטאָר. און כּוץ לאָזט איז ער געווען אין „דייטשלאַנד" און האָט זיך צוגעקוקט וואָס מ'טוט מיט די עמיגראַנטן, זיי זאָלן האָבן געזונטע אויגן. ער זאָגט, אַז מע מאַכט מאַמעש פון בלינד זעהענדיק. פרעגט אים פּיני: „עפּשער פאַרקערט?"... ווערט ער אין כּעס (ביבער איז אַ גרויסער קעסן). ער שיט אָפּ פּיניען מיט ווערטער. ער זאָגט, אַז ער איז צו אַ גרויסער כאַכעם צו קלוג פאַר אַמעריקע! אין אַמעריקע, זאָגט ער, האָט מען פּיינט כיטראַקעס! אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואו מ'ווייסט נישט פון קיין כאָכמעס. אין אַמעריקע איז געזאָגט—געמיינט, געמיינט—געזאָגט. אין אַמעריקע איז אַ וואָרט—אַ וואָרט. אַמעריקע איז, זאָגט ער, געבויט אויף עמעס און אויף יושער, און אויף גערעכטיקייט, און אויף קאָווער, און אויף ערליכקייט, און אויף סאָווטסט, און אויף מענטשליכקייט, און אויף נעמאָנעס און אויף חאַסמאָנעס... פרעגט אים פּיני: „און אויף וואָס נאָך?..." ווערט ביבער נאָך מער אין כּעס. אָן אַווירע, וואָס מ'האָט זיי איפּערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן שמועס! מע איז אונדז געקומען זאָגן, אַז עמיגראַנטן פרעגט זיך נאָך אויף אונדז אין דרויסן. ווער קאָן עס זיין? מיר ביידע אַרויס—געסט! געסט! אונדזערע מכוטאָנים זיינען געקומען! יויגנע דער בעקער מיט זיין גאַנצער מישפּאָכע. אַ בייע באַליאַסטרע! ווידער אַמאָל אַ גדולע: מיין שוועגערין בראָכע קושט זיך מיט טאַטע-מאַמע, מיין ברודער עליאָהו קושט זיך מיט זיין שווער און מיט די שוואָגערס, אויף אים קוקנדיק, כאַפּט זיך פּיני אויך קושן מיט אונדזערע מכוטאָנים, און אויף אים קוקנדיק, קושט זיך מיט זיי דער פעלשער אויך. פרעגן זיי: ווער איז דאָס? זאָגט ער: איך בין ביבער. גיסט אים פּיני אַ געלעכטער... און די מאַמע מיינע? די מאַמע טוט זיך אויס: זי וויינט!... מיין ברודער עליאָהו עקט זיך. ער קוקט אויף איר און ציפּט זיך ביים בערדל. ער קאָן איר אָבער איצטער גאָרנישט זאָגן: ס'איז דאָך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מכוטאָנים, און פון איין שטאָט, פאַרוואָס זאָל מען זי נישט לאָזן אַ ביסל זיך אויסוויינען?...

— ווי אַזוי האָט איר געגאַנוועט די גרעניץ און וואו האָט מען אייך באַנומען?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געפרעגט ביי אונדזערע מכוטאָנים, און אונדזערע מכוטאָנים האָבן פון דעם צו דערציילן גאַנצע פעקן! מיר קריכן אָבער נישט אין קאָפּ אַריין זייערע מייסעס. איך האָב מיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע מיט מיין שוועגערינס אַ שוועסטערל, איך האָב אייך אַמאָל דערציילט פון איר. זי הייסט אַלטע און טראָגט צוויי צעפּלאַך פון אונטן צונויפגעדרייט, ווי אַ בייגל. איר דאַרפט געדיינקען, אַז מ'האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ קאַלע (ביי מיין ברודער עליאָהו אויף דער כאַסענע). דעמאָלט איז זי אַלט

געווען זיבן יאָר, איצט איז זי שוין אַלט אַכט דאָס ביינטע. נעביך,
געבליבן זיצן אין אַנטווערפּען איבער די אויגן. איך דערצייל אַלטע-
לען פון גאָלדעלען, און פון אירע קראַנקע אויגן, נעביך, און פון מיין
כאַווער מאָטל דעם גרויסן, און פון מיין כאַווער מענדלען, און פון דער
„עזרא" אין פון דער פריילין זייטשיק, וואָס שרייבט אין א בוך, און
פונם דאָקטאָר, וואָס קוקט אין די אויגן... און פון ווין דערצייל איך
איר, פונם „אַליאַנץ", און פון קראָקע מיט לעמבערג דערצייל איך
איר... און פון דער גרעניץ, ווי אַזוי מיר האָבן געגאַנוועט, און ווי
אַזוי מיר זיינען קוים אַרויס מיטן לעבן... איך לאָז נישט דורך קיין
זאַך. אַלטע הערט מיך אויס מיט גרויסע אויגן. נאָכדעם דערציילט זי
מיר, וואָס זיי האָבן געהאַט. ווי אַזוי איר טאטע האָט שוין לאַנג גע-
וואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט איר מאַמע נישט געוואָלט. און נישט
אַזוי די מאַמע, ווי די מישפּאָכע, די מישפּאָכע זאָגט, אַז אין אַמע-
ריקע דאַרף מען האַרעווען, און איר מאַמע איז דערצו נישט געוויינט
געוואָרן. איר מאַמע האָט אַ רעטאָנדע. די רעטאָנדע האָט איר דער
טאַטע געמאַכט נאָך אין די גוטע יאָרן. אַז זיי האָבן נאָך געהאַט אַ סאַך
געלט. איצט, אַז ס'איז זיי געוואָרן שלעכט, איז געבליבן מע זאָל
פאַרקויפן אַלצדינג און פאָרן קיין אַמעריקע. אַז ס'איז געקומען צו
דער רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אַלצדינג וועט זי פאַרקויפן, נאָר נישט
די רעטאָנדע! פרעגט זי דער טאַטע: אַף וואָס דאַרפסטו די רעטאָנדע?
אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע! זאָגט אים די מאַמע:
וואָס הייסט, אַף וואָס דאַרף איך די רעטאָנדע? קוים דערלעבט אַ
אַ רעטאָנדע, זאָל איך איצט נעמען און פאַרקויפן די רעטאָנדע? טאָג
ווי נאַכט האָט מען געהערט ביי אונז נאָר רעטאָנדע און רעטאָנדע! די
גאַנצע מישפּאָכע (פון דער מאַמעס צאַד) איז זיך צונויפגעקומען.
ווער האָט אויסגעפירט? געוויינטליך די מאַמע! מ'האָט די רעטאָנדע
נישט פאַרקויפט! מ'האָט מיטגענומען די רעטאָנדע, איינגעפּאַקעוועט די
רעטאָנדע באַזונדער אין אַ פּעקל, און ביז מיר זיינען געקומען צו דער
גרעניץ, איז שוין נישט געווען קיין רעטאָנדע...

אַזוי דערציילט מיר אַלטע, און ווייטער וויל איך שוין נישט
הערן. מיר איז נאָר געגאַנגען צו וויסן, אויב ס'איז נאָך דאָ אַ רע-
טאָנדע. דערהערט, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטאָנדע, בין איך
צופרידן. איך נעם אַלטען און גיי מיט איר שפּאַצירן. איך באַווייז איר
די שטאָט אַנטווערפּען. זי ווערט נישט איבערראַשט. זי האָט, זאָגט זי,
געזעהן גרעסערע שטעט. וואָס זאָגט איר אַף איר טאָטן? איך פיר זי אַף די
סטאַנציעס, וואו ס'צ שטייען עמיגראַנטן. איך מאַך זי באַקאַנט מיט
מיינע כאַווירים. אַלטע ווערט נישט ניספּאַייל פון קיין זאַך. זי האַלט
זיך גרויס. זי איז אַ גאַדלענטע. זי איז פון טאַמיד אָן אַזוי... שפּע-

טער גייען מיר אלע אינאיינעם, אונזער כאליאסטרע און זייער כאליאסטרע, אין דער „עזרא". דארט באגעגענען מיר זיך מיט אונזער שכיינע פעני און מיט איר כאליאסטרע. איך גאלדעלען זעהען מיר דארטן. גאלדעלע וויל זיך באקענען געהעריג מיט אלטען. אלטע האלט זיך מיט איר פונדערווייטנס. גאלדעלע פירט מיך אפ אף א זייט און פרעגט מיך, וואס איז מיט דעם מיידל אזוי דער ייכעס, וואס סע שטייט איר נישט אן מיט איר צו רעדן? דערצייל איך איר, אז מ'האט מיר פאראיארן ביי מיין ברודער אף דער כאסענע גערעדט אלטען פאר א קאלע. ווערט זי רויט, אזוי ווי פייער, און קערעוועט זיך אפ אף א זייט.

ד.

וואס זאגט איר אף דעם אומגליק, וואס אונז האט געטראפן? מיר זיינען געווען מיט דער מאמע ביים דאקטאר, ער זאל איר באטראכטן די אויגן. האט ער איר באטראכט די אויגן און נישט געזאגט גארנישט. ער האט נאר אנגעשריבן א צעטעלע און אריינגעלייגט אין א קאנווערט. האבן מיר דעם קאנווערט אוועקגעטראגן צו דער „עזרא". געקומען צו דער „עזרא", האבן מיר דארט נישט געטראפן קיינעם, נאך, נאר איין פריילין זיימשיק, אט די, וואס זי פארשרייבט אלע עמיגראנטן אין בוך אריין. האט זי מיך באגעגנט מיט א געלעכטער. טאמיד, לאכט זי, ווען זי זעהט מיך. אלע מאל גיט זי מיר איבער א גרוס פון גאלדעלען און לאכט. עפנט זי דאס קאנווערטל, טוט א קוק אין צעטל אריין און הערט אויף צו לאכן, און פארברעכט די הענט. פרעגט ביי איר די מאמע: וואס הערט זיך? זאגט זי: וואס זאל זיך הערן, מיין ליבע יידענע? ס'איז שלעכט! דער דאקטאר זאגט, אז איר קאנט נים פארן קיין אמעריקע... מיין שוועגערין בראכע, ווייסט איר דאך, האט א סעווע פון כאלעשן, איז זי באלד געפאלן כאלאשעס. מיין ברודער עליאהו איז געבליבן שטיין אן א טראפן בלוט אין פאנים. די מאמע אליין איז געבליבן א פארשטיינערטע. זי קאן שוין אפילע נישט וויינען... דאס מיידל (פריילין זיימשיק) האט זיך א וואָרף געטאן נאך וואסער. זי האט אפגעמונטערט בראכען, געטרייסט עליאהון, אויסגערעדט דאס הארץ דער מאמען און געהייסן קומען מארגן. אפן וועג זאגט איר מיין ברודער עליאהו מוסער, למאי זי האט געוויינט די גאנצע צייט, און ער דערמאנט איר, וויפל מאל ער האט איר געזאגט, זי זאל נישט וויינען... די מאמע וויל אים ענפערן, האט זי נישט קיין ווערטער... זי קוקט ארויף און בעט גאט: „טו מיט מיר, ריבוינוי שעל אוילעם, א כעסעד און מיט מיינע קינדער, און נעם מיך צו פון דער וועלט!..." אונזער כאווער פיני דרינגט, אז איגגאנצן איז דא שולדיק

אַט דער ליגנער, אַט דער פֿעלשער ביבער. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט הערט מען נישט אויף צו עסן איינס דאָס אַנדערע, ביז ס'קומט מאָרגן. אַף מאָרגן גייען מיר ווידער צו דער „עזרא“. גיט אונז די „עזרא“ אַן אייצע, אַז מיר זאָלן זיך פּרואוון פֿאָרן איבער לאָנדאָן, אַ פּשער וועט לאָנדאָן דורכלאָזן די מאַמע מיט אירע פֿאַרוויינטע אויגן קיין אַמעריקע. אָדער אויב נישט קיין אַמעריקע, איז כאָטש קיין קאַנאַדע... וואו איז קאַנאַדע, ווייסן מיר נישט. מ'זאָגט ס'איז נאָך ווייטער פֿון אַמעריקע... מיין ברודער עליאָהו און אונזער כאַווער פּיני האָבן דערווייל איבער וואָס צו קריגן זיך. עליאָהו פֿרעגט אים: „פּיני! זאָג נאָר, וואו איז אָט דאָס קאַנאַדע? ביסט דאָך עפּעס אַמאָל געווען אַ מענטש פֿון געאָגראַפֿיע...“ זאָגט אים פּיני, אַז קאַנאַדע איז אין קאַנאַדע, דאָס הייסט נישט אין קאַנאַדע, נאָר אין אַמעריקע. פֿרעגט אים עליאָהו: „ווי קאָן דאָס זיין?“ זאָגט אים פּיני: „נו, זעהסטו דאָך!..“ דערווייל דאַרף מען גיין צו דער שיף באַגלייטן גוטע פֿריינט, אונזער שכיינע פּעסי מיט איר מאַן זעם איינבינדער (מויטע הייסט ער) מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע. וויי-וויי, וואָס ס'טוט זיך ביי דער שיף! יידן, ווייבער, קינדער, קלומקעס, פּעקלאַך, קישנס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפֿט, דער שרייט, דער וויינט, דער שוויצט, דער עסט, דער שעלט. פּלוצים הערט זיך אַ קאָל פֿון אַ ווילדער כאַיע, פֿון אַ וויזלטיר: ה-ה-ה-ו-ו-ו!!!...

דאָס הודעט מען פֿון שיף, מ'זאָל זיך שוין געזעגענען. עס ווערט אַ לויפֿעריי מיט אַ קושעריי מיט אַ געוויין — אַ טעאַטער און גענוג! אַלע געזעגענען זיך, מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושן זיך, מיר קושן זיך אויך. מיר קושן זיך מיט דער כאַליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונזער שכיינע פּעסי. פּעסי רעדט איר אויס דאָס האַרץ, בעט, זי זאָל גאָר נישט זאָרגן, זיי וועלן זיך, אים אירצע האַשעם, זעהן אין גיכן אין אַמעריקע... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנט און שלינגט די טרערן... די לעצטע צייט וויינט זי אַ כאָך וויניקער, ווי פֿריער: דער גאַנצער אוילעם איז שוין אַף דער שיף. מיר זיינען אין דרויסן. אַ, זיינען מיר זיי מקאַנע. אַ, בין איך מקאַנע „וואַשטין“! אַמאָל האָט ער מיר מקאַנע געווען — היינט בין איך אים מקאַנע!... און „וואַשטי“ שטייט מיט אַ צעריכן מיצל אַף דער שיף. ער האַלט די הענט אַרונטער און ווייזט מיר אַ צונג. דאָס הייסט, ער וויל מיר געבן אָנצוהערעניש, אַז ער פֿאָרט און איך נישט. פֿאַרדריסט דאָס מיך זעהר, נאָר איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און שטעל אים אַרויס אַ פֿייג: „נאַ' דיר“!..“ דאָס הייסט אַזוי גרויס, ווי איך וואָלט אים זאָגן: „וואַשטי! אַזאַ מאַקע דיר און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי איך וועל אין גיכן זיין אין אַמעריקע!...“

אָ, איר זאָלט גאָר נישט זאָרגן — איך וועל אין גיכן זיין אין אַמעריקע!

.16

די כאָליאַסטרע ווערט צעקראַכן.

א.

וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג ווערט די „כאָליאַסטרע עמיגראַנטן" קלענער און אַנטווערפּען ווערט אַ פּוסטקע. שאַבעס מיט דער שיף פאָרן אָפּ אַ גוזמע עמיגראַנטן, אַלע קיין אַמעריקע. מיט זיי פאָרט אַוועק אויך מיין כאָווער מאָטל, דאָס איז מאָטל דער גרויסער, אָט דער, וואָס האָט מיך אויסגעלערנט „שטעלן אַ גובערנאַטאָר", די „קינג פון ביכערדרעריי" און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך ווייס נישט, וואָס האָט אין אים דערזעהן אַזעלכעס מיין ברודער עליאָהו, וואָס ער האָט אים פיינט. איך מיין, אַז דאָס וואַקסט פון בראָכען. מיין שוועגערין בראָכע האָט אַ טעווע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט און צוקוקן זיך, וואָס מע לאַכט. ס'איז איר אייסעק, וואָס מיר לאַכן, עפּשער לאַכן מיר פון אונזער פינין, עליאָהוס כאָווער, אָדער עפּשער גאָר פון ביבער דעם פעלשער, ווי אַזוי ער באַרימט זיך פאַר דער כאָליאַסטרע-עמיגראַנטן, האַקט אַזעלכע שקאָרים, אַז מ'קאָן בלייבן אָן אַ בויך לאַכנדיק.

מאָלט אייך, איצטיקס מאָל איז זי גערעכט געווען. מיר האָבן געמאַכט אַ גאַנצע קאָמעדיע פון איר מאַמע, ריוועלע די בעקערין מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע, וואָס מ'האָט ביי איר אַוועקגעגנבעט אַף דער גרעניץ. דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו!

מאָלט אייך, אַז מיין מאַמע קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטן און זאָגט צו איר:

— אוי, מכותעניסטע! ווען איך זאָל וועלן אַזוי פיל רעדן פון מיין בעטגעוואַנט, פון מיינע קישנס, וואָס מ'האָט ביי מיר צוגענומען אַף דער גרעניץ, ווי איר פון אייער רעטאָנדע!...

זאָגט ריוועלע די בעקערין מיט איר מאַנסבּילשער שטים:

— זאָגט כאָטש להבדיל.

זאָגט די מאַמע:

— ביי מיר איז דען גאַנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— גאַנייווישע נישט גאַנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

זאָגט איר די מאַמע:

— איך פֿאַרשטיי נישט, מכוטענעסטע, וואָס איז ביי אייך פֿאַר אַ לאָשן?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— וואָסער אַ גוט מאָרגן, אַזאַ גוט יאָר.

זאָגט איר די מאַמע:

— מכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגערירט אייער האָנאָר?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— ווער זאָגט דען אַז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר?

זאָגט איר די מאַמע:

— וואָס זשע זאָגט איר להאָוודל?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— פֿאַרשטייט זיך, להאָוודל! אַז איך רעד פֿון מיין רעטאַנדע, פֿאָרט איר מיר אַריין מיט אייער בעטגעוואַנט, מיט אייערע קישנס!

זאָגט איר די מאַמע:

— ביי מיר איז דען גאַנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— גאַנייווישע נישט גאַנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע און אָבער אַמאָל דאָס אייגענע! דאַרף מען טעאַטער?

ב.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר ביידע, דאָס הייסט, איך, מאָטל דער קליינער, און מיין כאַווער, מאָטל דער גרויסער, האָבן זיך דעם זעלבן אָפּדערנאָכט אַוועקגעזעצט און האָבן געמאַכט אַזאַ מין אָנשטעלן ווייסטו וואָס? איך וועל זיין ריוועלע די בעקערין און דו וועסט זיין די מאַמע דיינע און לאָמיר מאַכן די אייגענע שפּיל, וואָס זיי: נאָר וואָס דען? מיטן אייגענעם לאָשן און מיטן אייגענעם קאָל: איך וועל רעדן גראָב, ווי ריוועלע די בעקערין, און דו מיט אַ וויינענדיק קאָל, ווי די מאַמע דיינע.

און ביידע מאָטעלאַך האָבן זיך פֿאַרשטעלט: איינער האָט אָנגעטאָן אַ פּאַרוק, דער אַנדערער אַ פּאַטשיילע, צונויפֿגערופֿן כאַווערע: מענדל דעם באַרמיצווע יינגל, אונדזער מכוטנס טעכטערל אַלטע, גאָלדעלע מיט די קאַליע אויגן, און נאָך יינגלאַך מיט מיידלאַך פֿון דער כאַליאַסטרע־עמיגראַנטן, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט:

מאָטל דער קלײנער (מיט אַ װײנענדיק קול): אוי, מכותּעניסטע! װען איך זאָל װעלן אַזוי פֿיל רעדן פֿון מײַן בעטגעװאַנט און פֿון מײַנע קישנס, װאָס מ'האָט בײַ מיר צוגענומען אױף דער גרעניק, װי איר פֿון אײַער רעטאָנדע!...

מאָטל דער גרױסער (מיט אַ גראָבער שטים): זאָגט כאָטש להבֿדיל.

מאָטל דער קלײנער: בײַ מיר איז דען גאַנײַװישע קישנס?

מאָטל דער גרױסער: גאַנײַװישע נישט גאַנײַװישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

מאָטל דער קלײנער: איך פֿאַרשטײ נישט, מכותּעניסטע, װאָס איז בײַ אײַך פֿאַר אַ לשון?

מאָטל דער גרױסער: װאָס פֿאַר אַ גוט מאָרגן, אַזאַ גוט יאָר.

מאָטל דער קלײנער; מכותּעניסטע! מיט װאָס האָב איך אײַך אָנגערירט אײַער האָנאָר?

מאָטל דער גרױסער: װער זאָגט דען, אַז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר.

מאָטל דער קלײנער: װאָס זשע זאָגט איר להבֿדיל?

מאָטל דער גרױסער: פֿאַרשטײט זיך, להבֿדיל! אַז איך רעד פֿון מײַן רעטאָנדע, פֿאָרט איר אַרײַן מיט אײַער בעטגעװאַנט!

מאָטל דער קלײנער: בײַ מיר איז דען גאַנײַװישע קישנס?

מאָטל דער גרױסער: גאַנײַװישע נישט גאַנײַװישע, איך בין צוקאָפּנס...

ג.

גײ, רעכט זיך, אַז אַקוראַט אױפֿן װאָרט „צוקאָפּנס" װעט זיך עפֿענען די טיר און ס'װעלן זיך באַװײַזן געסט: מײַן שװעגערין בראָכע מיט איר מאַמען, ריװעלע דער בעקערין, מיט איר טאַטן יױנע דעם בעקער, מיט זײערע „באָנים"; מײַן מאַמע, אונזער ברודער עליאָהו, אונזער כאַװער פּיני מיט זײַן װײַב טײַבל, פּיבער דער פֿעלשער מיט די געלע צײן און נאָך ײדן און װײַבער — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע. דאָס ערשטע האָט מײַן שװעגערין בראָכע מיר צוגעשטעלט אַ בײנקעלע פֿאַר אַלעמען, אַז איך מאַך נאָך דער גאַנצער װעלט. זי האָט געװאָלט, אַז די גאַנצע װעלט זאָל זיך אין מיר נױקעם זײַן. די גאַנצע װעלט האָט זיך אָבער נישט געװאָלט נױקעם זײַן אין מיר. פֿאַר מיר איז געװען גענוג מײַן ברודער עליאָהו אַלײן. מײַן ברודער עליאָהו האָט אַ

טרוקענע האַנט מיט דאַרע פינגער, אַז ער וואַרפט אייך אויף אַ פּאַטש הײנט פאַרנאַכט, בלייבט ביי אייך אַ סימען אָף דער באַק ביז איבער־מאָרגן אינדערפרי.

„מ׳דאַרף אָט די צוויי מאָטלס צעשיידן!״—אַזוי האָט געפּאַסקענט בראָכע, און מיין ברודער עליאָהו האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז טאָמער דערזעהט ער אונז אין צווייען, מאַכט ער פון מיר אַ מאַטשינקע! איך וואָלט וועלן זעהן, ווי אַזוי ער וועט דאָס מאַכן פון מיר אַ מאַטשינקע? ער פאַרגעסט, אַז ס׳איז דאָ אַ מאַמע אָף דער וועלט, וואָס וועט גיכער לאָזן זיך אויסשטעכן די קאַליע אויגן, איידער דערלאָזן, מ׳זאָל פון מיר מאַכן אַ מאַטשינקע.

ד.

מיט דער מאַמעס אויגן איז נישט אין בעסטן, דאָס הייסט, נישט גוט, זעהר נישט גוט! מ׳זאָגט, אַז מע וועט נישט אַרויפלאָזן אָף דער שיף פאַר קיין מיליאָן אַפילע. מ׳דאַרף אַנטלויפן פון אַנטווערפּען. אין אַנטווערפּען זיינען דאָקטוירים רשאָים! זיי קוקן אין די אויגן אַריין ווי באַלד זיי געפינען ביי אייך אָף די אויגן „טראַכאָמעס״, אַזוי כאַפּט זיי אָוועק דער רואַך. נישטאָ ביי זיי נישט קיין קאָוועד, נישט קיין ראַכמאָנעס! מיר וועלן מוזן פאָרן קיין אַמעריקע דורך אַן אַנדער וועג. דורך וואַסער וועג. ווייסן מיר נאָך נישט. ס׳איז דאָ וועגן גענוג. האַלוואַי וואָלט נאָר געווען מיט וואָס צו פאָרן. ס׳איז אַ סוואָרע, אַז ביי מיין ברודער עליאָהו אין קעשענע כאַפּט שוין, דער גאַנצער מאַיאָנטעק פון אונזער האַלבער דירע איז ביי אונז אַוועק אָף די דאָקטוירים מיט די פעלשערס — אַלץ צוליב דער מאַמעס אויגן. איך האָב געכאַפּט אַ וואָרט פון מיין ברודער עליאָהו און פון זיין כאַווער פּיני: „האַלוואַי מיר זאָלן זיך כאָטש דערשלעפּן ביז לאָנדאָן...״ אוואַדע וואָלט איך בעסער וועלן גלייך קיין אַמעריקע, איידער קיין לאָנדאָן. אונזער שכיינע פעסי די גראָבע מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע איז שוין לאַנג אין אַמעריקע. זיי מאַכן שוין דאָרט אַ לעבן. „וואַשטי״ (הערשל מיט דער גאָליע) גייט שוין דאָרט אַרום שפּאַצירן מיט די הענט אין די קעשענעס איבער אַלע גאַסן און קנאַקט ניסלאַך. אונזערע מכוטאָנים, יוינע דער בעקער, ריוועלע די בעקערין מיט די „פּאָנים״ מיט מיין קאַלע אַלטען האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אָף מיין מאַמעס אויגן און זיינען אָוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אָן אונז. אוי, אוי, אוי, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם טאָג אין אַנטווערפּען! מיר האָבן נישט געלאָזט די מאַמע, זי זאָל זיין ביי דער שיף, וואָרן אַז זי וועט זיך דאַרפן געזעגענען מיט די מכוטאָנים, וועט זי וויינען און דערווייל פאַרגראָבן דאָס איבעריקע ביסל אויגן. וואָס האָבן מיר געפּויעלט? האָט

זי נאָך מער געוויינט. זי שווייגט, אַז מע עפֿנט צו בײַ איר דאָס איינ־ציקע שטיקל כייעס — כאָטש אויסוויינען זיך ווי צאָרעס, גרינגער מאַכן דאָס האַרץ!... גאָר ווער הערט זי?

ה.

ווייסט איר, ווער ס׳איז צופרידן מיטן אָפּפֿאָרן פֿון אונזערע מכוטאָנים? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפֿן — גאָלדעלע! אָט דאָס מיידל, וואָס מיט די קאַליע אויגן, וואָס די פֿאָטער און מוטער זיינען אין אַמעריקע שוין העכער אַ יאָר און זי זיצט דאָ, אין אַנטוועפּען, צוליב די אויגן. דערהערט, אַז אונזערע מכוטאָנים פֿאָרן אַוועק, האָט זי גע־וואָלט גיין טאַנצן. וואָס איז די מייסע? זי האָט פֿיינט אַלטען, אָט די, וואָס מ׳האָט זי מיר גערעדט אַמאָל פֿאַר אַ קאַלע. זי האָט זי פֿיינט פֿאַר איר גאַדלעס. גאָלדעלע האָט פֿיינט אַ מענטשן, וואָס בלאָזט פֿון זיך.

— דיין קאַלע מיט די רויטע צעפּלאַך קאָן איך נישט אָנקוקן: זי איז אַ גאַדלעגטע!

אַזוי זאָגט צו מיר איינמאָל גאָלדעלע אין דאָס פּנים אַרענס איר, ווי אַן אויוון.

— פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען בײַ אַלטען רויטע צעפּלאַך, אַז די האָט גאָר שוואַרצע?

אַזוי זאָג איך צו גאָלדעלען. ווערט זי נאָך מער אין כּעס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!...

גאָלדעלע, אַז זי איז בייז, דאַרף מען זי לאָזן צו רו, ביז עס גייט איר אָפּ דער כּעס. און אַז עס גייט איר אָפּ דער כּעס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאַקע גאָר ווי אַ שוועסטער. אַלצדינג דערציילט זי מיר: ווי אַזוי זי האָט געוווינט אויף דער סטאַנציע; קערט די שטובן, האָדעוועט די אינדיקעס, פּאַרוויגט די קינדער. היינט, דערציילט זי מיר, ווי אַזוי זי גייט צום דאָקטער אַלע טאָג זיך קו־רירן די אויגן; ווי אַזוי דער דאָקטער שמירט זי מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבעריקע קראַנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפֿט מיר אַן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט איך עפּשער קאָנען אַמאָל זעהן מיין טאַטע־מאַמע...

אַזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרערן אויף אירע קראַנקע אויגן. ס׳רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ, איך קאָן נישט הערן, ווי זי רעדט פֿון טאַטע־מאַמע, איך קאָן נישט זעהן, ווי זי וויינט.

איך זאָג צו איר:

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע? אָט פֿאָר איך קיין אַמעריקע, איך

וועל מאַכן דאָרט אַ לעבן. וועל איך דיר צושיקן פון דאָרט אַ בּלוי-שטיין.

— דו נאַרסט מיך נישט אָפּ? שווער מיר בּיי דיין הייליקע נע-עמאָנעס.

אַזוי זאָגט צו מיר גאָלדעלע און איך שווער איר בּיי מיין היי-ליקע נעעמאָנעס, אַז איך וועל זי נישט פאַרגעסן, אַז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל נאָר אָנהויבן מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע, אַזוי שיק איך איר בּאַלד אַרויס אַ בּלוישטיין.

ו.

איך ווייס שוין פאַר געוויס, אַז מיר פאָרן שאַבּעס אינדערפרי קיין לאָנדאָן. מיר גרייטן זיך שוין אין וועג אַריין. מיין מאַמע מיט מיין שוועגערין בּראָכע מיט אונזער כאַווער פּיניס ווייבּ טייבּל, גייען פּין איין סטאַנציע אין דער אַנדערער זיך געזעגענען מיט דער כאַ-ליאַסטרע עמיגראַנטן. נישט אַזוי דאָס געזעגענען, ווי אייסריידן זיך דאָס האַרץ פאַר מענטשן. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זיינען גאָר מאַ-נאַרכן קעגן אַנדערע עמיגראַנטן. ס'איז פאַראַן אין דער כאַליאַסטרע אַזעלכע מאָדנע שלימאַזלען, וואָס זיינען אונז מקנא. זייערע צאָרעס איז גאָר נישט איבּערצודערציילן. אַלע זיינען געווען אין דערהיים שיי-נע בּאַלעבּאַטים, אַלע האָבּן פאַרמאָגט אַל'דאָס גוטס. אַלע האָבּן געהאַט שטענדיק אַ טיש פאַר אָרימע לייט. אַלע ווינטשן זיך פאַרמאָגן, וואָס מענטשן האָבּן בּיי זיי צוגענומען, אַלע האָבּן געטאָן די שענסטע שי-דוכים. היינט זיינען זיי אַלע שלעפּערס. מאָדנע בּרואים! מיר האָבּן זיך שוין צוגעגעסן זייערע מייסעס. פריער, אַז איך פלעג הערן, מע דער-ציילט פון אַ פּאָגראָם, האָבּ איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. היינט, אַז איך דערהער דאָס וואָרט „פּאָגראָם״ — אַנטלויף איך. איך האָבּ בּע-סער ליבּ פריילעכע מייסעס. איז אָבּער נישטאָ ווער ס'זאָל דערציילן עפּעס פריילעכס. געווען איין פעלשער (פיבעו) אַ פריילעכער פאַרשוין, אפילע אַ געוויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אַמעריקע.

— ער האָקט דאָרט שקאָרים אָפּן פּידו! — אַזוי זאָגט אונזער כאַווער פּיני.

— מע וועט אים דאָרט לאַנג ניט לאָזן האַקן שקאָרים. האָבּ קיין מוירע נישט. אין אַמעריקע האָט מען פיינט „אַזעלכע״... אין אַמעריקע איז אַ ליגנער ערגער פון אַ משומעד!...

אַזוי זאָגט מיין בּרודער עליאָהו און בּראָכע פרעגט אים: פון וואַנען ווייסטו? — הויבּט זיך אָן בּיי אונז אַ כאַסענע: איך און פּיני האַלטן מיט עליאָהון, טייבּל האַלט מיט בּראָכען. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר.

מ י ר, מ אַ נ ס ב ל ע ן: אַמעריקע איז אַ לאַנד פון גאָלע עמעס!...

ז יי, ד י ו וײַ ב ע ר: אַמעריקע איז אַ מדינע פון סאַמע ליגנערס!...

מ י ר, מ אַ נ ס ב ל ע ן: אַמעריקע איז געבויט אַף עמעס, יושער און ראַכמאָנעס!...

ז יי, ד י ו וײַ ב ע ר: גנייווע, גזיילע, שאַרלאַטאַנעס!...

אַ גליק, וואָס סע מישט זיך אַרײַן די מאַמע, זי זאָגט:

— קינדערלעך, וואָס דאַרפט איר זיך קריגן איבער אַמעריקע, אַז מיר זײַנען נאָך אין אַנטווערפּען?

זי איז זעהר גערעכט, מיר זײַנען נאָך אין אַנטווערפּען. אָבער נישט אַף לאַנג. אָט-אָט פאָרן מיר אַוועק קיין לאָנדאָן. אַלע צעפאָרן זיך פון דאַנען, אַלע עמיגראַנטן, די גאַנצע כאַליאַסטרע!...

וואָס וועט זײַן מיט אַנטווערפּען?...

זיי געזונט, אַנטווערפּען!

א.

קיין שטאָט האָט מיר אַזוי נישט באַנק געטאָן אַוועקצואַוואַרפן, ווי די שטאָט אַנטווערפּען. און נישט אַזוי די שטאָט, ווי די מענטשן, און נישט אַזוי די מענטשן פון אַנטווערפּען, ווי די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן, און נישט אַזוי די כאַליאַסטרע אַליין, ווי מײַנע כאַווייריס און כאַווערטעס. אַ סאַך זײַנען זיך צעפאָרן פריער. „וואַשטי", „אַלטע", „מאָטל דער גרויסער"—די זײַנען שוין לאַנג אין אַמעריקע, מאַכן אַלע אַ לעבן. געבליבן איז נאָר מענדל דער באַרמיצווע-באָכער (בראָכע האָט אים געשיינקט אַ צובעמעניש „דער לאָשעק") און גאָלדעלע דאָס מיידל מיט די קאַליע אויגן איז געבליבן. ווײַטער קיינער נישט. וואָס וועט טון די „עזרא", די וואָס העלפט די עמיגראַנטן? וועמען וועט זי העלפן? עס טוט מיר באַנק אַנטווערפּען. איך וועל בענקען נאָך אַנטווערפּען. אַ וואוילע שטאָט, וואוילע מענטשן. אַלע האַנדלען מיט בריליאַנטן, אַלע טראָגן זיך אַרום מיט שטיינער. אַלע קענען די מלאָכע: שניידן, קליווען, שלייפן שטיינער. ווען איר באַגעגנט, איז ער אָדער אַ שטיין-שניידער, אָדער אַ קליווער, אָדער אַ שלײַפער. אַ סאַך ייִנגלאַך פון אונזער כאַליאַסטרע זײַנען דאָ פאַרבליבן, געוואָרן שטיין-שניידער. מיר זאָלן זיך אַזוי גיט רײַסן קיין אַמעריקע, וואָלט מען מיך אויך אַוועקגעגעבן צו דער אַרבעט, געמאַכט פון מיר אַ שטיין-שניידער. מײַן ברודער עליאָהו איז געפעלן די מלאָכע. אונזער כאַווער פינין אויך

זיי זאָלן זײַן, זאָגן זיי, אַ ביסעלע ייִנגער, וואָלטן זיי אַליין גענומען זיך צו דער אַרבעט—שלײַפֿן שטיינער. בראָכע לאַכט פֿון זיי, זי זאָגט, אַז שטיינער איז גוט צו טראָגן, נישט צו שלײַפֿן. טייבל איז אויך אַ באַפֿאַלן אַף צו אָנטאָן שטיינער. זיי גייען אַלע טאָג קוקן אין די פֿענ־סטער און קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פֿון די בריליאַנטן מיט די דימענטן וואָס וואַלגערן זיך אַזוי ווי מיסט. עס דרייט זיך אין דער קאָפּ. עס שימערירט זיי אין די אויגן, זיי זײַנען אויס מענטש. פּיני לאַכט פֿון זיי. ער זאָגט, אַז די אַלע שטיינער האָבן בײַ אים אַ פּאָנים פֿון כּוי־זיק און די, וואָס גיבן זיך אָפּ דערמיט, זעהען אויס בײַ אים ווי משוגאָים. איר מיינט, ער האָט נים געמאַכט אַף זיי קיין לידל?

ב.

מיר קוקן אַרויס אַף דער „עזרא" פֿאַר אונזער אַוועקפֿאָרן, זי זאָל אונז עפּעס העלפֿן. מיר גייען צו איר אַלע טאָג, מיר זײַנען דאָרט היימישע מענטשן. דאָס מיידל, וואָס שרײַבט אין בוך, די פֿריילן זייטשיק, קען אונז אַלע בײַ די נעמען. מיך האָט זי ליב, ווי אַ קינד. מיט דער מאַמע איז זי, ווי אַ שוועסטער. איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז אַפֿילע בראָכע זאָגט, אַז פֿריילן זייטשיק איז אַ ייִדיש מיידל מיט אַ ייִדישער נשאָמע. די גאַנצע כאַליאַסטרע עמיגראַנטן האָבן זיך פֿאַרליבט אין איר. און נאָר דערפֿאַר, וואָס זי רעדט צו זיי אַף ייִדיש, נישט אַף דייטש. ווייטער רעדן זיי אין אַנטווערפּען אַלע דייטש. כאָטש גיב זיי אַ קריינק! בראָכע טרײַבט אונז אינטער, מיר זאָלן שוין פֿאָרן קיין לאָנדאָן. ס'איז איר שוין נימעס געוואָרן דאָס אַנטווערפּען מיט זייער לאָשן, אַז וואו מע גייט און וואו מע שטייט הערט מען נאָר: בריליאַנטן! דימענטן! אַלע טראָגן זיך אַרום מיט פֿולע קעשענעס, מיט גאַנצע פּעק בריליאַנטן, עס זאָל זיך דאָס אַפֿילע צוקלעפּן צו אונז אַ בריליאַנטל! אַזוי זאָגט בראָכע און די אויגן אירע ברענען. איך ווייס נישט וואָס בראָכע איז אַזוי פֿאַרקאָכט אין דימענטן מיט בריליאַנטן. איך האָלט אייך אַוועק־געגעבן אַלע שטיינער פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַר איין קעסטל פֿאַרבן מיט אַ בערשטעלע אַף צו מאָלן. איך האָב אויסגעמאָלט אַ שיף נישט לאַנג מיט אַ שטיפֿטל אַף פּאַפּיר, אַ שיף מיט אַ כאַליאַסטרע עמיג־ראַנטן, קעפּ אַף קעפּ. איך האָב דאָס מאָלעכטס אַוועקגעשיינקט גאָל־דעלען, דעם מיידל, וואָס מיט די קאַליע אויגן. גאָלדעלע האָט דאָס געוויזן דער פֿריילין זייטשיק, יענע האָט דאָס באַוויזן אין דער „עזרא" פֿאַר דער גאַנצער וועלט. האָט דערזעהן אויך מײַן ברודער עליאָהו, האָב איך געהאַט פֿון אים. „מענטשעלאַך"! דו וועסט אויפֿהערן אַמאָל מאָלן מענטשעלאַך, צי ניין?"

ג.

היינט זיינען מיר געווען דאָס לעצטע מאָל ביי דער „עזרא״, וואָס מיר האָבן דאָרט געטאָן — ווייס איך נישט. מיין ברודער עליאָהו האָט עפּעס געטיינעט. פּיני האָט געמאַכט מיט די הענט. בראָכע האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן, די מאַמע האָט געוויינט, די, וואָס זיצן אין דער „עזרא״, האָבן עפּעס גערעדט צו אונז, געוויינטליך אויף דייטש. דריי זיינען דאָרטן געזעסן און אַלע דריי האָבן זיך פאַרהערט, ווער קען בעסער רעדן דייטש... פרעגט מיך בכיירעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן גערעדט? אַז מיין קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטן, אויף דער שיף, אויפן יאַם, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע, — און דאָ קומט צו לויפן גאָלדעלע אין איין אָטעם:

— דו פאָרסט שוין טאַקע?

— איך פאָר.

— ווען?

— מאָרגן.

— וואוהין?

— קיין לאָנדאָן.

— און פון דאָרטן?

— קיין אַמעריקע.

— און איך בלייב דאָ מיט מיינע קאַליע אויגן, און מיין טאַטע־מאַמע, — גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיי זעהן?

אַזוי זאָגט גאָלדעלע און וויינט מיר אָפּ דעם קאָפּ. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ. איך וויל זי טרייסטן. האָב איך נישט קיין ווערטער. איך קוק אויף איר און טראַכט מיר: ריבוינוי שעל אוילעם! וואָס האָסטו צו אָט דעם מיידל? וואָס האָט זי דיר געטאָן?״... איך נעם זי ביי דער האַנט, איך גלעט זי:

— וויין נישט, גאָלדעלע. אָט וועסטו זעהן, איך וועל קומען קיין אַמעריקע און וועל מאַכן אַ לעבן. איז דאָס ערשטע שיק איך דיר אַרויס אַ בלוי שטיינדל אויף צו שמירן די אויגן. נאָך דעם וועל איך דיר שיקן אַ שיפסקאַרטע, אַ האַלבע שיפסקאַרטע, ביזט דאָך נאָך ניט אַלט קיין צען יאָר. וועסטו קומען צו פאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט וועט אויף דיר וואַרטן אין „קעסטל־גאַרטל״ דיין טאַטע מיט דיין מאַמע, איך וועל אויך זיין אין „קעסטל־גאַרטל״. אַז דו וועסט צופאָרן מיט דער שיף קיין אַמעריקע, זאָלסטו קוקן אין „קעסטל־גאַרטל״ און זאָלסט מיך זוכן מיט די אויגן. איך וועל האַלטן אָט דאָס בלייַשטיפטל אין די הענט — זעהסטו? אַז דו וועסט דערזעהן אין אַמעריקע אַ יינגל מיט אָט אַזאַ בלייַשטיפטל — זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך, מאָטל פּייסיס. נאָכדעם, אַז דו וועסט אַראָפּ פון שיף, וועסטו זיך צעקושן מיט דיין טאַטע־מאַמע,

אַהיים וועסטו נישט גיין מיט זיי. דו וועסט זיי נאָר איבערגעבן די זאַכן דײַנע און בעסער גיין אָנקוקן מיט מיר אַמעריקע. איך וועל דיר ווײַזן גאַנץ אַמעריקע, מאַכמעס איך וועל דאָך שוין זײַן קלאָר אין דעם אַף אויסנווייניק, נאָך דעם וועל איך דיך בריינגען אַהיים צו דײַן טאַטע-מאַמע, וועסטו עסן מיט זיי וועטשערע, אַ פרישע יויך...

גאָלדעלע האָט ניט געוואָלט הערן ווײַטער. זי איז מיר געפאַלן אַפן האַלדז און געקושט מיך, איך זי אויך.

ד.

מיר גייען אַלע אַף דער סטאַנציע. דאָרט איז אַ מהומע, אַ טאַרעראַם. מ'דאַרף זיך פּאַקן. איך האָב ליב זען, ווי מע פּאַקט זיך. אַף פּאַקן זיך איז מײַן ברודער עליאָהו אַ בעריע. אַז עס קומט צו פּאַקן זיך, וואַרפט ער אַראָפּ די קאַפּאָטע און הויבט אָן קאָמאַנדעווען: „גיט אַהער דאָס קויטיקע גרעט!... מאַמע, דעם טשאַיניק!..: דאָס היטעלע, בראָכע, דאָס היטעלע, גיכער!... די קאַלאָשן, פּיני, די בלינדער יאַצקע, דו סליפּאַק אײנער, דו זעהסט נישט? אָט שטייען די קאַלאָשן בײַ דיר אונטער דער נאָז!... מאָטל, וואָס שטייסטו, ווי אַ לײמענער גוילעם? העלף עפּעס טון! ער ווייסט נאָר מאַלן מענטשעלאַך! מענטשעלאַך!...

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טו מיך אַ וואָרף און הויב אָן העלפן טראָגן און וואַרפן וואָס עס קומט מיר אין די הענט. ווערט מײַן ברודער עליאָהו אין כּעס, למאַי איך וואַרף און וויל מיך שלאָגן. שטעלט זיך אײַן פאַר מיר די מאַמע: „וואָס ווילסטו האָבן פונם קינד?... געפעלט נישט בראָכען, למאַי די מאַמע רופט מיך „קינד“ און צעקריגט זיך מיט דער מאַמען... דערמאָנט איר די מאַמע, אַז איך בין אַ יאָסעם און וויל אָנהויבן וויינען!... זאָגט איר עליאָהו: וויין, וויין! וויין אויס דאָס לעצטע ביסל אויגן!...

אָט באַלד פאַרלאָזן מיר אַנטוועראַפּען,
זײַ געזונט, אַנטוועראַפּען!

18.

לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו נישט?

א.

זינט איך לעב, בין נישט געווען אַף אַזאַ יאַריד, ווי אין לאָנדאָן. נישט אין לאָנדאָן איז אַ יאַריד, נאָר לאָנדאָן אַליין איז אַ יאַריד. סע קלאַפּט, און סע קלינגט, און סע פּייפט, און סע טראַסקעט, און מענטשן — מענטשן אַזוי ווי מאָן, אַזוי ווי מורעשקעס! פון וואָגן

נעמען זיך אַזוי פֿיל מענטשן און וואוהין לויפֿן זיי? אַפּאַנים, זיי זיינען
הונגעריק, אָדער זיי האַלטן ביי אָוועקפֿאָרן, אַ'נישט. וואָס דאַרף מען
זיך אַזוי שטופּן, שלאָגן זיך מיט די עלנבויגנס, אומוואַרפֿן אַ מענטשן
און טרעטן אים מיט די פֿיס? איך רעד פֿון פּינין. אונזער כאַווער פּיני,
אויב איר געדיינקט האָט אַ נידעריקע ריע. דערצו האָט, ער אַ טעווע, ער
האַלט דעם קאָפּ אַרויף און פּלאָנטעט מיט די פֿיס. אַ פֿאַרטראַגענער מאַ-
לאָך. דער קאָפּ פֿליט ביי אים. דעם ערשטן באָרוך-האַבאָ האָט ער גע-
כאַפּט אַף דעם באַן. מיר זיינען נאָר צרויסגעקראָכן פֿון וואָגן, האָט זיך
שוין געטראָפֿן אַן אומגליק. דער ערשטער איז אַרויסגעפֿלויגן פּיני, איין
הויז פֿאַרקאַטשעט, איין זאָק אַראָפּגעלאָזט, דאָס האַלדזטיכל פֿון יע-
נער זייט — אַזוי ווי טאָמיד. איך האָב נאָך פּינין קיינמאָל נישט גע-
זעהן אַזוי האָפּערדיק. ער האָט געבריענט, ווי אַף פֿאָקן. ס'איז אומעג-
ליך געווען אים איינצושטילן. עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט,
איז אונזער כאַווער פּיני שוין געלעגן אַף דער ערד און מענטשן האָבן
געשפּאַנט איבער אים, ווי מע שפּאַנט איבער אַ שייט האָלץ... אַ גליק,
וואָס זיין וויב טייבל האָט געמאַכט אַ גוואַלד: „פּיני, וואו ביזטו?“,
האָט זיך מיין ברודער עליאָהו געגעבן אַ וואָרף און האָט אים אַרויס-
געשלעפּט אַ צעקנייטשן, אַן אָפּגעבריאַקעוועטן, ווי אַן אַלטן קאַפּעליוש.
דאָס איז געווען נומער איינס. דעם צווייטן פּסאָק האָט ער געכאַפּט
דעם זעלבן טאָג אין שטאָט און דאַווקע אַף דער יידישער גאַס, וואָס
מע רופֿט זי מיט אַ מאָדנעם נאָמען, „ווייטשעפּל“, דאָרט וואו מע פֿאַר-
קויפֿט פֿיש און פֿלייש, סידורים, ציציס, עפּל, קוואַס, טאָרט מיט צוקער-
לעקאַך מיט אָנגעשניטענע שטיקלאַך הערינג. טאַלייסים, לימענעס, וואָלו-
טשקע, אייער, גילעזלאַך, טעפּ, קאַלאַשן, לאָקשן, בעזימער, פּייפֿלאַך,
פֿעפֿער, שטריק—פּונקט דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז, ס'זאָל פֿעלן אַ
אַ האָר. אַפֿילע וולאָטע, אויך ווי ביי אונז. מיר האָבן זיך דערפֿרייט,
אַז מיר האָבן דערזעהן דעם ווייטשעפּל. פּיני האָט זיך שוין צופֿיל דער-
פֿרייט. „באַרדיטשעוו!— האָט ער זיך צעשריגן — גוואַלד, יידישע
קינדער! מיר זיינען נישט אין לאָנדאָן, מיר זיינען אין באַרדיטשעוו!“
אַי, האָט ער געכאַפּט אַ באַרדיטשעוו! פֿון דעמאָלט אָן לאָזט אים טייבל
אַליין נישט גיין איבער לאָנדאָן אַפֿילע אַ טראָט. איך קוק אַף דער
ווייטשעפּל און טראַכט מיר: ריבוינוי שעל אוילעם, אַז אין לאָנדאָן איז
אַזוי, הייַנט וואָס קאָן שוין זיין אין אַמעריקע?!...

רעדט-זשע אָבער מיט בראָכען, זאָגט זי, אַז לאָנדאָן וואָלט גע-
מעגט פֿאַרברענט ווערן נאָך איידער מיר זיינען געקומען. פֿון דער ערש-
טער מינוט, וואָס מיר זיינען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מיין שווע-
גערין בראָכע געוואָרפֿן אַן אויג אויף דער שטאָט, טאַקאָנעס. ס'אי-
דען אַ שטאָט — זאָגט זי — ס'איז נישט קיין שטאָט, ס'איז אַ געגעם

עס וואָלט געמעגט קומען אַף איר אַ טרייפע נאָך פאַראיאָרן! אַזוי זאָגט בראָכע, און מיין ברודער עליאָהו פּרואווט זיך פאַרענטפערן די שטאָט זוכן מיילעס, נאָר עס העלפט אים, ווי אַ טויטן באַנקעס. בראָכע הערט נישט אויף צו שיטן פעך און שוועבל אַף דער שטאָט און ווינטשעווען זי זאָל אָפּברענען, קיין אַנדער שטראָף ווינטשט זי איר נישט, נאָר ברענען. פּיניס ווייב טייבל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „עפּשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבן און דאָס לאָנדאָן וועט זיין אונזער לעצטע אָפּקומעניש?" נאָר מיר אין דרייען: איך און עליאָהו און פּיני האַלטן פון לאָנדאָן אַן אוילעם אומלויע. אונז איז דאַווקע געפעלן אָט דער טומל, וואָס סע טומלט, מיט דעם קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַרט עס אונז, אַז סע קאָכט? לאָז קאָכן. אונז געפעלט נאָר נישט, וואָס מיר גייען אַרום אָן אַרבעט. מיר זוכן אַ קאָמיטעט און קאָנען ניט געפינען. וועמען מיר פרעגן, איז אָדער מע ווייסט נישט אָדער מע וויל נישט ענפערן, מ'האָט קיין צייט ניט, מע איז פאַרטראָגן! מע לויפט! מיר מוזן אָבער האָבן אַ קאָמיטעט, מיר קאָנען זיך אָן אַ קאָמיטעט נישט באַגיין. נישט מאַכמעס קיין זאַך, נאָר מאַכמעס דעם, וואָס מיר האָבן נישט מיט וואָס צו דערשלאָגן זיך קיין אַמעריקע. מיין ברודער עליאָהוס קעשענע האָט זיך אויסגעליידיקט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעליזט פאַר אונזער האַלבער דירע, איז אַוועק ווי אַ רויך. פּיני לאַכט פון עליאָהון: „וואָס וועסטו טון מיט דער קישענע?.." עליאָהו איז אין כּעס. ער האָט פיינט, אַז מע טרייבט קאַטאָוועס; ער איז פּונקט דער היפּעך פון זיין כאַווער פּיני. ער איז אַ פאַרוויינטע נשאָמע. פּיני רופט אים: דאָס פאַרזאָרגטע באַלעבאָסל... איך האָב פּינין ליב נאָר דערפאַר, וואָס ער איז טאָמיד פריילעך. זינט מיר זיינען געקומען קיין לאָנדאָן, איז ער נאָך געוואָרן פריילעכער.

ב.

איר ווייסט דאָך שוין, אַז מיר זוכן אַ קאָמיטעט אין לאָנדאָן. געפינען אין לאָנדאָן אַ קאָמיטעט איז פּונקט, ווי אין אַ וואָגן שטרוי אַ נאָדל, נאָר ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט: גייען מיר איינמאָל איבערן ווייטשעפּל. פאַרנאַכטליך איז דאָס געוועזן. דאָס הייסט, נישט פאַרנאַכט, נאָר ביי־טאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין ביי־טאָג, און נישט קיין אינדערפרי. אין לאָנדאָן איז שטענדיק פאַרנאַכט. באַגעגנט אונז אַ ייד מיט אַ קורץ ווייטיקל מיט אַ משוגעם קאַפּעליוש און מיט זוכנדיקע אויגן.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איר זיינט יידן...

אַזוי זאָגט צו אונז דער ייד מיטן קורצן ווייסיקל, און פיני ענפערט אים:

— קאָניעטשנאָ, נאָך וואָסערע יידן! פון יידן־לאַנד...

— ווילט איר, עפשער, פאַרדינען אַ מיצווע?

אַזוי מאַכט ווידער דער ייד, און פיני ענפערט אים:

— למאַשל נאַפּרימער?

— איך האָב יאָרצייט און קאָן נישט אוועקגיין פון דער היים. עס פעלט מיר אויס צו אַ מיניען, נאָך אַ פּאָר מענטשן צו אַ מיניען... דאָס באָכערל איז שוין באַרמיצווע, צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דאַווקע געפעלן, וואָס ער רופט מיך באָכערל און מיינט, אַז איך בין שוין באַרמיצווע.

אַרויפגעדראַפּעט זיך מיט אים אין דער פינסטער אַף די טרעפּ, זיינען מיר אַריין אין אַ פינסטער כיידערל, אָנגעפּאַקט מיט קליינע פאַרמורזעטע קינדער און אָנגעפולט מיט געדיכטן ריאַך פון געפרייטע פיש. קיין מיניען איז נאָך נישט געווען, ס'האָבן נאָך געפעלט זיבן. דער ייד האָט אונז געבעטן זיצן און אליין האָט ער געגעבן אַ שפרונג אַף דער גאַס, טאָמער וועט ער כאַפּן נאָך אַ צוויי יידן. ער האָט געגעבן עטליכע שפרינג, ביז ער האָט צונויפגעשלאָגן אַ מיניען. איך האָב מיך דערווייל באַקענט מיט די פאַרמורזעטע קינדערלאַך און געכאַפּט אַ קוק אין אויוון. דאָרט האָבן זיך „געפרייט" פיש. ביי אונז אין דער היים זאָגט מען געפּרעגלט. דאָ דאַרף מען זאָגן „געפרייט". איך ווייס נישט, פאַרוואָס? עפשער דערפאַר, ווייל ס'איז אַ פריי לאַנד, הייסט דאָס געפרייטע פיש? עפשער דערפאַר, ווייל די פיש פרייען זיך בשעת מע פּרעגלט זיי? סיי־ווי־סיי זיינען געפרייטע פיש גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי מיין שווּגערין בראָכע מאַכט דעם אָנשטעל. ווען מע גיט מיר איצט אַ שטיקל געפרייטע פיש, וואָלט איך זיך מכייע געווען. איך מיין, אַז בראָכע אַליין וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן אַלע אַ גאַנצן טאָג קימאַט געפאַסט. מיר לעבן שוין עטליכע טעג מיט אַ שטיקל הערינג און מיט רעטאַך. אין ווייטשעפּל קריגט איר גוטע שוואַרצע רעטאַכער. דער ייד וואָלט געטאָן אַ סייכל, ווען ער בעט אונז, מיר זאָלן בלייבן מיט אים עפּעס נעמען אין מויל אַריין. אָפּאָנים ער הייבט נישט אָן צו פילן, אַז מיר ווילן עסן. פון וואַנען ווייס איך דאָס? מאַכמעס באַלד ווי מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מינכע און ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם קאַדיש, האָט ער אונז באַלד אָפּגעדאַנקט פאַר דער טירכע און האָט אונז געזאָגט, אַז מיר קאָנען גיין. מיין ברודער עליאָהו האָט אָבער געוואָלט האָבן דורך אים אַ שטיקל טויווע. האָט ער געמאַכט אַ שמועס מיט אים וועגן קאָמיטעט און געכאַפּט אַ קוק בשאַס

מייסע אָף די געפרייסטע פיש און געגעבן אַ שלונג אַראָפּ. דער ייד האָט מיט איין האַנט געהאַלטן ביי דער קליאַמקע פון דער טיר, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אונז דערציילט פונם קאָמיטעט עפּעס זעהר ניט קיין פריילעכע מייסעס. ערשטענס, האָט דער ייד געזאָגט, אַז עס הויבט זיך גאָרנישט אָן, גאָר נישטאָ קיין קאָמיטעט, דאָס הייסט, ס'איז דאָ אַ קאָמיטעט, עטליכע קאָמיטעטן, נאָר די לאָנדאָנער קאָמיטעטן גיבן ניט אַזוי גיך קיין געלט. אויב איר ווילט באַהילפיק זיין פון אַ לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איר טרייער זיך גוט אָנלויפן, ברענגען פאַפּירן און איידעס, אַז איר זיינט אַן עמיגראַנט און פאָרט קיין אַמעריקע. מחמת ס'איז דאָ אַ סאַך עמיגראַנטן, וואָס זאָגן נאָר, אַז זיי פאָרן קיין אַמעריקע. נאָכדעם, אַז איר ברענגט שוין אַלצדינג, קאָן מען אייך אין קאָמיטעט געבן צו שטייער נאָר אָף צוריקוועגס, דאָס הייסט, איר זאָלט פאָרן צוריק אַהיים. מחמת די לאָנדאָנער קאָמיטעטן האַלטן ניט פון אַמעריקע. דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז מיין ברודער אליהו בא̈לד געוואָרן אין כּעס (איר ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ כּעסן) און פיני איז דאָך אַוואַדע אַהיציקער פאַרשוין, האָט ער אָנגעהויבן צו פייערן אָף זיין לשון:

— קאַק מאָזשנאָ? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? ווי האָבן זיי דאָס רעכט אונז הייסן פאָרן צוריק? קאַק אים ניע סטידנאָ? ווי שעמען זיי זיך נישט, אין אַ לאַנד פון ציוויליזאַציע?

שלאָגט אים איבער דער ייד פונם מיניען, האַלט אָפן די טיר און זאָגט צו אים:

— רעד אַהער, רעד אַהין! אָט האָב איך אייך געגעבן אַן אַדרעס פון אַ קאָמיטעט, פאָרט זיך דורך אַליין צום קאָמיטעט, וועט איר זעהן, אַז ס'איז אָל'רייט.

ג.

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פריילעך, ווי אין אַלע קאָמיטעטן: אין הויף וואַלגערן זיך עמיגראַנטן אַזוי ווי מיסט, און אינעווייניק, אין שטוב, זיצן מענטשן און רייכערן ציגאַרן און זאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע אָל'רייט. דער כּילעק איז, וואָס די דייטשישע קאָמיטעטשיקעס טראָגן די וואָנסן פאַרדרייט אַרויף און רעדן אָף דייטש, און די לאָנדאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבן אָפּגעגאָלט די בערד מיט די וואָנסן אינגאַנצן און רעדן: „אָל'רייט", אַ טעאַטער מיט זיי. די מאַנסבלען גייען געגאָלט און די ווייבער טראָגן אַלע פאַרוקן אָף די קעפּ, און נישט נאָר די ווייבער, אַפילו די מיידלאַך טראָגן צוגעקלעפּטע האָר מיט אויסגעגרייזלטע בוקלעס. האָבן אַלע גרויסע [illegible]

אַז סע שלאָגט צו דער גאַל. פונדעסטוועגן לאַכן זיי פון אונז אין די אויגן, טײַטן מיט די פינגער, און קוויטשען אַזוי, אַז ס'איז אַ ביזוי'ע פאַר לײַטן. צוויי מיידלאַך האָבן אונז אָפגעשטעלט אין מיטן גאַס און האָבן זיך צוגעטשעפעט צו מײַן ברודער עליאָהו, ער זאָל גיין אין „באַרבאַרשאָפּ“. פריער האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. איצט ווייסן מיר שוין: גיין אין „באַרבאַרשאָפּ“ הייסט אָפּשערן זיך און אָפּגאָלן זיך. מאָדנע ברואים. א לאַנד איז דאָס זעהר אַ וואוילס, זאָגט בראָכע, נאָר עס וויל נישט ברענען!

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז ס'וועט ברענען?

אַזוי פרעגט בײַ איר מײַן ברודער עליאָהו און כאַפּט פון איר אַ מיעסן פּסאָק; בראָכע, אַז זי וויל, קאָן זי, אַמאָל מאַכט זיך, זי זאָל אייך שווייגן, נישט רעדן אַ וואָרט צו קיינעם, און אַמאָל עפנט זיך אויף בײַ איר אַ קוואַל פון ווערטער, איז אָדער פאַרשטעלן זיך די אויערן מיט וואַטע, אָדער לויפן אין דער וועלט אַריין. איך גיב אייך איבער אירע רייד וואָרט בײַ וואָרט:

— וואָס שטעלסטו זיך אַזוי איין פאַר דעם געבענטשטן לאָנדאָן מיטן שוואַרצן הימל, מיט די געגאָלטע מאָרדעס, מיט דעם שיינעם ווייטשעפּל, מיט די געפּרייטע פיש, מיט די יידן, וואָס האָבן יאָרצייט און זשאַלעווען אַ טרונק וואַסער? אַזאַ שטאָט מוז ברענען!

אַזוי זאָגט בראָכע אין איין אָטעם און לאָזט אויס מיט צונויפגעלייגטע הענט:

„לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו נישט?!...“

ריבוינוי שעל אוילעם! ווען וועלן מיר שוין זיין אין אמעריקע?...

.19

די וואַסערשטוב.

א.

אַ מוירעדיק גרויסע שטוב, אַזוי גרויס קימאַט ווי בײַ אונז צען שטיבער, אָדער, עפשער, נאָך מער.

און ווײַס איז זי, די שטוב, ווייס ווי מילך, מיט קלייניטשקע פענסטערלאַך אַ סאַך. די פענסטערלאַך זיינען קיילעכיק, פון ריינעם קרישטאָל און מיט רויטן באַצוויקלט.

און קוימענס האָט די שטוב צוויי גרויסע, הויכע, ברייטע, שוואַרצע קוימענס, וואָס פּייפן אַזוי שטאַרק, אַז פון איין פייף אַ גוטן, קאָנט איר פאַלן כאַלאַשעס.

און שטיין שטייט די שטוב אָפן וואַסער. אַ וואַסערשטוב.

דאָס הייסט ניט זי שטייט, נאָר זי גייט. גיך-גיך גייט זי, — זי לויפט קימאַט. זי שניידט די כוואַליעס אַף צווייען און גליטשט זיך, גליטשט זיך אַפן וואסער. זי הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ — און מיר פאָרן, מיר פאָרן קיין אַמעריקע!

ניט מיר אַליין פאָרן קיין אַמעריקע, מיט אונז פאָרן נאָך אַ סאַך, אַ סאַך יידן און ווייבער, מיט קינדער און אָן קינדער.

און אין איין שטאָט אַריין. איך ווייס אַפילע ווי אַזוי זי הייסט. „נעיאָרק" הייסט די שטאָט. אַ גרויסע שטאָט! נאָך גרעסער פון ווין. און אַ יידישע שטאָט. אַ שטאָט פון סאַמע יידן און רעדן רעדט מען דאָרט, ווי מ'רעדט ביי אונז. ווי אַלע מענטשן רעדן.

מ'רעדט אַף יידיש.

— דאַנקען און לויבן יאָסקע דעם טויבן! מע'ט פאַרשפּאָרן זיך ברעכן די צונג, ווי מ'האָט זיך געבראָכן אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבערג, און ווין און אין אַנטווערפּען, און אינם שיינעם לאָנדאָן, וואָס וואָלט שוין פון לאַנג געמעגט ברענען אַפן פייער, אוביפראַט איצט, אַז מיר זיינען שוין דאָרט נישטאָ.

אַזוי זאָגט בראָכע, מיטן ברודער עליאָהוס ווייב, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אומכיין אַף אַלע שטעט און מער פון אַלץ אַף לאָנדאָן

ב.

איצט ווייס איך פאַר געוויס, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע, אַפילע בראָכע, מיין ברודער עליאָהוס ווייב, איז מוידע, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. ביז אַהער האָט זי זיך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן: „מיר פאָרן און פאָרן און שטייען אַף איין אָרט".

נאָר איר מיינט, אַז איצט איז זי שוין צופרידן? ווער-וואָס! בראָכע איז קיינמאָל ניט צופרידן. זי וויל נאָר וויסן איין זאַך: ווער איז דער שלימאַזל, וואס האָט דאָס אויסגעטראכט אָט די דאָזיקע מדינע?

— עס וואָלט אים געמעגט — זאָגט זי — אַרויסוואַרפן און פּינין אַריינוואַרפן!

דאָס מיינט זי אונזער כאַווער פּינין, וואָס פאָרט מיט אונז קיין אַמעריקע.

וואָס האָט זי צו אים? ווייל ער איז, — זאָגט זי — דער גאַנצער כאַיאָוו, ווען ניט ער, וואָלטן מיר איצטער, זאָגט זי, געזעסן אין דער-היים, ווי אַלע יידן, און וואָלטן זיך ניט געשלעפּט איבער יאַמים און מידבאָריעס און היסטעניש.

ער, פּיני הייסט עס, האָט אַרויפגעפירט. זאָגט זי, מיין ברודער

עליאָהון אַף אַ גליטש — מיר זאָלן פאַרקויפן אונזער האַלבע שטוב און פאָרן קיין „אַמעריקע"

ג.

„מאַלעריקע" — אַזוי רופט דאָס אָן מײַן שווענערין בראָכע אַלע מאָל, ווען זי איז אין כּעס.

און אין כּעס איז זי אָפט. קימאַט ניטאָ דער טאָג, וואָס בראָכע זאָל ניט זײַן אין כּעס.

אַ גליק, וואָס מײַן ברודער עליאָהו הערט זי ווי דעם קאָטער, און אונזער כאַווער פיניע — דער לאַכט זיך גאָר אויס פון איר מאַמע. איר געדיינקט זאָך, מיסטאָמע, אונזער כאַווער פיניק אים, אַז מע דערעסט אים שטאַרק, מאַכט ער אײַן באַלד אַף יענעם אַ לידל — און יז אים עפּעס.

אַנומעלטן, האָט ער געמאַכט אַף איר, טאַקע אַף מײַן שווענערין, הייסט עס, אַ לידל — איז זי שיר ניט צעוועצט געוואָרן פאַר בייזיעקן. אָט אַזוי הויבט זיך אָן דאָס לידל:

„איך האָב אַ כאַווער מהוירער עלי—
פאַשערט אַ מענטשן אַ האַצלאָכע!
האָט ער אַ ווײַב ביז דער סטעלי,
אַ שלאַק פוראַניס מאַראַס בראָכע,
קײַן אַין האָרע ניט, אַ גראָבע,
און אַ ברייטע, אַן אָסאָבע..."

ווײַטער געדיינק איך נישט. איך געדיינק נאָר, אַז בראָכע איז אוש געווען בלאָוו פאַר כּעס. דעם כּעס האָט זי אויסגעלאָזט צו מײַן ברודער עליאָהון.

דערנאָך האָט זי זיך געוואָלט נויקעם זײַן אין מיר. האָט זיך די מאַמע אָנגענומען מײַן קריוודע. האָט איר בראָכע געזאָגט אַ גראָב וואָרט, אויסגעוואָרפן דעם טאַטן דעם כאַזן. האָט זיך די מאַמע צע-וויינט. האָט זיך עליאָהו צעשריגן אַף איר, אַז זי מאַכט אונז אומגליק-לעך, מיר זײַנען נאָך ניט סאַרטיק, זאָגט ער, וואָרן, אַז מיר וועלן אַרײַנקומען קיין אַמעריקע בשאָלעם, וועלן מיר עושט דעמאָלט באַ-דאַרפן, זאָגט ער, נאָך אַמאָל באַווייזן, אַז מיר האָבן, זאָגט ער, גע-זונטע אויגן.

נאָר איך האָב מיך אַ ביסל פאַררעדט און האָב שיר פאַרגעסן, אַז איך האָב אײַך נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן דער וואַסערשטוב.

אָך, ווי שיין דאָס איז! אָך, ווי גרויס! און אָך, ווי גוט מיר איז!

אַ קייסער, זאָגט מען, איז גוט. מיר — איז בעסער. דאָ בין איך באַלעבאָס: איך און דער קאַפּיטאַן — אַ מענטש אַ גיבער. גאָלדענע קנעפּ מיט גאָלדענע „פּאָלעטן“, און וואָנסן מוירעדיקע. גראָבע, גרעבער, ווי בערד. און מיטן אויסגעגאָלט. אויגן — מכּייעדיקע, זיי שמייכלען ביי אים שטענדיק, אַפילע דעמאָלט, ווען ער בייזערט זיך. אַ דימענט פון אַ קאַפּיטאַן! איך האָב אים ליב — סאָקאָנעט! איך האָב אים אָפּגעמאָלט מיט אַ בלייערל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, ווי ער שטייט און גייט. אַפילע מיט די וואָנסן. נאָר איך האָב עס צעריסן — עליאָהו זאָל ניט דערזעהן, ער האָט פייַנט מענטשעלאַך.

עליאָהו זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף קאָנען שווימען ווי אַ פיש. און אונזער כאַווער פּיני לאַכט פון אים. פּיני זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף ניט קאָנען שווימען. שווימען דאַרפן נאָר מאַטראָסן. אַ קאַפּיטאַן, זאָגט פּיני, באַדאַרף זיין קלאָר אין דער געאָגראַפיע, ווי אַ ייד אין אשריי. אים דאַרף זיין, זאָגט ער, קלאָר דער יאַם, אַזוי ווי אונז די יאַבאַשע. ער איז מכויעוו, זאָגט ער, צו וויסן, וויפל דער יאַם האַלט אין דער לייַנג און אין דער ברייט און אין דער טיף. זאָגט אים מיין ברודער עליאָהו: מיילע, די לייַנג און די ברייט קאָן מען נאָך ווי עס איז אויסמעסטן מיט אַן אַרשין. וואָס וועסטו אָבער טון מיט דער טיף? זאָגט אים פּיני: „ביזט אַ בהיימעו“ זאָגט אים עליאָהו: „ביזט אַליין אַ פערד, למאַי זידעלסטו זיך?“ זאָגט אים פּיני: „ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט זידלען, אַז דו הויבסט ניט אָן צו וויסן, זאָגט ער, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. אָט נעם, זאָגט ער, למאָשל, די שטערן אין הימל, נו, ווייסט מען ניט וויפל שטערן ס׳איז פאַראַן? און מע קאָן דען ניט, זאָגט ער, אויסרעכענען אַלע ביי די נעמען?“ זאָגט אים עליאָהו: „איכ׳ל דיר זאָגן דעם עמעס — איך בין אויפן הימל נאָך קיינמאָל ניט געווען, און אויפן יאַם פאָר איך און זעה אַרויס, אַז ער האָט קיין גרונט ניט“. זאָגט אים פּיני: „נאַרעלע, נישט נאָר אַ גרונט, מע קאָן דיר אויסרעכענען אַפילע וויפל טראָפּן וואַסער געפינט זיך אין יאַם אַרום און אַרום“. פרעגט אים עליאָהו שוין מיט אַ געלעכטער: „כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דו וועסט עס אויסרעכענען? סיידן עפשער דיין פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפן...“

פאַרדריסט עס שוין פּינין, נאָר ער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק. פאַר אים שטעלט זיך איין זיין ווייב טייבל. איר קענט זי. איך האָב שוין וויפל מאָל גערעדט פון איר. איך האָב זי ליב. זי איז אַ קלייביטשקע און אַ שטיפינקע, נאָר זי האָט אַ מעווע — טאָמער רירט מען אָן איר פּינין, איז כוישעך! האָט זי אָפּגעשפּילט מיין ברודער עליאָהון אַ ווירוועם.

זי האָט אים ניט געזאָגט גאָרניט. זי האָט איס נאָר אַ פרעג געגעבן: „מיט וואָס איז אַ בייגלבעקער שענער פון אַ זייגערמאַכער?"

דאָס איז געווען אַ שטאָך אונז אַלעמען אַף אונזער מכותן יוינע דעם בעקער.

אַוואָדע האָט דאָס אָנגערירט בראָכען מער ווי אונז אַלעמען. יוינע דער בעקער — דאָס איז דאָך איר טאַטע, ווען זי שווייגן? אַ גליק, וואָס די מאַמע איז דערביי געזעסן, האָט זי זיי קוים-קוים צעניטען!

נאָר איך האָב שוין מיך ווידער פאַררעדט און פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן ביי דער וואַסערשטוב.

ה.

גוט איז נאָר אונז! מיר און דעם קאַפיטאַן, מיר ביידע האָבן צו שאַפן דאָ אַף אַלצדינג. ער, דער קאַפיטאַן, הייסט עס. דאָרט אויבן ביי די קוימענס, און איך, מאָטל פייסי דעם כאַזנס יינגל, דאָ אַף דער צווישן-דעק.

אַף אונז ביידן שטייט די גאַנצע וואַסערשטוב. די שטוב מיט אירע אַלע קליינע שטיבעלאַך מיט דער גאַנצער מאַשינעריע, וואָס קלאַפט און טראַסקעט און הודעט און פייפט און קרעכצט.

איטליכער האָט זיך זיין אַרבעט. דער קאַפיטאַן אויבן טוט גאָר-ניט. ער שטייט נאָר און רעדט דורך אַ רער צו די מאַטראָסן. און די מאַטראָסן—אָנגעטאָן אין לאַמפּאַסנדיקע לייבלאַך מיט קיילעכיקע היט-לאַך—פּיניס מיט דער נשאָמע. וואָס מ'הייסט זיי, דאָס טוען זיי. מ'הייסט זיי לויפן אהין—לויפן זיי אַהין. מ'זאָל זיי הייסן שפּרינגען אין וואַסער—וואָלטן זיי אויך געשפּרונגען אין וואַסער.

איר האָט געדאַרפט זעהן זייער אַרבעט גאָר אין אָנהויב, ביים ברעג, איידער די וואַסערשטוב דאָט גערירט פון אָרט. וויי-וויי! ווי די רוכעס, ווי די מאַלאַכיי-כאַבאָלע — אַזוי האָבן זיי געאַרבעט.

קוידעם קאָל האָבן מיר באַדאַרפט דורכלאָזן די זאַכן. אַלעמענס פּעקלאַך, אַלעמענס קאַסטנס און אַלעמענס בעטגעוואַנט. „באַגאַזש" ווערט עס אָנגערופן, עפּשער צען טויזנט שטיק באַגאַזש און עפּשער מער.

און דאָס אַלצדינג האָט מען באַדאַרפט אַרויפפּעקלען אַרויף אַף דער שיף. אַ גוטע אַרבעט? איר מיינט מיט די הענט? כאָס וכאָלילע! וואו ווען איר נעמען אַזוי פיל הענט? ס'איז פאַראַן אַ בעסערע אייצע.

אַן עלפאַנט האָט איר אַמאָל געזעהן? אַן עלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל? נו, איז פאַראַן אַזאַ מאַשין, אַ גרויסע מאַשין, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַן עלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל. אָט הויבט זיך אויף דער שנאָבל, דרייט זיך, קלוימערשט, שלעפעריק אַף אַ זייט,

לאָזט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע. און אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, טוט ער מיט אַמאָל אַ כאַפּ אויף צען-צוואַנציק-דרײַסיק קאַסטנס און קעסטלאַך, דרייט זיך אויס צוריק אַרויף און לאָזט זיי אַראָפּ אַף דער שיף.

דערנאָך נאָך אַמאָל זיך אויפגעהויבן, נאָך אַמאָל זיך אויסגעדרייט, אַ כאַפּ די קאַסטנס מיט די קעסטלאַך און ווידער אַף דער שיף.

אָט אַזוי האָבן מיר ביסלאַכווײַז אַריבערגעפּעקלט דעם גאַנצן באַגאַזש. מיר ביידע, איך און דער קאַפּיטאַן, זײַנען ניט אָפּגעטראָטן ביזן סאָף.

דערנאָך האָט זיך בײַ אונז ערשט אָנגעהויבן די רעכטע אַרבעט. גיי ריר אַזאַ מאַשינע פֿון אָרט! אײַ-אײַ, וואָס מיר האָבן צעאַרבעט! דער קאַפּיטאַן איז ניט אָפּגעטראָטן פֿונם טרײַבל. די מאַטראָסן זײַנען אַרומגעלאָפֿן, ווי די משוגעים. און איך בין אַף דער צווישן-דעק. די הענט האַלט איך אין די קעשענעס און גיב אַכטונג אַף דער אַרבעט, ווי די וואַסערשטוב רירט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און גיכער. און איך קוק אַראָפּ אין יאַם אַרײַן, און איך מיין, אַז מײַן ברודער עליהו איז גערעכט:

דער יאם האָט ניט קיין גרונט.

ו.

זינט איך לעב, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פֿיל מענטשן, איך מיין אַזוי פֿיל ייִדן, ווי דאָ, בײַ אונז אין וואַסערשטוב, אַף דער צווישן-דעק.

— קיין עין הרע! קײַן בייז אויג! — זאָגט די מאַמע און טרערן שטייען איר אין די אויגן.

אַ סאַך פֿון זיי האָבן מיך דערקענט. און אַ סאַך האָב איך דערקענט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי געזען — איך געדיינק שוין ניט וואו: צי אין קראָקע, צי אין לעמבערג? צי אין ווין בײַם „אַליאַנץ" צי אין אַנטווערפּען בײַ דער „עזרא"? מע באַדאַרף אַ פֿרעג טון בײַ דער מאַמע. זי קער וויסן. נאָר איך וועל נאָך צײַט האָבן שפּעטער. דערווײַל דאַרף מען פֿאָרן. האָב איך מיך אוועקגעזעצט אַף אַן אײַזערנער טומבע רײַטנדיק און קוק גאָר אין הימל אַרײַן.

איך ווייס ניט, צי איז דאָס הימל, צי איז דאָס וואַסער? אָט איז עס, דאַכט זיך, הימל און אָט איז עס וואַסער און אָט איז דאָס שוין ווידער הימל. און די וואַסערשטוב מיט אַלע מענטשן און מיט אַלע זאַכן הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און מיר פֿאָרן. מיר פֿאָרן — קײַן אַמעריקע!

האָב איך אָבער פֿײַנט זיצן לײדיק. שטײ איך אויף און לאָז מיך באַטראַכטן די וואָסערשטוב פֿון אַלע זײַטן. זעה איך מענטשן אין רויטע זשילעטן אָנגעטאָן און מיט באָרדענע קנעפּ.

די דאָזיקע מענטשן זײַנען געשטעלט געוואָרן אָף צו באַדינען אונז. זיי הייסן דאָ אַ מאָדנעם נאָמען „סטיו-וואָרטס" רופט מען זיי. און זייער אַרבעט איז: זיי טראָגן אַרום אין גרויסע בעקנס קאָלערליי פֿײַנע עסנוואַרג און פֿלעשלאַך מיט משקה און סיפאָנעס מיט זעלצער-וואַסער און מיט לימאָנאַדע.

איך האָב ליב לימאָנאַדע דאָס מײַסטן אין לאָנדאָן האָב איך מיך באַקענט מיט דער דאָזיקער משקה. דאָרטן רופט מען דאָס „לעמאָנייד". דאָס זיי מײַן שוועגערין בראָכע אויסגעלאַכט מיט זייער לאָשן. אַז „פּײַף" איז בײַ זיי פֿינף, אַ קאָפּיקע איז אַ „פּעני", „טיימס" איז צײַט און לימאָנאַדע איז גאַר „לעמאָנייד" — מעג עס ניט ברענגען אָפּן פֿײַער?

אַזוי זאָגט בראָכע און איך זאָג: לאָז זײַן לימאָנאַדע, לאָז זײַן לע-מאָנייד, אַבי ס'איז גוט. ס'איז גוט און עס שטשיפּלט בײַ דער צונג.

אײַן כיסאָרן האָט עס. מ'באַדאַרף דערפֿאַר צאָלן. און צאָלן איז מײַן ברודער עליאָהו (ער איז דאָך דער קאַסירער) קײַן באַאַלן ניט. ער זאָגט, אַז אַ שיפֿסקאַרטע איז שוין מיט אַלעמען. מיט עסן און מיט טרינקען און מיט אַלצדינג.

אָך, וואָס מאַר אַן עסן, וואָס פֿאַר אַ טרינקען מע גיט אונז דאָ! דרײַ מאָל אַ טאָג. פֿיר מאָל אַ טאָג. פֿינף מאָל אַ טאָג. עס האָט גאָר קיין שיעור ניט און צום מײַנסטן עסן מיר דאָ „פּעטייטעס".

איך זעה אָבער, איר ווייסט ניט, וואָס הייסט עס „פּעטייטעס". וואָס איז דאָס? און מיט וואָס עסט מען דאָס?

עסן עסט מען דאָס מיט ברויט און מיט געבראָטענע הערינג, און אַ טאַם האָט עס פֿון קאַרטאָפֿלעס.

דאָס הייסט, ס'איז טאַקע אונזערע קאַרטאָפֿלעס, נאָר דאָ הייסט עס „פּעטיימעס".

מײַן שוועגערין בראָכע זאָגט אַפֿילע, זי זאָל האָבן די בראָכעס, וואָס אונזערע קאַרטאָפֿלעס זײַנען בעסער און זיסער און געשמאַקער. ווער האָרכט זי, וואָס זי זאָגט? אַפּנים, ס'איז דען פֿאַראַן אַ זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל איר געפֿעלן?

איך האָב מוירע, אַז זי וועט קומען קיין אַמעריקע, זאָל איר אַמעריקע, כאָלילע, אויך ניט געפֿעלן.

וואָס דאַרפֿט איר מער — אַז אַפֿילע די וואָסערשטוב, וואָס מיר פֿאָרן אָף איר, זאָגט זי אָף איר אויך אַ כיסאָרן. איך זאָל האָבן די בראָכעס — זאָגט זי — וואָס בײַ אונזער לײַזערן אין בויד איז בע-

סערו דאָרטן, זאָגט זי, אַז מע פאָרט, פאָרט מען. און דאָ שלעפט מען זיך און מע שלעפט זיך און ס'נודעט אַרויס די נשאָמע. דער מאַמעס מילך, זאָגט זי, האָב איך זיי שוין אָוועקגעגעבן!...

ז.

דאָס מיינט זי די קריינק, וואָס מיר האָבן געקריינקט דעם ערשטן טאָג פון אונזער נסיע אפן יאַם. ס'איז געווען אַ שטורימווינט און ס'האָט געוואָרפן אונזער וואַסערשטוב העכער הייזער. איז אונז אַלעמען גע-וואָרן נישט גוט אף צו כאַלעשן. אַ סאַך האָבן טאַקע געכאַלעשט. ער-גער ווי געכאַלעשט. געווען קימאַט ווי געשטאָרבענע. טייבל, פיניס ווייב, האָט מען געראַטעוועט מיט הייסע האַנטיכער, די מאַמע האָט געבעטן אף זיך דעם טויט, מיין ברודער עליאָהו איז געלעגן מיטן פאָנים אַראָפּ און געוויינט, ווי אַ קליין קינד. בראָכע, זיין ווייב, האָט אַפּש אויפגע-הערט צו שעלטן זיך, ס'איז איר פאַרגאַנגען אַזעלעכס, אַז זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן, וואוהין זי פאָרט און וואו זי איז אין דער וועלט. די גרינע גאַל האָט זי אָוועקגעגעבן!...

נאָר איין פיני האָט זיך געהאַלטן ווי אַ קאָזאַק. ער איז אַרומגעלאָפן די הענט אין די קעשענעס. געקוקט דורך די ברילן אַרויף. איין הויז אַראָפּ, איין הויז פאַרקאַטשעט. דאָס האַלדזטיכל איז פאַרפאָרן ווייס איך וואוהין. ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבער דער צווישנדעק און האָט געמאַכט כויזעק פון דער גאַנצער וועלט, געדרעדט, געשאָטן מיט ווערטער: בהיימעס! פערד! אָקסן! ווייסן ניט, אַז ס'איז דאָ אַ „זאַקאָן פרירא̇דע”! אַז ווײַבאַלד עס וואַרפט מיך אַהער, דאַרף איך מיך נעמען אַהין. און אַז עס וואַרפט מיך אַהין, דאַרף איך מיך נעמען אַהער. דאָס איז דאָך אַ זאַקאָן פרירא̇דע!...

אַ מכייע אָנצוקוקן אונזער כאַווער פיני! באַייס ער קאָכט זיך, איך זאָל ניט מוירע האָבן פאַר מיין גרודער עליאָהו און ס'זאָל מיר אַזוי ניט ווײ טון דער קאָפּ, וואָלט איך אים אַראָפּגעכאַפּט מיטן בלייערל אף פאַפּיר מיט די הויזן און מיט די ברילן, ווי ער שפּאַנט אַרום און שרייט „זאַקאָן פרירא̇דע”. עס וואָלט מיר צוגעקימען אַ שטיק געלט.

פיני האָט אַזוי לאַנג געטייגעט „זאַקאָן פרירא̇דע”, ביז ער האָט געמוזט אַפּטרעטן אף אַ זייט, אָנגעבויגן זיך און באַוויזן דעם אייגענעם „זאַקאָן פרירא̇דע”, וואָס אַלע...

דערנאָך, אַז ס'איז געוואָרן שטילער, אויס שטורימווינט און די זון האָט זיך באַוויזן — האָבן אַלע אויפגעלעבט. און פיני אויך בסויכעם.

ער האָט שוין מער ניט גערעדט פון „זאַקאָן פרירא̇דע”.

ח.

אַבי איך האָב געמיינט, אַז נאָר ביי אונז אין צווישנדעק איז אַ וועלט. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אַז אַ כוץ אונז, עמיגראַנטן, פאָרן אַף דער וואַסערשטוב נאָך אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן.

צום מיינסטן פריצים, סראָרעס, אָפיצירן, גענעראַלן.

און רייכע יידן. מיליאָנשטשיקעס!

פון זייערטוועגן איז פאַראַן ביי אונז אין וואַסערשטוב באַזונדערע שטיבלאַך. „קעבקעס" הייסן דאָ די דאָזיקע שטיבלאַך. איטליכער אין אַ באַזונדער שטיבעלע.

אַ ראַכמאָנעס — זיי קאָנען ניט זיצן אַלע אינאיינעם, ווי מיר, עמיגראַנטן, אַף דער צווישנדעק. זיי, אַז זיי ווילן זיך זעהן איינס מיט דאָס אַנדערע, מוזן זיי אַרויסקריכן פון זייערע נאָרעס און אַרויפדראַפּען זיך העט-העט אַף טרעפּ אַרויף. און דאָרט איז פאַראַן אַזאַ זאַל, וואו מ'גייט זיך צונויף אַלע מיליאָנטשיקעס אינאיינעם און מ'רעדט און מע שמועסט און מע עסט.

איך וואָלט אַ באַגן געוועזן וויסן, וואָס עסן זיי? אויך „פּעטייטעס" מיט געבראָטענעם הערינג?

איך וואָלט גלאָט אַ באַלן געוועזן אַ קוק טון, וואָס טוט זיך דאָרטן, איךבין דאָרטן נאָך קיינמאָל ניט געוועזן, נאָר איך וועל זיין, איך וועל געוויס זיין.

איך וואָלט שוין לאַנג געוועזן דאָרטן — לאָזט מען מיך ניט.

אַ ביסל לאָזט ניט די מאַמע. — זי האָט ביי מיר גענומען האַנטטקיאַסקאַף באַלד מיר זיינען אַרויף אַף דער שיף, אַז איך וועל ניט אָפּטרעטן פון איר אַף אַ האָר. און אַ ביסל לאָזט מיך ניט מיין ברודער עליאָהו. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז טאָמער וועל איך זיך דערוועגן ערגעץ גיין אָן זיין וויסן, בלייב איך אָן אַן אויער. דאָס הייסט, איין אויער וועט ער מיר אָפּרייסן, דעם אַנדערן וועט ער מיר איבערלאָזן.

מאָלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי! וויפל מאָל האָט ער מיר צוגעזאָגט נאָך אין לעמבערג און אין ווין און גאָר אין אַנטווערפּען און אין לאָנדאָן, אַז ער מאַכט מיך פאַר אַ קאַליקע? דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי באַייס ער איז אין קאַאַס. דעמאָלט פלעגט ער זיין קימאַט קסיידער אין קאַאַס. איצט שוין ניט. איצטער מיט-אַמאָל געוואָרן ווייך ווי פּוטער. איך ווייס אַפילע פאַרוואָס. ער האָט אַלץ מוירע געהאַט פאַר דער מאַמעס אויגן. טאָמער לאָזט מען זי ניט אַרויף אַף דער שיף — וועלן מיר ניט קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע.

האָט גאָט געטאָן אַ נעס — מ'האָט די מאַמע דורכגעלאָזט. מ'האָט איר אַפילע קיין איין קוק נישט געטאָן אין די אויגן אַריין.

פארקערט — מע האט זי נאך אונטערגעשטופט, זי זאל שוין גיכער ארויפגיין אף דער שיף מיט אירע פעקלאך. פאר פרייד האט זי זיך דערמאנט אין דעם שוין. זי האט אפגעשיקט איר מיין ברודער עליאהו באכדעם פירגעהאלטן: — נו? וואס האב איך דיר געזאגט? האסטו באדארפט פארגיסן אזוי פיל טרערן?

ענפערט אים די מאמע און ווישט זיך די אויגן:

— פון וואנען ווייסטו, אז דאס האבן נישט געמאכט מיינע טרערן?

און זי וויינט שוין ווידער!

ווערט מיין ברודער עליאהו אויסער זיך, ער בייסט זיך די פינגער און רעדט צו איר שטיל און מער אף לאשן קוידעש, בכדי די מאטראסן מיט די „סטיו-וואַרטס" זאלן נישט פארשטיין:

— וויש אויס די אייגענע ווארן אייערע, מיר הייליקע אונז ארויין אין דער מדינה, קאן מען אונז נאך דריי מאל זאגן האשיווייני נאזאד...

קאן דאך אבער בראכע קיין אולע נישט ליידן. זאגט זי צו אים:

— בייס דיר אפ די צונג!

זאגט איר עליאהו:

— פארא אדומא.

פרעגט אים בראכע:

— וואס הייסט דאס?

מישט זיך שוין אריין אונזער כאווער פיני און פארטייטשט איר די ווערטער „פארא אדומא":

— אז דער מאן איז א פערע אדאם, איז דאס ווייב א פארא אדומא.

ענפערט אים אפ בראכע:

— מע דארף נישט האבן קיין גרעסערן פערע אדאם, ווי דו ביזט.

פארדריסט עס פיניס ווייב, טייבלען, און זי טוט זיך א זאג גלאט אזוי אין דער וועלט אריין:

— באט האט נישט געהאט וואס צו טון, איז ער געגאנגען און האט דעם גאנצן סייכל מיט דער גאנצער כאכמע אוועקגעשאנקט צו יוינע דעם בעקער מיט זיינע קינדער.

מאלט אייך, טייבל וואלט זיך נישט גענארט פון מיין שוועגערין בראכע פאר אזא שטאכווארט. האט זיך געטראפן א נעס. ווען איר הערן, וואס אין א וואסערשטוב קאן זיך פארלויפן.

ט.

אזוי ווי מיר זיצן און שמועסן זיך אויס, וואקסט אויס ווי פונם יאם ארויס — טרעפט ווער? — נאכמען דער סטאליער.

איר דאַרפט אים געדיינקען. דאָס איז דאָך נאַכמען מיטן רויטן נאָגל פון לאַק, וואָס האָט געהאַט אויסגעקויפט ביי אונז אַמאָל די גלעזערנע שאַפע, באַיס דער טאַטע, אַלאָוו האַשאָלעם, איז געלעגן קראַנק און ס׳איז ניט געווען מיט וואָס אים צו ראַטעווען.

נאַכמען איז געקומען דעמאָלט מיט זיינע צוויי באָנים, קאָפּל און מענדל, אַרויסגעטראָגן די שאַפע און צעבראָכן דאָס גלאָז.

דערזעהן אַ באַקאַנטן יידן, פון איין שטאָט, האָבן מיר זיך אַלע אַ לאָז געגעבן צו אים:

— רעב נאַכמען! ס׳איז איר?

— ווער דען?

— איר אויך דאָ?

— פאַרוואָס ניט?

— אויך קיין אַמעריקע?

— איך בין דען קיין ייד ניט?

— וואוהין — קיין נציאָרק?

— וואוהין דען?

און ס׳איז אוועק ביי זיי אַ שמועס פון דערהיים און פון דער נסיע און פון דער געגאַנוועטער גרעניץ, און פונם קאָמיטעט, און פונם אויגן-דאָקטאָר, און דער איקער פון אונזער שטאָט און פון אירע מענטשן — טויזנטער, טויזנטע באַקאַנטע. וואָס מאַכט דער? וואָס מאַכט יענער? ווער איז געבליבן אין דער היים און ווער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע?

לאָזט זיך אויס, אַז אַרויסגעפאָרן זיינען אַהין קימאַט אַלע, אַך, ווי פריילעך עס דאַרף איצט זיין אין אַמעריקע! מירן קומען צו פאָרן, וועלן מיר טרעפן טויזנטער באַקאַנטע — די גאַנצע שטאָט! און אונזער שכיינעטע פעסי די גראָבע, מיט איר מאַן מוישע דעם איינבינדער, מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע — און מיין כאַווער הערשל, אָט דער, וואָס מע רופט אים „וואַשטין" אלע וועלן אונז פאָרן אַנטקעגן, אַלע וועלן אונז אָפּגעבן שאָלעם-אַליינעם. ס׳וועט אונז זיין גוט און וואויל און פריילעך.—

ווי דערלעבט מען דאָס שוין! וויפל דאַרף עס נאָך געדויערן? וויפל טעג דאַרפן מיר נאָך זיין דאָ אין דער וואָסערשטוב.

וועמען פרעגט מען? מיין ברודער עליאָהון? — האָט ער פיינט, אַז מע דולט אים מיט אַזעלכע זאַכן. ער קאָן אייך אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש, אַז איר זאָלט זיך באַוואַשן!

פרעגן ביי אונזער כאַווער פיניען? — האָט ער אַ טעווע:

אָדער ער ענטפערט אייך מיט אַ שנעל אין ליפּ, אָדער מיט אַ ווערטל:

— אַז וועסט אַלצדינג וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן.

— מע'ט אַזוי לאַנג פאָרן און פאָרן ביז מע'ט קומען צו פאָרן.

אָדער:

— זיץ רואיק. מע'ט דיר שיקן זאָגן ה'רכן שילצטנשאַמעש.

אָדער גאָר:

— וויש אָפּ די נאָז...

איכ'ל בעסער פרעגן ביי דער מאַמען.

גיי איך צו צו דער מאַמען — וויינט זי: וואָס איז די מייסע? — נאָכמען דער סטאָליער האָט איר דערציילט, אַז יענטל איז געשטאָרבן.

דאָס איז אונזער אַ שכיינע און טאַקע אַ שטיקל אייגענע. מכותּע-נעשאַפט.

אונזער מכותּן יוינע דער בעקער האָט געהאַט אַ שוועסטער איטע מייטע. זי איז שוין לאַנג אָף דער עמעסער וועלט. איז דאָס אירע אַ שנור. אַ געוועזענע שנור. זי האָט מיט איר מאַן געהאַט געגעס זיך און נאָך אַמאָל כאַסענע געהאַט. דאַווקע פאַר אַן אַלמען און דאַווקע גוט געטראָפן. אַן קינדער. דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק: זי צינדט אָן אַ לעמפל, פּלאַצט דאָס גלעזל. כאַפּט דער רואַך דאָס גלעזל. נייןן! שרעקט זי זיך איבער און לאָזט אַרויס דאָס לעמפל. גיסט זיך אויס דער קאָ-ראָסין. צינדט זיך אָן אָף איר דאָס קליידל און הויבט אָן ברענען. נעם זשע און וואַרף אַראָפּ דאָס קליידל — גייןן! לויפט זי אַרויס אין דרויסן און מאַכט אַ גוואַלד, צעלאָזט זיך דאָס קליידל און עס צעבלאָזט זיך דאָס פייער נאָך שטאַרקער. וויל מען זי ראַטעווען — לאָזט זי זיך ניט. לויפט און שרייט: „יידן, ראַטעוועט!" ברענט זי ווי אַ ליכט. געוואָרן שוואַרץ ווי אַ האָלעוועשקע. דריי טעג מיט דריי נעכט געמוטשעט זיך און ערשט אָפן פערטן טאָג געשטאָרבן.

י.

— באָרוך דאַיין עמעס! ווער בעט אייך איר זאָלט דערציילן אַזעלכע מייסעס, ביכדיי מיין מאַמע זאָל האָבן וואָס באַוויינען און אויסוויינען דאָס לעצטע ביסל אויגן?

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליאָהו און פאַלט אָן אָפן סטאָליער.

פאַרענטפערט זיך דער סטאָליער, אַז ערשטענס וועלן מיר אַלע שטאַרבן. קיינער וועט זיך פונם מאַלאַך האַמאָוועס ניט אויסדרייען, ניט אויסקויפן און ניט אויסבאַהאַלטן זיך. און וועמען דער טויט איז באַ-שערט, וועט ער אים אַפילע אין אַמעריקע אויך טרעפן, ווי מיר האָבן געזאָגט היינטיקן ראַשעשאָנע אינם אינסאַנע טויקעף: מי באָאייש אומי באַמאָאים...

שלאָגט איבער מײַן ברודער עליאָהו:

— איר זײַנט דען געוואָרן אַ מאַגיד, וואָס איר האָט זיך אָוועקגעשטעלט זאָגן מוסער? איר זײַנט, דאַכט זיך, געווען אַמאָל אַ ייר אַ סטאָליער?

— געווען אין דער היים אַ סטאָליער און מיט סטאָליערײַ וועל איך זיך פֿאַרנעמען אין אַמעריקע.

— וואָס-זשע האָט איר זיך דערמאָנט פּלוצים אינם אונסאַנע טויקעף?

— וואָס הייסט? ס'איז דאָך עפּעס הײַנט אַסערעס יעמי טשוווע אָף דער גאַנצער וועלט!...

שאַט! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן זיך אײַנגעזעצט אַף דער שיף באַלד נאָך ראָשעשאָנע און אַז מיר האָבן איצט אַסערעס יעמי טשוווע אויב אַזוי האָבן מיר דאָך באַלד יאָמקיפּער.

ניט שוין-זשע וועלן מיר האַלטן יאָמקיפּער אָט דאָ, אין דער וואַסער-שטוב? אָט דאָ וועלן מיר שלאָגן קאַפּאָרעס? אָט דאָ וועלן מיר זיך פֿאַרפֿאַסטן און אָפּפֿאַסטן? אָט דאָ וועלן מיר דאַווענען? זיך שלאָגן אַלכעטס? אין וואו וועלן מיר נעמען אַ כאַזן? אַן אָמנער? אַ סייפֿער-טיירע? און אַ שויפֿער אָפּן לעצטן בלאָזן? אין כאַלעש-טראָפּנס? און נאָך און נאָך אַ סאַך אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קאָן זיך אָן דעם יאָמקיפּער ניט באַגיין?

אין וואַסערשטוב יאָמקיפּער?

יאָמקיפּער אָפֿן וואַסער?!...

אינהאַלט:

	זייט
1. איך און דאָס קעלבל.	3
2. מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם.	14
3. וואס וועט זיין פון מיר?	19
4. מיין ברודער עליאָהו האט כאָסענע.	29
5. מיין ברודער ליאהוס געטראנק.	36
6. מיר פארפלייצן די וועלט מים טינט.	42
7. נאָכווייעניש פון דער טינטפארפלייצונג.	49
8. אונזער כאווער פיני.	50
9. שאַ'ט, מיר פארן קיין אמעריקע.	54
10. מיר באגוועגען די גרעניץ.	61
11. מיר זיינען שוין אין בראד.	69
12. קראקע מיט לעמבערג.	76
13. ווין איז א שטאָט און באָמ איז א פאָטער.	82
14. אנטווערפען. וואנדער פון אנטווערפען.	89
15. די כאליאסטרע.	97
16 די כאליאסטרע ווערט צעקראכן.	104
17. זיי בעזונגט אנטווערפען.	110
18. לאנדאן, פארוואס ברענסטו נישט?	113
19. די וואסערשטוב.	118